STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08637

MEKUBOLIM IN ERETS YISRAEL

Eliezer Raphael Malachi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ר. מלאכי

מקובלים אין ארץ ישראל

פארלאג „כנרת"
ניו יארק
1928

Copyright, 1929
by
E. Malachi

PRINTED AT THE
HEBREW MONOTYPE PRESS
NEW YORK

דעם ליכטיקן אנדיינק פון מיין
יונג פארשטארבענעם פאטער,
הרבּ שבּתי ז"ל, געהייליקט.

אינהאַלט

* * * 7

צפת–דער צענטער פון די מקובלים 9

רבי משה קאָרדאָווירא–דער מקובל־פילאָזאָף 21

רבי יוסף קאַרו–דער מקובל־אינדיווידואַליסט 32

רבי שלמה מולכו–דער ענטוזיאַסט און מאַרטירער 44

רבי שלמה אַלקבץ–דער מחבר פון „לכה דודי" 71

די מעשה פון יוסף דילאַ־ריינה 85

רבי ישראל נאַג'אַראַ–דיכטער און מקובל 104

דער האר"י הקדוש 121

רבי חיים וויטאַל 171

רשימה פון פערזאָנען 187

* * *

די אַרטיקלען וואָס גייען אין דעם בוך אַריין, זיינען בלויז אַ קליינער טייל פון אַ גרעסערער אַרבעט וועלכע נעמט אַרום אַלע מקובלים אין ארץ־ישראל ביז אין מיטן פון די זעכציקער יאָר פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. צוליב פינאַנציעלע סבות בין איך ניט אומשטאַנד דאָס צו פאַרעפנטליכן איצט. צוליב דעמזעלבן טעם קומען אין בוך ניט אַריין די פאָרשונגען, באַמערקונגען, רשימה פון קוועלן מיט וועלכע איך האָב זיך באַנוצט, ווי אויך אַ ביבליאָגראַפיע, וואָס וועלן פאַרעפנטליכט ווערן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

די דאָזיקע אַרבעט האָט מיך פאַראינטערעסירט נאָך אין מיין פריסטער יוגנט. זייענדיק נאָך אַ קליין קינד, איידער איך האָב פאַרלאָזן ירושלים, פלעג איך זייער אָפט באַזוכן די קבלה־שטיבלאַך, אין וועלכע די „לעצטע מאָהיקאַנער" פון דער קבלה־וועלט, פלעגן זיצן אויף נידעריגע בייגקלאַך און מיט אַן אומעטיקן ניגון לערנען דעם „זוהר" און די אַנדערע קבלה ספרים.

איך פלעג שטונדן לאַנג אָפּזיצן אין דער ישיבה פון דעם ניט לאַנג פאַר־שטאָרבענעם „חכם" יצחק גאַגין, פלעג מיט אימפּעט בלעטערן די אַלטע פאַרשטויב־טע ספרים, און פאַרגאַפט זיך צו הערן צו די מעשיות און רייצנדע לעגענדעס וואָס גאַגין פלעגט מיר דערציילן וועגן זיין זיידן שלום שרעבי און די אַנדערע מקובלים פון „קהל חסידים".

שוין דעמאָלט האָב איך גענומען קלייבן מאַטעריאַל פאַר אַן אַרבעט איבער די מקובלים, און צווישן מיינע קינדערשע כתבים געפינט זיך אַן אָנהויב פון שרעביס ביאָגראַפיע, מיטן מליצהדיקן נאָמען „מאור השמ"ש" (ראשי־תבות פון שלום מזרחי שרעבי).

די אַרטיקלען וואָס קומען אַריין אין דעם באַנד האָבן זיך אין 1926 געדרוקט אין „טאָגעבלאַט". כאָטש געדרוקט אין באַזונדערע אַרטיקלען אין אַ טאָג צייטונג זיינען זיי דאָך צווישן זיך פאַרבונדן, איינג צונויפגעפלאָכטן און שטעלן מיט זיך פאָר איין גאַנצע און אָפּגעוואונדערטע זאַך.

איך האָב מיט דער אַרבעט מער אין זינען געהאַט צו געבן אַ פּאָפּולער־היסטאָרישע אָפּהאַנדלונג ווי וויסנשאַפטליכע פאָרשונגען. איך בין אויסן געווען אַריינפירן דעם לעזער אין דער אַטמאָספערע פון איינע פון די הערליכסטע שטרע־מונגען ביים אידישן פאָלק, אויפלעבן די הויפּט פיגורן פון דער קבלה־וועלט, שילדערן זיי אין דעם ליכט ווי דאָס פאָלק האָט זיי געזען בשעת זיי האָבן געלעבט.

צום סוף וויל איך אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק צו מיינע פריינט שמואל גינצבערג און משה אַלפּעראָוויטש, די אייגנטימער פון „היברו מאַנאָטייפּ פּרעס", פאַר געבן מיר די מעגליכקייט צו פאַרעפנטליכן דעם בוך, און פאַר זייער מי אַז עס זאָל אַרויס וואָס שענער.

א. ר. מלאכי.

ניו־יאָרק, דעם 14טן דעצעמבער, 1928.

צפת—דער צענטער פון די מקובלים

(איינלייטונג)

ניט קיין פרעמדער פּראָדוקט איז זי, די קבלה. ניט אונטער פרעמדע הימלען איז זי אויפגעגאַנגען און ניט אויף אַ פרעמדער ערד איז זי אויסגעוואַקסן. אין דעם אויר פון ארץ־ישראל איז זי געשאַפן. אויף איהר באָדן האבן אירע ערשטע שפּראָצונגן זיך באַוויזן, אירע ערשטע בליטן אויפגעבליט און אירע וואָרצלען שלאָגן טיף. דאָ האָט זיך זי ענטוויקלט און פון דאַנען האָט זי זיך פאַרשפּרייט און איר אַיינפלוס אויסגעברייט אויף אַ גרויסן טייל פון פאָלק.

געוויס, אין די צייט וואָס דאָס הייליקע לאַנד איז געווען וויסט, ווען גאָטס צאָרן איז אויף איר נאָך געווען אויסגעגאָסן און די תּוכחה קללות האָבן גערוט אויף איר, אין די צייט ווען די קינדער זיינען געווען פאַרטריבן פון דער מוטערס שויס, זיינען געווען צוואָרפן און צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, ניט האָבנדיג קיין צענטער וואָס זאָל זיי פאַראייניקן—האָט די קבלה פּונקט ווי אַלע אונזערע גייסטיקע אוצרות, געמוזט אָפּריכטן גלות. האָט צוזאַמען מיט די אידן איבערגעוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, איז ניט איינמאָל איבערגעפלאַנצט געווארן פון איין באָדן אין אַ צווייטן. זייט די קבלה האט גענומן ווערן באַקאַנט צווישן פאָלק, זייט זי איז געוואָרן איינע פון די הויפּט יסודות פון דער אידישער קולטור, און זייט זי איז געוואָרן דער אוראויסשעפּליכער קוואַל צו דערגיין אַלע סודות פון דער תּורה און אונזערע גייסטיקע אוצרות,—פון דאַמאָלסט אָן געפינען מיר די קבלה פעסט אַיינגעוואָרצלט אין יעדע לאַנד ווו אידן געפינען זיך נאָר. מיר געפינען מקובלים אין דייטשלאַנד, אין שפּאַניען, אין ענגלאַנד, אין מאַראָקאָ, אין טוניס, אין יעמען, אין איטאַליע און

עגיפּטען. יעדע לאַנד איז פאַרטראָטן מיט אירע גרויסע מקובלים, וועלכע יעדער איינער פאַרשטייט איר אויף זיין שטייגר. פאַר־טיפט זיך אין איר, זוכט צו דערגרונטעווען און געפינען וואָס ער זוכט אין איר. איז איר מבאר און מפרש אויף זיין אַרט און שטיי־גער. דורך זיי ווערט זי דער „ווינטש־פינגערל" פאַרן גאַנצן פאָלק, מען שפּייזט זיך און מען קוויקט זיך מיט איר.

די קבלה האָט אָבער, אויך זייענדיק אין גלות, איר הויפּט יניקה געצויגן פון ארץ ישראל.

און עס איז קיין וואונדער ניט. די קבלה, וועמעס הויפּט יסוד איז פאַרבונדן מיט ארץ ישראל, וועלכע איז פול מיט בייענקניש צו דאָס לאַנד, וועלכע זוכט שטענדיק אַ תיקון צו דער „שכינתא בגלותא", וועלכע שטרעבט און האָפט צו דער גאולה שלמה, האָט פאַר זיך קיין אַנדער צענטער ניט געקענט אויסקלייבן אויסער ארץ־ישראל.

און מיר זעען טאַקע פון די פילע מאמרים וועלכע זיינען צו־שפּרייט און צעוואָרפן איבערן „זוהר", „תיקונים" און אַנדערע קבלה ספרים, וועלכע ווייזן ווי שטאַרק די מקובלים זיינען געווען פאַרבונדן מיט ארץ ישראל און זייערע נשמות זיינען געווען צו איר צוגעקניפּט מיט ברענענדע פלאַמן. אויף יעדן טריט און שריט באַגעגנען מיר מאמרים און אויסדריקן, וועלכע רעדן מיט באַגייסטערונג איבער די הייליקקייט פון ארץ ישראל, און זיינען מבטל דעם גלות מיט דעם גרעסטען בטול.

אַלס אילוסטראַציע וועל איך ברייגגען אייניקע פון זיי:

„נאָר אין דעם ריינעם אויר פון ארץ ישראל קען מען דינען דעם קדוש ברוך הוא, ווייל אין ארץ־ישראל האָבן די קליפּות קיין שום שליטה ניט".

„אין דעם הייליקן אויר פון ארץ־ישראל האָבן זיך אַנטפּלעקט די נביאים, וועלכע האָבן זייער חומר אַזוי אויסגעאיידעלט און האָבן מיט אַלע זייערע חושים זיך מתקן געווען צו דער קדושה".

„ארץ־ישראל איז די האַרץ פון וועלכע אַלע אברים ציען זייער חיות און עקזיסטענץ".

„זייט די כנסת ישראל איז פאַרטריבן געוואָרן פון איר לאַנד זיינען אַלע צנורות השפע פאַרשטאָפּט געוואָרן. איצט שפּייזן מיר זיך נאָר פון דעם אָפּפאַל פון דערדאָזיקער שפע, וועלכע איז פאַרזייט געוואָרן פאַרן גלות".

„ווען די מערסטע צדיקים וועלן זיך געפינען אין ארץ־ישראל וועלן זיי פאָרטזעצן דעם ריינעם, הייליקן און איידעלן שפע. אַ דאַנק זיי וועלן די ביסל צדיקים וועלכע וועלן זיך געפינען אין חוץ לארץ, קענען ממשיך זיין פון די שפע וועלכע וועט ווערן אַראָפּגענידערט אויף ארץ־ישראל".

„אין דעם זכות פון די צדיקים אין ארץ ישראל עקזיסטירט די גאַנצע וועלט, בשעת דער זכות פון די צדיקים אין גלות העלפט נאָר פאַר דעם אָרט אין וועלכן זיי געפינען זיך, זיי זיינען ווי דער חיות פון איין אבר וועלכער קען נאָר זיכזעלבסט באַשיצן".

דער בטול פון דעם אידישן לעבן אין גלות ווערט אַם שטאַרקסטען אויסגעדריקט אין דעם פאָלגענדן מאמר:

„דער סוף פון די אידן וועלכע פאַרבלייבן אין גלות איז צו ווערן פאַרשלונגען אין דעם טמאדיגן אויר, און זייער כח צו היטן די תורה און מצות וועט ווערן אין גאַנצן אָפּגעשוואַכט"...

און אַ באַזונדער ליבע מערקט זיך צו די יעניקע וועלכע האָבן זוכה געווען צו געבאָרן ווערן אין ארץ־ישראל, דער וועל־כער האָט געהאַט דאָס גליק ניט אײַנצוזאַפּן דעם אויר פון גלות און אין זיין נשמה האָט זיך ניט צוגעקלעפּט פון דעם שמוץ און שטויב פון גלות.

דער גרויסער מקובל רבי אברהם אזולאי שרייבט איבער דעם:

„ווייל צו אים... זיין נשמה איז געקומען אויף דער וועלט בקדושה ובטהרה און האָט זיך ניט אָנגעקליידט מיט די טומאה

פון דעם גוישן אויר... זיינע מצות זיינען פול מיט רוחניות און זיינען בתכלית הטוהר, איז ריין פון די קליפות און טומאות פון די אומות העולם"...

אין דעם „זוהר" האָבן זיי געזען די גרויסע ליכט, וועלכע שיינט פאַר די אידן אין גלות און לאָזט זיי ניט פאַרגעסן אָן זייער לאַנד. דער זעלבער רב אברהם אזולאי דריקט זיך אויס:

„זאָלסט וויסן דאָס די הויפט כונה פון רבי שמעון בן יוחאי בשעת ער האָט מחבר געווען דעם זוהר, איז געווען, ווייל די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ליכט איז אָן אַ שום שפע, אָן אַ הילף און אָן אַ שטיצע און ער האָט דורך אים געוואָלט מאַכן אַן אָנשפּאַר אויף וואָס צו אָנלענען זיך"...

די דאָזיקע מאמרים זיינען נאָר אַ טראָפּן פון דעם גרויסען ים. וואָלטן מיר וועלן צונויפזאַמלען זיי און ברייננגען אפילו דעם קלענסטען טייל, וואָלט מען געקענט אויספילן היבשע עטליכע ביכער.

מיט אַ באַזונדער אינסטינקט האָבן די מקובלים געפילט די פאַרבאָרגענע שטאַרקע סטרונעס, וועלכע פאַרבינדען די נשמה פון פאָלק צו די נשמה פון לאַנד, און האָבן די וואָרצלען נאָך מער פאַרטיפט, געזוכט די ליבע צום לאַנד מאַכן שטאַרקער קלאַפּן אין די הערצער, פאַרטיפן איר און באַאיינפלוסן דאָס פאָלק צו גיין אויפבויען איר, ווייל די שכינה, כביכול, איז ניט בשלימות, כל זמן ארץ־ישראל איז ניט אויפגעריכט אין אַלע אירע גרעניצן...

און ניט ווילנדיק, האָבן זיי טאַקע געווירקט. זיי האָבן געווירקט ווייל זייער הייסע און טיפע ליבע צו ארץ־ישראל האָבן זיי געשעפּט פון די טיפע אונאויסשעפּליכע קוואַלן, וועמעס וואַסערן האַלטן אין איין קוועלן, פליסען אייביק אָן אַן אָפּשטעל.

און גרויס איז געווען דער חשק, שטאַרק די בייגקניש פון יעדן מקובל זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל, זיך צו געפינען אין איר אויר, וווּ די נשמה באַקומט איר ריכטיקן תיקון, וווּ מען ווערט

באַשאַפן פון דאָס ניי, ווו מען איז זוכה, אויב מען איז נאָר מסוגל, צו דערגיין די טיפסטע סודות פון דער תורה.

און גלייך ווי ארץ־ישראל נעמט ווערן אויפגעלעבט, טרעפן מיר שוין דאָרט מקובלים, וועלכע זוכן צו באַפעסטיקן זיך אין לאַנד. בויען זיך דאָרט אַ שטענדיקן נעסט און פעראייניקן די קבלה מיט דאָס לאַנד מיט אַ שטאַרקן בונד.

מיטן קומען פון רמב״ן אין ארץ־ישראל, מערקן זיך שוין שפורן פון מקובלים אין לאַנד. דער רמב״ן וואָס איז אויך געווען גרויס אין קבלה, האָט זיך אָפגעגעבן צו פאַרגרעסערן דעם ישוב, און דורכדעם אויסשפרייטן דעם גייסטיקן איינפלוס אויפן גלות. די מקובלים רב יצחק פון עכו און רב שלמה פעטיט זיינען נאָר פאַר־אינטערעסירט אין די קאָנצענטרירונג פון די מקובלים.

אַ צענטער פאַר ביידע תורות—אי פאַר נגלה אי פאַר נסתר— האָבן זיי געוואָלט גרינדען אין ארץ־ישראל.

און עס הויבן אָן קומען די אבלי ציון, די וועלכע טראָגן אויף זיך די ליידן פון גאַנצן פאָלק, וועלכע ווילן מיט זייערע יסורים מתקן זיין די חטאים פון גאַנצן דור און דערנענטערן דעם קץ.

בשעת רב בנימין פון טאָלידאָ איז געקומען קיין ירושלים, האָט ער שוין געפונען דעם חסיד וקדוש רב אברהם אל קאָס־טאַניטיני, וועלכער איז געווען אָפגעשיידט פון אַלע הבלי עולם הזה, איז מצרף אותיות און זוכט דערגיין דעם פתרון צו דער גאולה, אויסגעפינען דעם קץ און איז מתפלל אויף ביאַת המשיח.

דאָס איז דערזעלבער חסיד וואָס דער „בית יוסף״ דערמאָנט אים אין זיין ספר „אַבקת רוכל״, מיט דעם גרעסטען רעספעקט און פאַרגעטערונג. שטעלט אים אַרויס אַלס מוסטער אין וועמעס דרכים מען זאָל גיין און זיך פירן.

אין פופצנטן יאָרהונדערט ווערן אין ארץ־ישראל געמאַכט די ערשטע פאַרזוכן צו גרינדן אַ צענטער פאַר קבלה.

די צענטערס ווערן געגרינדעט אין ירושלים און אין צפת– די צוויי הייליקסטע שטעדט פאַר די מקובלים. אין ירושלים אָבער, האָט דער פאַרזוך זיך ניט איינגעגעבן. ירושלים איז דאַ־מאָלס געשטאַנען הינטערשטעליק בנוגע רוחניות. אין די ענדע פון פופצנטן יאָרהונדערט און אָנפאַנג פון זעכצנטן יאָרהונדערט האָבן די אידן פון ירושלים געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות פון די טיראַנישע פּאַשאַס, וועלכע האָבן זיי געפּייניקט און געמאַטערט ביז צום טויט. די גבאים און פרנסים פון די אידן אין דער הייליקר שטאָט, האָבן זייער געמיינדע ניט ווייניקער אונטערדריקט ווי די טערקישע מושלים. זיי זיינען געווען פּראָסטע, גראָבע מענטשען, תקיפים און גרויס ביי זיך, און זייער באַציאונג צום תלמיד חכם איז געווען מיט אַזאַ בטול און מיט אַזאַ שנאה וואָס נאָר אַ פאַרבי־סענער עם הארץ קען פילן צו דעם העכערן און איידעלערן פון אים. דעם רמב״נס קלאָג ווערטער: „וואָס עס איז הייליקער–איז מער וויסטער. ירושלים איז די הייליקסטע פון גאַנץ ארץ־ישראל, דעריבער איז זי חרובער און וויסטער פון יעדער שטאָט״, איז אַ ריכטיקע שילדרונג פאַר יענער צייט. אַזאַ גאון און מקובל ווי דער של״ה, האָט געמוזט פיל אויסשטיין אי פון די גוים און אי פון די אידישע פרנסים, איז געווען געצוווּנגען זיך צו שיידן פון זיינע ליבע תלמידים און באַהאַלטנערהייט אַנטלויפן פון ירושלים.

דערפאַר אָבער האָט דער צענטער אין צפת אין גאָר אַ קורצע צייט, אויפגעבליט און איז געוואָרן דער לייכט־טורם צו יעדן מקובל. צפת איז געוואָרן ניט נאָר אַ נעסט פאַר די מקובלים פון ארץ ישראל, נאָר פון דער גאַנצער וועלט האָט מען זיך גע־צויגן אַהין. די קבלה איז דאָרט געקומען צו איר שלמות, האָט דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה. אין צפת איז זי געוואָרן די „תורת ח״ן״, די „חכמה נסתרה״ צו וועלכער מען דאַרף האָבן אַ הויכע נשמה צו באַקענען זיך מיט איר, מען באַדאַרף אין זיך באַזיצן דעם גייסט פון אַ נביא, אַ תנא, אָדער אַן אַמורא אום צו

זיין מסוגל צו פאַרשטיין די סודות וועלכע זיינען פאַרבאָרגן אין איר.

און צפת איז ווירקליך צוגעפּאַסט צו זיין דער צענטער פאַר קבלה. עס דוכט זיך אויס דאָס זי איז משׁשׁת ימי בראשׁית צוליב דעם באַשאַפן געוואָרן. צפת איז א שיינע שטאָט, און איז פול מיט מיסטיציזם. זי איז געבויט אויף איינע פון די שענסטע גליל־בערג, וועלכע רינגלט איר אַרום ווי אַ מויער, און מאַכט איר אָפּגעשיידט פון דער גאַנצער וועלט. איבער איר איז אויסגעשפּרייט אַן אײ־ביקער בלויער הימל, בלוי און ריין אָן אַ שום פּגימה.

און רייך איז צפת מיט קברים. די גרעסטע צדיקים האָבן זייער רו אין איר ערד געפונען און יעדער קבר איז באַצירט מיט הונדערטער לעגענדעס וועלכע רייצן די פאַנטאַזיע און גיבן שפּייז צו דער נשמה.

נאָענט צו צפת געפינט זיך מירון – דער דאָרף אין וועלכן רבי שמעון בן יוחאיס קבר געפינט זיך. דער קבר וועלכער איז שטענדיק געווען אַ כשוף־אָרט צו יעדען מקובל, ווו דער האַר״י פלעגט קומען אָפּריכטן התבודדות, זיך פאַרטיפן און מיט רוח הקודש דערגאַנגען דעם שורש פון יעדע נשמה.

אַ באַזונדער רייץ ליגט אויך אין די אַלטע שולן און בתי־מדרשים וואָס אין צפת. אויף יעדער שול רוט דער הויך פון סודות און וואונדערליכע לעגענדעס. יעדער שטיין דערציילט אַן אַנדער נס, און יעדער ציגל איז פאַרבונדן מיט אַן אויסערגעוויינ־ליכע פּאַסירונג. אַזוי ווערט נאָך ביז היינטיקן טאָג דערציילט וועגן די ספר תורה וואָס געפינט זיך אין דער שול פון רבי יצחק אבוהב. די ספר־תורה האָט רבי יצחק אבוהב אַליין געשריבן מיט זיינע הייליקע הענט. געשריבן איר מיט דער גרעסטער קדושה וטהרה, האָט אויף יעדען אות און תג זיבן מאָל זיך טובל געווען און מכוון געווען מיט די הייליקסטע שמות. די ספר־תורה

ווערט טאַקי געהאַלטן בקדושה, און נאָר שבועות, ראש־השנה און יום כפור נעמט מען איר אַרויס צו לייענען אין איר.

און בשעת מען פלעגט דעם ספר אַרויסנעמען פון ארון־קודש, פלעגט די שול ווערן אָנגעפילט מיט ענני־כבוד.

פיל מאָל האָבן די אַראַבער געמאַכט אַ פּאַרזוך אַרויסצו־גנבענען דעם הייליקן ספר, אָבער יעדעס מאָל פלעגט אַ געהיימע האַנט אים צוריקברענגען און שטעלן איהם אויף זיין פּלאַץ.

אַזוי דערציילט די פאָלקס־לעגענדע.

בשעת אין צפת איז פאָרגעקומען דער גרויסער רעש, איז אויך איינגעפאַלן די שול פון רבי יצחק אבוהב. און מעשה־נסים—די וואַנט ווו דער אָרון איז געשטאַנען איז געבליבן גאַנץ און אַזוי איז די ספר־תורה ניצול געוואָרן.

מען האָט די ספר־תורה געוואָלט איבערפירן אין דעם האר״יס שול. צען תלמידי חכמים האָבן זיך געהייליקט, האָבן זיך טובל געווען, און מיט געזאַנג איר אַריבערגעטראָגן און אָוועקגעשטעלט איר נעבן דער ספר תורה פון רבי שלמה אבוכנאר, איינער פון די גרעסטע מקובלים אין צפת. וואָס איז אָבער געשען?—די אַלע אידן האָבן דעם יאָר ניט איבערגעלעבט!

אַן עד־ראיה, רב חיים הורוויץ דערציילט (אין זיין ספר „חבת ירושלים"):

„אַנומעלט האָט אַ סופר גענומען פאַרריכטן די צוריסענע ספר־תורה און ער איז דעם זעלבן יאָר געשטאָרבן."

מיט אַזוינע צויבער־לעגענדעס זיינען רייך די אַנדערע שולן פון צפת.

אין זעכצנטן יאָרהונדערט האָט זיך צפת זעהר פיין ענט־קעלט. סיי גייסטיק, סיי עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, איז איר לאַגע פיל בעסער געווען פון ירושלים. אין צפת האָבן זיך געפונען די גרעסטע גאונים. מיר געפינען דאָרט רב יוסף קאַרו, רב יעקב בי־רב, דעם רלב״ח, רב משה קאָרדאָווירא, רב אברהם גאַלאַנטי,

דעם אַלשיך, רב שמואל אוזידאָ, רב יוסף מאַטראַני, רב אליהו די־ווידאַש, רב שלמה אלקבץ, רב שלמה מולכו, און דעם האר״י, דער גרעסטער מקובל וואָס אין אים האָבן די מקובלים געזען דעם געזאַלבטן, דעם יעניקן וועלכער איז געוואָרן דער צויבר צו אַלע מקובלים.

די לעבנס־מיטלען זיינען דאַמאָלס געווען זעהר ביליק. די אידן האָבן געלעבט אַ פּשוטן, באַשיידענעם לעבן. די מערסטע זיינען געווען אָרימע לייט. פלעגן אַרומדרייען זיך מיט סחורה איבער די אַראַבישע דערפער, אָדער פלעגן זיך באַשעפטיקן מיט פאַרשידענע מלאכות. זיינען אָבער געווען מסתפּקים במועט, און געזאָרגט מער פאַר דער נשמה ווי פאַרן גוף. שלמה שלוימעל, איינער פון האר״יס תלמידים, שרייבט „דאָס בשעת ער איז גע־קומען אין צפת, האָט ער געפונען גרויסע למדנים, קדושים און אַנשי מעשה וועלכע זיינען פול מיט גאָטס וויסן און זיינען ראוי דאָס די שכינה זאָל אויף זיי רוען.״

אין יאָר 1603 האָבן זיך אין צפת געפונען אַכצען ישיבות, איין און צוואַנציק שולן, עטליכע תלמוד תורהס ווו עס האָבן געלערנט פיר הונדערט תלמידים מיט צוואַנציק מלמדים. די תלמוד תורהס פלעגן ווערן אויסגעהאַלטן פון רייכע אידן אין קאָנסטאַנטינאָפּל. די געמיינדע איז צו אָרים געווען אויסצוהאַלטן אירע אינסטיטוציעס.

און וואָס מער וואונדער—די גרעסטע רבנים זיינען געווען פּשוטע אַרבייטער, און ניט געוואָלט נהנה זיין פון דעם זכות פון דער תורה. זיי האָבן מקיים געווען דעם „אהב את המלאכה ושנא את הרבנות״ אין דעם פולן זין פון וואָרט.

און פרום איז מען דאַמאָלס געווען, אַזוי פרום דאָס עס איז קיין גלייכן ניט צו געפינען. יעדער איז ריין געווען ווי אַ מלאך, און טאָמער האָט מען געהאַט אַ שמץ זינד מיט דער מחשבה נאָר, פלעגט מען מיט ציטערניש, מיט געוויין, מיט ענוים און סגופים,

תשובה טאָן. אַ מקובל מיטן נאָמען רב אברהם הלוי ברוכים, פלעגט זיך אָפּגעבן מיט מעורר זיין דאָס פאָלק צו תשובה טאָן. יעדע נאַכט פלעגט ער אַרומגיין איבער די גאַסן, און מיט אַ אומעטיקן ניגון און מיט געוויין אויפוועקן צו „תיקון חצות". פלעגט שרייען: „אידן! וואָרום שלאָפט איר? צי דען ווייסט איר ניט דאָס צוליב אונדזערע זינד איז די שכינה הקדושה אין גלות, אונזער בית המקדש איז חרוב, דאָס אידישע פאָלק ליידט אין גלות די גרעסטע און ביטערסטע עינויים, און איר שווייגט! שטייט אויף לעבודת הבורא און בעט גאָט דאָס דער גואל צדק זאָל אין גיכן קומען!"

די גאַנצע אַטמאָספערע איז געווען אָנגעזאַפּט מיט רוחניות. יעדער איינער איז געווען אַ גרויסער ירא שמים, האָט געלערנט מיט שמחה און געטיילט צדקה מער ווי זיין שטאַנד האָט אים ערלויבט.

אין אַזאַ אַרט לעבן האָט טאַקע געקענט געשאַפן ווערן גייס־טיגע שטרעמונגען. ניט נאָר אַ צענטער פאַר קבלה איז צפת גע־ווען, אויך אין נגלה און דרוש האָט צפת באַדייטענדע קרעפטן אַרויסגעגעבן. אין צפת איז אויפגעגאַנגען דער געדאַנק צו באַנייען די סמיכה, און אין צפת האָבן זיך באַוויזן אַזעלכע דרשנים ווי רבי משה אלשיך און דער מחבר פון „ראשית חכמה", רבי אליהו די־ווידאַש.

עס איז קיין וואונדער ניט וואָס צפת איז געוואָרן דער כישוף־פּונקט צו יעדן אידן אין גלות, וואָס אין זיין האַרץ האָט געטליעט דער אייביגער פייער צו דאָס לאַנד. איבערהויפּט זייט עס איז אויפגעגאַנגען דער שטערן, דער האר"י, זייט אין גלות האָט מען זיך דערוווּסט דאָס עס איז אויפגעגאַנגען אַ נייע ליכט, האָט מען יעדן טאָג געהאַלטן אין איין קומען אין צפת, זוכה צו זיין צו ווערן פון האר"יס תלמידים. ווי שוואַלבן באַוויזן זיי זיך די מקובלים, וועלכע גרופּירן זיך אַרום האר"י. און די גרופּע „גורי האר"י"

ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער. פון וואַנען טרעפן מיר ניט די פאַרביינקטע מקובלים?—פון איטאַליע, פון פוילן, פון עגיפּטען, פון מערן און פון דייטשלאַנד. יעדעס לאַנד איז פאַרטראָטן, און זייער אַיינפלוס פילט זיך נאָכדעם אויף די מקובלים אין גלות. דער מחבר פון „עמק המלך" ערלויבט זיך צו מבטל זיין די אַלע מקובלים וועלכע האָבן געלעבט ביז דעם האר"י. ער דריקט זיך אויס: „אַלע מקובלים וועלכע האָבן מחבר געווען ספרים נאָך רבי שמעון בן יוחאי ביז צו דער איצטיקער צייט, זיינען אַלע געווען גרויסע צדיקים און חסידי עולם, זיי האָבן אָבער געזייט אומזיסט און גאָרניט געבאָרן"...

דער ישוב אין צפת ווערט אַלץ גרעסער, און ניט נאָר מקובלים ווערן צו איר צו געצויגן. סתם אידן ווילן אויך וווינען אין דעם הייליקן אויר פון דער שטאָט וועלכע איז אָנגעפילט מיט נשמות, וואָס שוועבן אום ווי ווייסע טויבן און זוכן זייער תיקון. די מערסטע קומען צוליב רעליגיעזע געפילן און בייקעניש נאָך משיח'ן, זיי ווערן אָבער פאַרכאַפּט פון דער קבלה, זוכן צו באַנייען זייערע הערצער, און שטרעבן צו דערנענטערן דאָס גאַנצע פאָלק צום לאַנד און ברייגנען די פאָלקאָמע אידישע אויפלעבונג.

שווערמער און טרוימער וועמען עס נאָגט איין געדאַנק: דערנענטערן דעם קץ. יענער דור איז טאַקע געווען פול מיט משיח האָפנונג. און אין צפת האָט זיך טאַקע אָפּגעשפּילט די שטאַרקסטע און רירענדסטע משיח־דראַמע, די טראַגעדיע פון יוסף די לאַ־ריינה.

אָבער כאָטש שווערמער און טרוימער, איז צו באַוווּנדערן ווי די מקובלים פון ארץ ישראל זיינען ניט הינגעריסן געוואָרן נאָך שבתי צבי און ניט געווען פון זיינע אָנהייגערס. אַ חוץ אייניקע —אברהם קואינקא און נתן העזתי, האָט שבתי צבי ניט געפונען קיין שטיצע פון די מקובלים אין ארץ־ישראל. דער משיח געדאַנק באַקומט אָבער דאָרט אַ נייעם ממשות מיטן קומען פון דעם דיכ־

טער מקובל רבי משה חיים לוצאַטו. ער באַזעצט זיך אין טבריה, וווּ ער וויל אויפלעבן דעם צענטער וועלכער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, צוליב די שווערע צייטן וואָס די אידן אין גליל האָבן דורכגעמאַכט.

צפת הערט אויף צו זיין דער צענטער פאַר די מקובלים נאָך אין אָנהויב פון זיבצנטן יאָרהונדערט. עס שוועבט נאָך דער גייסט פון האר"י און זיינע תלמידים, אָבער עס פעלט אַ פּערזענליכקייט וואָס אַרום אים זאָל מען זיך קאָנצענטרירן. עס פילט זיך אַ יתמות, און דער דור אין גאַנצן הויבט אָן צו ווערן אָפּגעשוואַכט, ווערט אָן דעם אינטערעס אין דער קבלה.

דאַגעגן הויבט זיך ווידער אָן צו וועבן אַ נייער צענטער אין ירושלים. די מקובלים שיירא, אין וועלכע עס זיינען געשטאַנען בראש רבי יהודה החסיד און רבי יעקב ווילנע, ערוועקט צוריק דעם אינטערעס. עס האָט אָבער ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. דער פלאַם וואָס ער האָט אויפגעבלאָזן ווערט גלייך אַיינגעלאָשן. אין עטליכע יאָר שפּעטער ווערט אָנגעצונדן אַ שטענדיגער „נר תמיד", וועלכער ברענט נאָך ביז היינט. עס ווערט געגרינדעט דער קבלה צענטער „קהל־חסידים", צו וועלכען עס באַלאַנגען אַלע גרעסטע מקובלים פון ירושלים. זיי זיינען גרופּירט אַרום רבי גדליה חיון. דער גרעסטער פון דער דאָזיקער גרופּע איז רבי שלום שרעבי, וועלכער ווערט פלוצלונג נתגלה און מען זעט אים אַלס דער צווייטער רבי יצחק לוריא.

רבי שלום שרעבי איז געווען דער לעצטער פון די גרויסע מקובלים. ער האָט ווירקלאַך „מחזיר את העטרה ליושנה" געווען. ער איז געווען דער יעניקער וואָס האָט פון דאָס ניי אָנגעצונדן דאָס קבלה ליכט, די ליכט וועלכע צאַנקט נאָך ביז היינטיקן טאָג. דער קליינער „קהל חסידים" קבלה צענטער עקזיסטירט נאָך ביז היינט אין ירושלים.

רבי משה קאָרדאָווירא — דער פילאָזאָף־מקובל

דורך דעם האר"י און זיינע תלמידים, האָט די קבלה אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג. די „קבלה־מעשית" האָט גענומען פאַרנעמען דעם אָרט פון דער „קבלה עיונית". די טעאָרעטיש פילאָזאָפישע קבלה סיסטעם פון רבי משה קאָרדאָווירא האָט געמוזט מאַכן פלאַץ פאַר דער נייער פאַרשלייערט־מיסטישע שטרעמונג פון דעם האר"י און זיינע תלמידים. עס האָט אָבער ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. צו גרויס איז רבי משה קאָרדאָווירא געווען, דאָס זיין איינפלוס זאָל אין גאַנצן ווערן אָפּגעשוואַכט. ברייט און טיף איז דער קוואַל זיינער און די וואַסערן צו קלאָר און פריש, דאָס אַפילו דער נישט דורשטיגער ווערט פאַרכאַפּט און צוגעצויגן...

רבי משה קאָרדאָווירא איז כמעט דער גרעסטער וואָס די קבלה וועלט האָט אַרויסגעגעבן. איז געווען אַ ריזן גייסט ניט נאָר אין קבלה, אויך אין הלכה האָט ער געשמט אַלס איינער פון די גרעסטע אין זיין דור וועלכע האָבן זיך געפונען אין צפת.

עס איז באַקאַנט דאָס רבי משה קאָרדאָווירא איז אַ לייגנערע צייט געווען דיין אין צפת, און האָט אויך אָנגעהאַלטן אַן אייגענע ישיבה, און אין זיין פריסטען יוגענד איז ער געווען אַ תלמיד מובהק פון דעם מחבר פון „שלחן ערוך", רבי יוסף קארו. דער תלמיד איז געווען שטאַרק געאַכטעט און באַליבט ביים רבין, און אין איין פלאַץ שרייבט ער אויף אים: „דער וועלכער האָט זיך טיף דערגרונטעוועט אין דעם ענין; דער וועלכער אויף אים איז מקוים געוואָרן דער פסוק: אויב דיין האַרץ, מיין קינד, איז קלוג, וועט זיך אויך מיין האַרץ טאָן פרייען". ווי באַוווסט, איז דער גרויסער רבי נאָכדעם געוואָרן זיין תלמיד.

זיין גרויסקייט אין חכמת הנסתר האָט אָבער אַזוי שטאַרק איבערגעשטיגן זיין קענטניש אין נגלה, דאָס זיין שטערן אין הלכה האָט געמוזט פאַרדונקעלט ווערן. אין קבלה איז רבי משה קאָר־דאָווירא ווירקלאַך געווען אַן אויפגעענדע זון וואָס איז מן השמים געשיקט געוואָרן צו באַשיינען די וועלט און באַלייכטן דעם וועג פון די בלאָנדזשענדע און זוכענדע...

ער איז געווען דער ערשטער און אין זיין צייט, דער איינציקער, וועלכער האָט אין דער קבלה געזען אַ וועלט פול מיט לעבן און גייסט, האָט פאַרשטאַנען דאָס כדי צו אַנטפּלעקן די אוצרות פון די טיפע געדאַנקען און ערהאַבענע געפילן וועלכע ליגן פאַר־באָרגן, און אָן אַ סיסטעם צושפּרייט און צווואָרפן איבער דעם גרויסן ריזיגן קבלה־וואַלד, און דאָס מאַכן פאַרשטענדלאַך ניט נאָר צו איינצעלנע, מוז מען פריער איר שטעלן אויף אַ פעסטן באָדן, מען מוז איר סיסטעמאַטיזירן, שאַפן כללים און איר באַ־גרינדן אויף אַ פילאָזאָפישן סיסטעם—אַט די מעטאַפיזישע קבלה־פילאָזאָפיע וועלכע ביז צו היינטיקן טאָג פאַרוואונדערט זי אונז.

און דאָס האָט רבי משה קאָרדאָווירא ערפילט. באַזיצנדיק אַ הויכע זעאונגס־קראַפט, אַ טיפן פסיכאָלאָגישן בליק, אַ קלאָרן לאָגישן שכל, האָט ער די קבלה אַרויסגענומען פון אירע ענגע גרעניצן, האָט איר האַרמאָניש אויסגעבריטעט, און אַ נייעם שטויס געטאָן צו איר, אַזוי דאָס זי האָט איר אַיינפלוס אויסגעגאָסן אויף דעם גאַנצן פאָלק. ניט אומזיסט האָט איינער פאַרגליכן רבי משה קאָרדאָווירא צום רמב"ם. עס מערקט זיך אַן ענליכקייט צווישן זיי ביידן. דער רמב"ם האָט געזאָרגט דאָס די הלכה זאָל ניט פאַרגעסן ווערן און מחבר געווען דעם „משנה תורה", און דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן רבי משה קאָרדאָווירא צו דער קבלה, באַגרענצנדיק איר אויף כללים. און פונקט ווי דער „מורה נבוכים" איז געווען דער לייכטענדער פאַקל צו די בלאָנדזשענדע און פאַרשמאַכטעטע נשמות, אַזוי איז דער „פרדס" פון קאָרדאָווירא

געווען אַ וועגווייזער צו די בלאָנדזשענדע און זוכענדע נשמות אין דער קבלה.

ווו ער איז געבאָרן און ווי אַזוי זיינע קינדהייט־יאָרן איז אַריבער, איז צו אונז ניט באַקאַנט. מען ווייס אפילו ניט ווי זיין פאָטער און מוטער האָבן געהייסן. דאָס איינציקע וואָס מען ווייס פון זיין פאַמיליען לעבן איז–דאָס ער איז געווען אַ שוואָגער פון דעם באַרימטן מקובל רבי שלמה אלקבץ, דער מחבר פון „לכה דודי". קאָרדאָווירא האָט געהאַלטן זיין שוועסטער. ווי איייניקע ווילן האָבן, איז ער געבאָרן אין צפת, אָבער דאָס איז ביז איצט ניט באַשטימט געוואָרן אויף זיכער. מען ווייס נאָר, דאָס ער איז געווען אַ ספרדי. לויט זיין פאַמיליע נאָמן קאָרדאָווירא, איז מען משער דאָס זיינע עלטערן האָבן געשטאַמט פון דער שטאָט קאָרדאָוואַ אין שפּאַניען.

געבאָרן איז ער אין יאָר 1522. ווי עס ווייזט אויס איז ער קיין צפת אָנגעקומען מיט דער מקובלים־שיירא וועלכע זיינען געקומען פון סאַלאָניק און אַדריאַנאָפּאָל, אין וועלכע זיין שוואָגער רבי שלמה אלקבץ, איז געשטאַנען אָן דער שפּיץ.

אין צפת האָט זיך שוין דאַמאָלס געפונען אַ צענטער פאַר קבלה, אָבער רבי משה קאָרדאָווירא, האָט צו דער קבלה ניט אַרויסגעוויזן קיין פיל אינטערעס. ער איז אינטים מיט זיין שוואָגער וועלכער שטייט שוין בראש פון אַ קבלה־ישיבה, קומט אפילו יעדן טאָג אין זיין בית המדרש און איז אַ צוהערער פון זיינע שעורים אין קבלה. אָבער נאָר אַלס זייטיקר, אַלס צושויער און ניט מער.

ביסלעכווייז ווערט ער אָבער צוגעצויגן און פאַרכאַפּט פון דער שיינקייט פון דער קבלה. עס קומט ניט ביי אים מיט אַ מאָל, עס קומט מדרגות־ווייז. ער נעמט קלעטערן פון שטאַפּל צו שטאַפּל, און צו זיין שוואָגערס פרייד האָט ער אים באַוויזן גרויס הבנה אין פילע שווערע ערטער פון „זוהר".

זיין שוואַגר ערמוטיקט אים, מאַכט אים אויפמערקזאַם זיך צוווידמען צו קבלה. ער ווייזט אים אַ וועג ווי צו פאַרשטיין די רמזים פון זוהר. און צו זיין צוואַנציקסטן יאָר הויבט רבי משה קאָרדאָווירא אָן זיך אין גאַנצן אָפּגעבן צו קבלה.

אין דער הקדמה פון זיין וויכטיקסטען ספר, דער „פרדס רמונים", דערציילט ער זיין ענטוויקלונג ביז ער איז געקומען צו דעם געדאַנק זיך צו נעמען צו דער „חכמת האמת".

ער שרייבט:

„זעענדיק ווי מיינע קינדער־יאָרן זיינען שנעל אַריבערגעלאָפן און איך האָב זיך אָפּגעגעבן מיט אַלע נאַרישקייטן און תאוות, האָב איך צו מיין נשמה געטאָן זאָגן: ביז ווען וועסטו, צולאָזענע טאָכטער, זיך אַזוי אַרומדרייען? ניכטער זיך אויס פון דיין ווין! — — — וואַך אויף און רוף צו דיין גאָט, פלייס זיך צו געפינען זיך ביי זיינע טירן יעדן טאָג און בוי אויף דעם צושטערטן מזבח פון גאָט."

הערנדיק אָט די שטימע ברומען, האָט זי אָפּגעענטפערט:

„איך שטיי אויף און ווער וואַך! וועל זיך נעמען אַרומדרייען איבער די גאַסן ביז וואַנען איך וועל געפינען די נויטיגע רו."

און איך האָב געהערט אַ שטימע רופט צו מיר:

„אַ הייליקער איז פון הימל אַרונטערגענידערט!"

דאָס איז מיין רבי, דער געטליכער מקובל און חכם רבי שלמה אלקבץ.

ער האָט מיך געטאָן פירן אין זיין פּאַלאַץ אַריין, האָט צו מיר געטאָן זאָגן:

„מיין זון, זאָלן מיינע רייד זיין אַן אונטערלענונג צו דיין האַרץ: לייג צו דיין אויער און הער זיך צו צו די רייד פון די חכמים און עס וועט דיר זיין ווויל און גוט!"

„ער האָט מיט מיר גענומען לערנען און אַוועקשטעלן ביי די טירן פון חכמה און פאַרשטאַנד, וועלכע זיינען זיסער פון האָניק,

אַט די טיפע געהיימניסע פון דער תורה — — — ער האָט מיר געוויזן די וועגן פון זוהר, און געגעבן די שליסלען אויפצועפנען זיינע טויערן, און אַזוי האָב איך פילע טעג עוסק געווען אין דעם און געטראַכט ביי זיך ווי גוט און זיס עס איז צו זיין שטענדיק אַ קינד צו דערדאָזיקער חכמה, שטענדיק צו ליבן איר און צו זע־טיקן זיך פון אירע בריסט שטענדיק, יעדע שעה און יעדע רגע, אַזוי דאָס זי זאָל פון מיין מויל קיינמאָל ניט אָפּגעטאָן ווערן און זאָל איר קיינמאָל ניט פאַרגעסן".

ער האָט זיך אָבער ניט מסיח־דעת געווען פון נגלה. אין דער צייט וואָס ער איז געווען באַשעפטיקט מיט זיין ליבלינג — די „קבלה", האָט ער קובע עתים געווען צו לערנען תלמוד און פּוסקים, ווי אויבן דערמאָנט, און איז געווען אַ תלמיד מובהק פון רבי יוסף קאַרו, און זיך מפלפל געווען מיט אים אין לערנען. רבי יוסף קאַרו ברענגט זיינע אַ תשובה אין זיין ספר „אבקת רוכל". רבי משה קאָרדאָוויראָ איז אויך געווען איינער פון די פיר תלמידים וועלכע האָבן באַקומען סמיכה, אין דער צייט פון דער אויפלעבונג פון דעם סמיכה־געדאַנק דורך רבי יעקב בי־רב. דאָס באַווייזט דאָס מען האָט זיך מיט אים ווירקלאַך גערעכנט און געהאַלטן אים אַלס אַ גדול בתורה.

אָבער ער אַליין האָט איצט געזוכט צו ווירקן נאָר אַלס מקובל. ער טרעט איצט ניט אָפּ פון זיין שוואָגר, און ווערט זיין רעכטע האַנט. אין עלטער פון דריי און צוואַנציק יאָר באַהעפט ער זיך צו דער „קהל חברים", דאָס איז געווען אַ מיסטיש־רעליגי־יעזע חברה פון יונגע מקובלים, אונטער דער פירונג פון רבי שלמה אלקבץ.

דער ציל און צוועק פון דער חברה איז געווען זיך צו הייליקן און רייניקן, אויסלייטערן די נשמות און דינען גאָט מיט די גרעסטע כוונות, זיין אָפּגעהיט פון שלעכטס און זען צו טאָן נאָר גוטס. דער פאַרשטאָרבענער פּראָפ. ש ע כ ט ע ר ברענגט אַן אויסצוג פון

די תקנות וואָס קאָרדאָווירא האָט פאַרפאַסט פאַר די חברים. דאָס זיינען וווּנדערליכע מאָראַלישע און עטישע כללים ווי זיך צו פירן, און פון זיי זעען מיר די הויכע נשמה וואָס קאָרדאָווירא איז באַזעסן און זיין איידעלער גייסט.

די חברים פלעגן זייער אָפט אַרויסגיין אויסן שטאָט, און פלעגן האָבן התבודדות אויף די הייליקע קברים. דאָ, אַרום דעם נשמות אויר פון די תנאים און אמוראים, פלעגן זיי מחדש זיין וווּנדערליכע חדושים. ניט ווילענדיק פלעגט פאַר זיי אַנט־פּלעקט ווערן אַזעלכע סתרי תורה וואָס וואָלט זיי געדאַרפט נעמען יאָרן לאַנג און פיל מי אָנלייגן צו דערגרייכן דאָס.

די שפּאַצירן פלעגט קאָרדאָווירא אָנרופן: „גרושין", ער האָט טאַקע מחבר געווען אַ באַזונדער ספר מיט דעמדאָזיקן נאָמען. דאָס איז אַ מין טאָג־בוך, אין וועלכען ער פלעגט פּינקטליך פאַרשרייבן די אַלע פּאַסירונגען מיט די חדושי תורה וואָס זיי האָבן זוכה געווען צו מחדש זיין.

איבער די וויכטיגקייט פון די שפּאַצירן שרייבט ער:

„זאָל דער מענטש זיך אַליין מאַכן פאַרטרייבן, זאָל אויס־וואַנדערן פון זיין שטענדיקן מקום מנוחה, פּונקט ווי רבי שמעון בן יוחאי און זיינע חברים האָבן געטאָן און זיינען אַוועק עוסק זיין בתורה. איבערהויפּט זאל מען גיין צו פוס, ניט פאָרן אויף אַ וואָגן און ניט רייטן אויף אַ פערד".

דאָס איז אַ מין גלות אָפּריכטן, וואָס איז מסוגל צו השראת השכינה.

ווייט פלעגט מען אָבער ניט אויסוואַנדערן. די מערסטע פלעגט קאָרדאָווירא צוזאַמען מיט זיין שוואָגער אַוועק ביז צו די קברים פון רבי שמעון בן יוחאי און זיין זון רבי אליעזר. דאָרט פלעגן זיי מיט צובראָכענע הערצער מתפלל זיין און זיך זעצן לערנען. איין מאָל, דאָס איז געווען חמשה־עשר בשבט, זיינען זיי

געגאַנגען צו דעם קבר פון רבי יוסי פון יוקרת, און ווי ער דערצ־ יילט האָבן די דברי תורה געשפרינקלט פון זייערע מיילער, געפינקלט און געפלאַסן ווי זיי וואָלטן פון זיך זעלבסט געזאָגט געוואָרן.

עס גייט אַריבער זעקס יאָר זייט ער האָט זיך גענומען צו קבלה, און ער ווערט דער פּאָפּולערסטער מקובל אין צפת, דער באַרימטסטער, דער טאָן געבער און דער הויפּט פון דער חבורה. זיין שוואָגר, זיין רבי, דער האר"י,—אַלע ווערן זיינע תלמידים, שלינגען מיט דורשט די פריש־קוואַלנדע טיף־שלאָגנדע וואַסערן פון זיין תורה.

דורך דער צייט שרייבט ער זיינע ספרים. ער איז זייער פּראָדוקטיוו. און זיין סטיל—אַזוי קלאָר, אַזוי געטאָקט, אַזוי רייך אין אויסדריקן און אַזוי פשוט דאָס עס איז ווירקליך צו באַוווּנ־ דערן. אַ חוץ דעם ספר „גרושין", שרייבט ער: „אור נערב", „סדר עבודה", „שעור קומה", „אלימה רבתי", „תומר דבורה" און „אור יקר"—אַ גרויסער פּירוש אויף דעם זוהר, רעיא־מהימנא, אידרות, ספרא דצניעותא און תיקונים. דער לעצטער ספר ענטהאַלט זעקס גרויסע בענדער און נעמט אַרום אַלע צווייגן פון קבלה, רעדט אַלעס ברייט אַרום, איז מסביר אויף דעם קלאָרסטן אופן, ניט איבערלאָזענדיק אַ קלייניקייט אפילו. דער ספר איז אָבער ביז היינטיקן טאָג נישט געדרוקט, און מוז זיך וואַלגערן ערגעץ אין אַ פאַרוואָגעלטע, פאַרשטויסענע ביבליאָטעק. רבי חיים יוסף דוד אזולאי ברענגט אין זיין „שם הגדולים", דאָס ער האָט דעם ספר געזען אין דער ביבליאָטעק פון דעם פירשט פון מאָדענאַ. דאָרט איז זי מגולגל געוואָרן פון די יורשים פון רבי מנחם עזריה פאַנו, דער גרויסער מקובל וועלכער האָט זיך גע־ לאָזן קאָסטן אַ פאַרמעגן, באַצאָלנדיק די אלמנה פון קאָרדאָווי־ ראָ די גרויסע סומע פון טויזענט גאָלד דוקאַטן, פאַר דעם רשות איבערצושרייבן זיינע כתבים.

ער איז אַזוי פּראָדוקטיוו, איז פּשוט אַ מעין המתגבר, דאָס צייטן האָט ער ניט גענוג ווערטער, גענוג אויסדריקן פאַר זיינע געדאַנקען. זיין רייך־בילדערליכע שפּראַך איז צו אָרים צו די טיפע מחשבות. ער באַקלאָגט זיך טאַקע אויף דעם, און אין איין אָרט דריקט ער זיך אויס דאָס ער געפינט ניט די נויטיגע ווערטער צו דערקלערן זיין געדאַנק.

די אַלע ספרים זיינע, סיי די געדרוקטע און סיי די וואָס געפינען זיך אין כתב־יד, זיינען נאָר הוספות צו זיין ספר „פרדס רמונים". דאָס איז זיין וויכטיקסטער ספר, זיין לעבנס־ווערק. דעם ספר האָט ער גענומען שרייבן גלייך ווי ער האָט זיך גענומען צו קבלה. דאָס איז געווען ביי אים אַ נדר, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען צו דערפילן אַלס כפרה אויף דעם וואָס ער האָט אַ לאַנגע צייט פאַרנאַכלעסיקט דעם למוד הקבלה, און צו שפּעט זיך גענומען צו דעם.

דער „פרדס" וואָס האָט אַ געוויסע צייט געהאַט אַ דירעקטע ווירקונג אויף אַלע מקובלים, און אונדירעקט—אויף דער פילאָסאָפיע, איז געבויט אויף דעם „זוהר". דער „זוהר" איז ביי רבי משה קאָרדאָוויראָ דער וויכטיקסטער ספר, און דער מחבר זיינער, רבי שמעון בן יוחאי און זיינע חברים, די „אמתע מקובלים". רבי שמעון בן יוחאי איז דער איינציקער לערער פון דער קבלה. און דאַריבער איז דער „זוהר" געווען פאַר אים דער איינציקער קוואַל פון וואַנען ער האָט געשעפּט אַלע זיינע סודות. ער האַלט זיך טאַקע אַלס אַ תלמיד פון רבי שמעון בן יוחאי און זיין פּאָרט־זעצר. ער גייט אַזוי ווייט, דאָס ער אַנערקענט ניט קיין שום אויטאָריטעט אין קבלה, און איז זייער אָפט סותר די מיינונגען פון די גרעסטע מקובלים. איז סותר מיט די שאַרפסטע אַרגומענטן. „זאָלסט, מיין קינד, ניט ענטפערן מיר, דאָס מען האָט מיר מקדים געווען און דערקלערט דעם ענין אַנדערש ווי מיין כונה, איך רעכן זיך ניט מיט קיינעמס מיינונג, ווייל איך פאַרלאָז זיך נאָר

אויף די רייד פון רבי שמעון בן יוחאי״,–שרייבט ער אין איינעם פון זיינע ספרים.

אָבער טראַטץ דעם וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון זיין אויטאָריטעט, איז ער ביי זיך געווען זעהר קליין. טראָטץ דעם וואָס ער איז געווען דער באַרימסטער מקובל אין צפת און זיין נאָמן האָט דערגרייכט אין די ווייטסטע לענדער, האָט ער פון זיך קיין שום וועזן ניט געמאַכט. האָט שטענדיק געלעבט אין אָרימקייט און דחקות, איז שטענדיק געווען אַ מעורב עם הבריות און ביי זיך זייער פּראָסט. עס ווערט דערציילט דאָס בשעת דער מקובל רבי משה באַסולאַ איז געקומען קיין צפת, זיינען אים אַנט־קעגן געגאַנגען אַלע גדולים פון צפת, צווישן זיי רבי משה קאָר־דאָווירא, און אים געגעבן אַ שיינעם קבלת־פּנים. רבי משה קאָר־דאָווירא האָט אים מיט גרויס ענוה גענומען קושן די הענט, און באַסולאַ האָט זיך מיט גאווה אָנגערופן:

– דאָס ביזטו דאָס, דער משה קאָרדאָווירא וועלכער איז אַזוי באַרימט, און האָט אפילו ניט דערגרייכט צו דער מדרגה צו פּיטערן אָקסן?

דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיט דער כונה צו באַליידיקן אים, צו ווייזן אים דאָס ער האַלט ניט פון אים און איז זיין גרויסקייט מבטל.

אָבער דער גרויסער מקובל האָט אַ וואָרט ניט געענטפערט אויף דער דאָזיקער באַליידיגונג. ער האָט זיך מיט גרויס הכנעה און עניוות זיך פאַרנויגט פאַר אים און זיינע הענט ווידער גענומען קושן.

דאָס פאָלק האָט זיין גרויס עניוות געוווסט ווי אָפּצושאַצן. בשעת ער איז געשטאָרבן האָט גאַנץ צפת געטרויערט, מען האָט געיאָמערט און אים באַוויינט, ווי מען קען נאָר באַוויינען דעם טייערסטען און ליבסטען.

געשטאָרבן איז ער כ"ג תמוז ש"ל. ער איז אַלט געווען אַכט און פערציק יאָר.

זיין רבי, רבי יוסף קאַרו, האָט אים מספיד געווען, און זיך אויסגעדריקט: „דאָ ווערט באַהאַלטן דער ארון פון דער תורה".

דער האר"י וועלכער איז אַ קורצע צייט געווען פון זיינע תלמידים, האָט געזען צווי פייער־זיילן גייען פאָראויס פאַר זיין מטה. דער האר"י האָט זיך אויך געהאַט אויסגעדריקט: „משה ותורתו אמת". אין „ספר הגלגולים" ווערט אָנגעגעבן דאָס דער שורש פון זיין נשמה איז געווען פון אליעזר עבד אברהם, און דאָס אויף אים האָט גערוט דער גייסט פון זכריה בן יהוידע. אין אַנדערע קבלה ספרים ווערט געבראַכט דאָס ער האָט עטליכע מאָל זוכה געווען צו גלוי אליהו.

פון זיינע קינדער איז אונדז באַוווּסט נאָר איין זון, רבי גדליה. דער זון איז געווען פאַררעכנט צווישן די גרעסטע תלמידי חכמים אין צפת. רבי יום טוב צאַהלון ברייננגט אייניקע תשובות פון אים. דער זון האָט אויך באַזעסן ידיעות אין קבלה, און האָט די איבער געבליבענע כתבים פון זיין פאָטער מסדר געווען און זיי צוגעגרייט צום דרוק. אין דער אַרבייט האָט אים אַרויסגעהאָלפן דער מקובל רבי מנחם עזריה פאַנו, דער יעניקער וועלכער האָט זיך געלאָזט קאָסטן אַ פאַרמעגן אום צו באַקומען אין זיין רשות די אונגעדרוקטע ספרים פון קאָרדאָווירא. רבי מנחם האָט אויך מחבר געווען אַ פירוש אויף קאָרדאָוויראָס „פרדס רמונים". אין די לעצטע אויסגאַבן איז דער „עסיס רמונים" געדרוקט צוזאַמען מיט דעם „פרדס".

קאָרדאָוויראָס איינפלוס איז געווען גרויס ניט נאָר אויף די מקובלים. אויך שפינאָזאַ האָט פיל גענומען פון קאָרדאָוויראָס תורה. ווי באַקאַנט האָט זיך שפינאָזאָ אין די יונגע יאָרן זיך אינטערעסירט מיט קבלה. אַ געוויסע צייט איז ער געווען דער תלמיד פון רבי אברהם אירירא, דער מחבר פון „שער השמים".

אין „שער השמים" געפינען זיך גאַנצע מאמרים פון קאָרדאָוויראָס „פרדס". שפּינאָזאַ האָט זיכער די מאמרים געלייענט און קאָרדאָוויראָס נאָמען איז אים ניט פרעמד געווען. ער דערמאָנט אים ניט, אָבער זיין גאַנצער געדאַנק וועגן מאָנאָטיאיזם געפינען מיר ביי קאָרדאָוויראָן כמעט מיט דעם זעלבן לשון און בילדער, ווי ביי שפּינאָזאַ. גרעץ וויל אפילו האָבן דאָס שפּינאָזאַ איז געווען באַאיינפלוסט פון דעם מקובל רבי עזריאל פון גרונא, אָבער דער ערשטער מקובל וואָס האָט די קבלה געשטעלט אויף דעם געדאַנק פון „אין סוף" און „צמצום", איז געווען קאָרדאָווירא. און טאַקע אויף זיין יסוד האָט שפּינאָזאַ געבויט זיין שיטה.

אַ גלייכער רער ציט זיך פון קאָרדאָווירא ביז שפּינאָזאַ.

רבי יוסף קאַרו—דער מקובל־אינדיווידואַליסט

„מרן בית יוסף!"
צו וועלכען איד איז דער נאָמן רבי יוסף קאַרו ניט באַקאַנט?
און אויב עס געפינען זיך אפשר אַזעלכע צו וועמען דערדאָזי־קער נאָמן איז פרעמד, איז אָבער קיין שום ספק ניט, דאָס זיי איז באַוווסט דער נאָמן פון זיין ספר. און ווירקליך, ווער ווייס דאָס ניט פון „שלחן ערוך"—אָט דער ספר וואָס איז געוואָרן דער געזעץ־בוך פון דאָס אידישע פאָלק, איז דער טאָג־טעגליכער ברויט אָן וועלכן קיין שום רב און מורה הוראה קען ניט אויסקומען און אָן וועלכן אַ פרומער איד קען זיך ניט אַ ריר טאָן?
צו פילע איז אָבער ניט באַוווסט דאָס דער גרויסער פּ וס ק רבי יוסף קאַרו האָט זיך אינטערעסירט מיט קבלה, איז געווען אַ גרויסער מקובל מיט אַן אייגנאַרטיקן בליק. אין דערזעלבער צייט וואָס ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק צו מחבר זיין דעם „שלחן ערוך", האָט ער זיך פאַרטיפט אין קבלה און זיך באַשעפטיקט מיט שרייבן ספרים אויף דעם דאָזיקן געביט. נאָך מער: דער שטויס און דראַנג צו שרייבן דעם „שלחן ערוך" האָט ער באַקומען דורך זיינע פאָרשונגן אין קבלה. דער „מגיד" זיינער, וועלכער פלעגט יעדע נאַכט קומען פון הימל און אים מגלה זיין סתרי־תורה, האָט אים ערמוטיקט צו נעמן שרייבן זיין באַרימטן ספר.
ער האָט, אמת, אין דער וועלט פון די מקובלים ניט פאַר־נומען דעם אויבנאָן. אַלס מקובל האָט מען זיך מיט אים ניט אַי־בריק גערעכנט, און גרויס אַכט ניט געלייגט אויף אים. רבי חיים וויטאַל ערלויבט זיך אפילו אים צו מבטל זיין. ער דערמאָנט אים זעלטן, און אויב ער טוט דאָס אַמאָל, איז דאָס כלאחר־יד,

אגב אורחא נאָר. אין איין פּלאַץ ערלויבט זיך רבי חיים וויטאַל שוין צופיל צו פאַרקלענערן די גרויסקייט פון קאַרו אין קבלה. אין „ספר הגלגולים" שרייבט ער: „און דאָס וואָס דער מגיד האָט רבי יוסף קאַרו געזאָגט דאָס איז זיין זון, רבי שלמה, האָט גערוט די נשמה פון בצלאל, איז דאָס אַ פּשוטער ליגן". רבי חיים וויטאַל האָט זיך אָבער ערלויבט דעם דאָזיקן שאַרפן אויסדרוק, נאָר נאָך דעם טויט פון רבי יוסף קאַרו. בשעת ער האָט געלעבט האָבן די מקובלים זיך דוקא גרופּירט אַרום אים, האָבן זיך גע־שטויבט אין די ערד פון זיינע פיס און די מערסטע פון זיי, האָבן זיך גערעכנט צווישן זיינע תלמידים, אויב ניט אין קבלה, איז אין נגלה. דער האר"י אַליין האָט אַ קורצע צייט געלערנט ביי רבי יוסף קאַרו, האָט זיך ניט איין מאָל געווענדט צו אים מיט שאלות, און די תשובות האָבן אים העכסט צופרידענגעשטעלט.

רבי יוסף קאַרו האָט אָבער, צוליב זיין גרויסקייט אלס פּוסק, ניט געקענט ווערן אַן אויטאָריטעט אין קבלה. מיט אים האָט פּאַסירט דאָס זעלבע וואָס מיט זיין תלמיד רבי משה קאָר־דאָווירא. צוליב זיין גרויסקייט אין קבלה איז קאָרדאָווירא ניט אַנערקענט געוואָרן אַלס פּוסק, און דאָס זעלבע קאַרו—איז באַ־רימט נאָר אַלס פּוסק. ביי די מקובלים איז ער פאַררעכנט אַלס אַ זייטיגער, אַלס איינער, וועלכער האָט נאָר אַריינגעקוקט, אָבער אין פּרדס גופא איז ער ניט אַריין.

אין אַ געוויסן זין איז דאָס ריכטיק. ער האָט אין דער קבלה קיין שום שטרעמונגן ניט געשאַפן, קיין נייע וועגן ניט באַוויזן און האָט קיין תלמידים ניט ערצויגן.

ער האָט זיך אין דער קבלה אינטערעסירט מער פאַר זיך, ווי צו באַאיינפלוסן אַנדערע. זי איז פאַר אים געווען אַ מקום מקלט, אַן ענטרינונגס־אָאַזיס וווּ ער זאָל קענען אָפּרוען פון זיינע אָנשטרענגונגען. אין דער אונבאַגרעניצטער קבלה־פעלד האָט ער געלאָזן זיין פאַנטאַזיע פריי, האָט זיך געפילט געצערטעלט ווי

אַ קינד. דורך קבלה איז ער דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ זעער. זיין וויזיאָן האָט אים געשאַפן אַ „מגיד", אַ מלאך פון הימל וועלכער ווערט זיין חבר, נידערט יעדע נאַכט אַרונטער פון הימל צו לערנען מיט אים, אים מדריך צו זיין, צו טרייסטן און ערמוטיקן אים...

ווי אַזוי רבי יוסף קאַרו, דער טרוקענער און לאָגישער פּוסק קומט צו קבלה?—צווישן די געלערטע איז אַ לאַנגע צייט אָנגעגאַנגען אַ שקלא וטריא צי קאַרו האָט זיך ווירקליך אינטערעסירט אין קבלה. פילע געלערטע האָבן געוואָלט האָבן דאָס דער „מגיד משרים" איז ניט פון אים געשריבן, דאָס דער אַרויסגעבער האָט זיך „אָנגעהאַנגען אָן אַ גרויסן בוים" און אָנגעגעבן דעם נאָמען פון רבי יוסף קאַרו אַלס מחבר, כדי צו הויבן דעם ווערט פון ספר. עס איז אָבער קיין שום ספק ניט, דאָס רבי יוסף קאַרו האָט זיך אינטערעסירט אין קבלה. דאָס זעט מען אין אייניקע ערטער אין „שלחן ערוך". און דאָס ער איז ווירקליך דער מחבר פון „מגיד משרים", וועלכער איז אגב, נאָר אַ קליין טייל פון אַ גרויסן ספר וואָס איז פאַרלאָרן געגאַנגען. דער בעסטער באַווייז אויף דעם איז, וואָס זיין תלמיד רבי משה קאָרדאָווירא דערמאָנט דעם „מגיד משרים" אין זיין „פּרדס רמונים". ער שרייבט: „דאָס איז די קבלה פון מיין רבין, דער חסיד רבי יוסף קאַרו", און ער ברענגט אַ היבשע ציטאַטע פון דעם „מגיד משרים", וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען בכתב־יד.

עס איז אָבער ריכטיג, דאָס קאַרו איז צום אָנהויב קאַלט געווען צו קבלה. פּונקט ווי זיין תלמיד קאָרדאָווירא, האָט ער אין זיין פריסטען יוגענד קיין אינטערעס ניט אַרויסגעוויזן צו דער פאַרנעבלטער תורה, און פּונקט ווי קאָרדאָווירא, האָט אויך קאַרו זיך גענומען אינטערעסירן אין דעם אַ דאַנק דער אויפ־מערקזאַמקייט פון רבי שלמה אלקבץ. אלקבץ האָט אָבער אויף אים קיין גרויסן איינפלוס ניט געהאַט. דער יעניקער וועלכער

האָט פאַר קאַרון אַנטפּלעקט די שיינקייט פון דעם צויבער־פּאַלאַץ און אים אַריינגעפירט אין דעם קבלה־טעמפּל, איז געווען רבי שלמה מולכו, דער גרויסער ענטוזיאַסט און טרוימער. ער האָט אין אים דערוועקט דעם חשק צו לערנען קבלה און ער האָט אין אים אויפגעוועקט די ליבע צו ארץ ישראל, די לאַנד, וווּ רבי יוסף קאַרו איז געוואָרן גרויס, באַרימט און אַנערקענט אַלס דער „רבן של כל בני הגולה". זיין באַקאַנטשאַפט מיט מולכו האָט אים געמאַכט פאַר אַ פאַנטאַזיאָר, דערוועקט אין אים פאַרביינקטע משיח טרוימען און ער גייט זיך באַזעצן אין ארץ ישראל העלפן צו פאַרווירקליכן דעם חלום פון דער אידישער גאולה.

ווי אַזוי ער קומט צו מולכו, וווּ זיי האָבן זיך באַגעגנט און ווי שטאַרק דער איינפלוס זיינער איז געווען אויף אים—דאָס וועלן מיר זען אין זיין לעבנס־באַשרייבונג, וועלכע איז זייער אינטע־רעסאַנט און פול מיט איבערלעבונגען.

די שטאָט און דאָס לאַנד וווּ רבי יוסף קאַרו איז געבאָרן, איז ביז היינט ניט באַוווסט גענוי. אַנדערע זאָגן, אַז ער איז געבאָרן געוואָרן אין שפּאַניען, אַנדערע—אין פּאָרטוגאַל. יעדענפאַלס ווו ער זאָל ניט זיין געבוירן, צי אין שפּאַניען צי אין פּאָרטוגאַל, די לאַגע פון די אידן איז שוין דעמאָלט געווען אַ שוידערליכע. ער איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1488, אַ קורצע צייט פאַר דעם גירוש. ער קומט אַרויס פון גרויס יחוס, זיין פאָטער רבי אפרים, איז געווען אַ גדול בתורה און זיין פעטער רבי יצחק, איז דער מחבר פון „תולדות יצחק" און איז געווען אין זיין צייט באַרימט אַלס גאון. דער יחוס ציט זיך ביז צו רבי יוסף קאַרו פון טאָלידאָ, אַ צייט גענאָסע פון רש"י און די עלטערן האָבן געלייגט אויף דעם קינד די גרעסטע האָפנונגען, אַז ער וועט פאָרטזעצן די „גאָלדענע קייט", אַז מיט אים וועט מקוים ווערן דער מאמר „התורה מחזרת על האכסניא שלה".

אין עלטער פון פיר יאָר פאַרזוכט שוין דער צוקונפטיגער

גאון דעם טעם פון גלות. ער פילט שוין די ביטערניש פון לעבן. עס איז דעמאָלט פאָרגעקומען דאָס שוידערליכסטע–דער „גלות ספרד". פונקט ווי אַלע אידן האָט די פאַמיליע קאָרו זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן. זיי הויבן אָן צו וואַנדערן, זיינען יאָרן לאַנג נע־ונד פון איין לאַנד אין דעם צווייטן, ביז זיי געפינען ענד־ליך אַ מקום מנוחה אין ניקאָפּאָל, בולגאַריען.

די וואַנדערונגען האָבן אָבער ניט געשטערט די ענטוויקלונג פון דעם וונדער קינד און ניט אָפּגעהאַלטן אים פון לערנען. דער הויפּט רבי זיינער איז זיין פאָטער. דער פאָטער מאַכט אים אויך אויפמערקזאַם אויף דער וויכטיגקייט פון דער משנה, און צוזאַמען מיט פּוסקים, לערנט ער פיל משניות. די משנה, וועלכע איז געשריבן קורץ און שאַרף, האָט אויף אים אַ גרויסע ווירקונג געהאַט און דאָס האָט אים געבראַכט צו דעם געדאַנק צו מחבר זיין דעם ספר וואָס זאָל ענטהאַלטן דעם פּסק נאָך די לעצטע מסקנות–דעם „שלחן ערוך".

אַ קורצע צייט שפּעטער ציען זיך זיינע עלטערן אַריבער אין אַדריאַנאָפּאָל. דאָ איז געווען אַ גרעסערער צענטער און ער הויבט אָן ווערן באַרימט אַלס גאון. פון נאָענט און פון ווייט ווענדט מען זיך צו אים מיט שאלות, און מען וואַרט אונגעדולדיק אויף זיינע תשובות. זיין גוטער נאָמען דערגרייכט ביז צו דעם גאון רבי יצחק סאַוואַ, און ער נעמט אים פאַר אַן איידים. נעמט זיך אונטער צו באַזאָרגן אים מיט חיונה אז ער זאָל קענען זיצן רואיק און לערנען.

אַ קורצע צייט נעמט ער אָן די רבנות אין ניקאָפּאָל, אָבער עס ברעכט אויס אַ מחלוקת צווישן אים און דעם עלטערן דיין. ער פאַרלאָזט ניקאָפּאָל און קערט זיך אום צוריק קיין אַדריאַ־נאָפּאָל. ער גרינדעט אַ ישיבה ווו די בעסטע יונגע לייט פון שטאָט ווערן זיינע תלמידים. אין דערזעלבער צייט באַשעפטיקט ער זיך מיט שרייבן זיינע ספרים, מסדר זיין זיינע שאלות ותשובות, הערות און השגות אויף דעם רמב"ם, און אין עלטער פון פיר און

דרייסיק יאָר טרעט ער צו צו זיין לעבענס־ווערק, הויבט אָן שרייבן דעם „בית יוסף", אין דעם ספר ווו ער נעמט צוזאַמען אַלע דינים און גיט איבער דעם תּמצית פון אַלע בעלי הלכה, ברענגט אַרויס די לעצטע מסקנות פון דעם דין און דער הלכה. אויף דעם ספר האָט ער געאַרבעט העכער צוואַנציק יאָר. געענדיגט האָט ער אים שוין זייענדיק אין צפת. און נאָכדעם האָט ער נייע צוועלף יאָר אָפּגעגעבן אים מגיה צו זיין, אויסבעסערן און מוסיף זיין. אַזוי פיל אַרבעט און ענערגיע האָט ער אַריינגעלייגט אין דעם ספר, און ער איז אים דאַריבער אַזוי טייער געווען, דאָס ער פלעגט שטענדיק מיט אים שטאָלצירן.

און זיין שטאָלץ איז געווען אַ באַרעכטיקטער. די נויטיגקייט פון אַזאַ ספר ווי דער „בית יוסף" האָט זיך אין יענער צייט שטאַרק געפילט. געזאָגט האָט מען, דאָס נאָר דריי רבנים געפינען זיך, וועלכע זיינען ראוי צו דערדאָזיקער אַרבעט: רבי יוסף טייטצאַק, רבי יוסף בן לב און רבי יוסף קאָרו. איז אויף זיין גורל געפאַלן דער זכות צו פאַרווירקליכן דעם ווונטש פון דור.

צו יענער צייט ווערט ער באַפריינדעט מיט רבי יוסף טייט־צאַק, און שטייט מיט אים אין בריוו־פאַרבינדונג. אָבער עס ווערט אַ שטיקל ברוגז צווישן זיי. דער יונגער קאָרו, כאָטש אַ גרויסער עניו, איז אַ ביסל איבערזיכטיק אויף דעם אַלטען גאון און מקובל. וואָס ער האָט אויף אים געהאַט צו זיין איבערזיכטיק, איז ניט באַקאַנט. פיליכט דער שרעק, טאָמער וועט אויך טייטצאַק זיך נעמען צו שרייבן אַזאַ ספר ווי דער „בית יוסף", וואָס ווי אויבן אָנ־געגעבן, האָט מען געהאַלטן, אַז ער איז איינער פון די וועלכע זיינען ראוי צו דערדאָזיקער אַרבעט.

צייטענווייז לעבט ער אָפּגעזונדערט, פאַר זיך אַליין. טראָגט זיך אַרום מיט נייע פּלענער, און אין האַרצן ערוועקן זיך אים פאַרשידענע שטרעבונגען. די פאַנטאַזיע הויבט אים אָן צו רייצן, און ער נעמט טרוימען אין דער וואַך. אין זיין זעאונגס שטאַנד

קומט צו אים די משנה, זי אַנטפּלעקט זיך צו אים אין דער צורה פון אַ מלאך. דער מלאך, וועלכער ווערט זיין יועץ און מדריך, הויבט מיט אים אָן פירן געשפּרעכן, די געשפּרעכן ווערן אָפּטער און די פאַרבינדונג צווישן זיי שטאַרקער.

די „משנה" האָט זיך צום ערשטן באַוויזן צו אים אַלס געליבטע, אַלס מוטער. זי איז אים דאַנקבאַר, וואָס ער אינטערעסירט זיך מיט איר און שרייבט אַ פּירוש אויף איר. זי באַצאָלט אים מיט ליבע. און זי שיקט אים דעריבער צו אַ מלאך, וועלכער איז באַקליידעט פון איר גייסט. דער מלאך באַווייזט זיך צו אים און שטעלט זיך פאָר מיט די פאָלגענדע ווערטער: „איך, די משנה, רייד דאָס פון דיין מויל, איך בין די נשמה פון דער משנה, איך, די משנה, און דו פאַראייניקן זיך צו זאַמען".

דער מלאך גיט אים איבער כללים ווי זיך צו פירן אין לעבן, און איז אים זייער מזהיר ער זאָל זיין אָפּגעהיט צו פאָלגן אים.

דאָס ערשטע איז צו זיין שטענדיק אַריינגעטאָן אין לערנען, זאָל ניט טראַכטן פון קיין שום זאַך נאָר פון דער משנה, פון דער תורה און מצוות. טאָמער גייט אים, חס־וחלילה, אַרויף אויפן זינען אַ פרעמדע מחשבה, זאָל ער אָנשרייען אויף איר און פאַרטרייבן פון זיך. דאַן גייט אַ לאַנגער צעטל פון סגופים, פון פרישות און נזירות, פון תשובה און ניט געניסן פון לעבן.

עס איז כדאי צו ברענגען אייניקע פון זיי:

„זיין אָפּגעהיט, קיינמאָל ניט צו ריידן קיין שום שיחה בטלה".

„ניט אַרויסריידן אַ וואָרט, וואָס קען ברענגען צו געלעכטער; הערט מען אַזאַ וואָרט, זאָל מען זיך איינהאַלטן און ניט לאַכן. בכלל־זיך דערווייטערן פון ליצנות".

„קיינמאָל ניט ווערן אין כעס צוליב אַ זאַך וואָס איז נוגע דעם קערפּער".

„ניט צו האַלטן זיך גרויס, זיין שטענדיק קליין ביי זיך און באַנעמען זיך שיין מיט מענטשן".

„ניט צו עסן פלייש און טרינקן וויין, און אפילו שבת–נאָר אַ ביסל און אַ קליין שטיקל".

„ניט עסן פיל און צו זאַט, און בכלל ניט הנאה צו האָבן פון לעבן, דערווייטערן זיך פון יעדע מחשבה, וואָס ברייגנט צו זינד".

דער מלאך האָט אויף אים אויך אַרויפגעלייגט אַ חוב צו לערנען מוסר ספרים. אַלס מוסטער דערמאָנט ער אים דעם „חובת הלבבות" פון רבינו בחיי.

דאָס איז נאָר אַ קלענער טייל פון די כללים, וועלכע ווערן געבראַכט אין „מגיד משרים". דאָס זיינען געווען „תנאים" צווישן אים און די משנה. צייטנווייז פלעגט אים זיין שווער צו האַלטן די „תנאים" און אויב ער פלעגט אויף איינע פון זיי עובר זיין, פלעגט די משנה גלייך ברוגז ווערן, זי פלעגט זיך דעמאָלט באַווייזן צו אים אין אַ בייזן געשטאַלט. „איך בין די מאַמע וועלכע שטראָפט די קינדער"–פלעגט זי זיך בייזערן אויף אים, און דער מלאך פלעגט אויף אים דעמאָלט אַרויפוואַרפן שווערערע פּיי־ניגונגען.

דעם „מגיד משרים" וואָס איז אַ רעליגיעזער מיסטישער טאַגע־בוך, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן נאָך בשעת ער האָט זיך געפונען אין ניקאָפּאָל. ער האָט זיך דאַמאָלס נאָך ניט אָפּגעגעבן מיט קבלה, אבער פּלוצלונג באַווייזט זיך דער מלאך צו אים. און מיט זיין שטענדיגע באַגריסונג: „גאָט איז מיט דיר! שטאַרק זיך און באַהעפט זיך אין מיר און מיין תורה", האָט ער אים געוומן מוסרן פאַר וואָס ער איז זיך מתרשל אין לערנען קבלה. דער מלאך רעדט אים שטאַרק צו צו דעם און איז אים מבטיח דאָס אויב ער וועט זיך נעמען צו דער חכמת הקבלה, וועט ער אויפ־עפענען זיין האַרץ און וועט אים מגלה זיין אַזעלכע סודות וואָס איז שוין יאָרן לאַנג צו קיין מענטשן ניט אַנטפּלעקט געוואָרן.

און צו יענער צייט קומט פון צפת קיין סאַלאָניק דער מקובל רבי שלמה מולכו, דער מאַראַן וועלכער האָט אין אַן ענטוזיאַס־

טישן מאָמענט אַ שפּרונג געטאָן פון דער קאַטוילישער קירכע צו אידישקייט. איז געוואָרן דער מבשר פון דער אידישער גאולה, און די הערצער געגומען מעורר זיין צו לערנען קבלה. רבי שלמה מולכו האָט פאַר די גרופּע מקובלים אין סאַלאָניק געהאַלטן עטליכע דרשות, פון וועלכע קאַרו ווערט ענטציקט און הויבט זיך אָן צו פאַרטיפן אין קבלה, הויבט זיך אָן וואָס מער צו טרעפן זיך מיטן מלאך, צו באַהעפטן זיך מיט דער משנה, זי ווערט פאַר אים זיין האַרץ־ליבענדע. נעמט ער לערנען אַ פּרק משניות, גלייך ווערט ער פאַרטראָגן אין די שענסטע וועלטן וואָס די פאַנטאַזיע קאָן נאָר אויסמאָלן, און ער נעמט הערן איר זיסע שטימע וועלכע קלינגט פול מיט בייִנקניש. „אַ שטימע קלאַפּט אין מיין מויל און זינגט פון זיך אַליין", שרייבט ער. ער פלעגט דאַמאָלס אַריינפאַלן אין די גרעסטע התלהבות. אַ שילדערונג פון זיינע אַן איבערלעבונג בשעת ער האָט זיך געפונען אין דעם מצב, האָט איבערגעגעבן רבי שלמה אלקבץ, וועלכער האָט מיט אים צוגעבראַכט אַ שבועות נאַכט.

וואָס מער ער טרעפט זיך מיט רבי שלמה מולכו, אַלס מער פאַרטיפט ער זיך אין קבלה, און דער טאָגע־בוך ווערט דיקער. רבי שלמה מולכו ווערט זיין סימבאָל, ער באַהעפט זיך אָן אים, ליבט אים און שטרעבט צו גיין אין זיינע וועגן. ער פרעגט זיך שטענדיק אָן ביי דעם מלאך איבער אים און באַקומט שטענדיק די תשובה: „שלמה אהובי", „שלמה ידידי", „שלמה חביבי". מיין ליבער און טייערער! מולכו ווירקט אויף אים צו באַזעצן זיך אין ארץ ישראל, און בשעת מולכו ווערט פאַרברענט על קדושת השם, בעט זיך קאַרו ביים מלאך דאָס ער זאָל אים פאַרזיכערן דאָס ער וועט אויך האָבן אַזאַ סוף. ער באַקומט די הבטחה. ה' ניסן פאַרצייכנט ער די פאָלגענדע שורות: „עס איז געווען חופּה ביי מיין טאָכטער און האָב זיך דאַריבער פאַרשלאָפן אַ שטיק אויפן טאָג, איך האָב דערפון גרויס צער געהאַט וואָס דורכדעם

האָב איך דעם געשפּרעך ניט געהאַט. איך האָב אָנגעהויבן לערנען משניות, און פּלוצלונג—די שטימע פון מיין געליבטע האָט זיך גע־לאָזט הערן. „האָב ניט מורא און שרעק זיך ניט, האָט זי געזאָגט, טאָמער וועל איך דיר פאַרלאָזן און אַוועקוואַרפן, כאָטש על פּי דין האָב איך דאָס באַדאַרפט טאָן, ווייל דו האָסט דיין האַרץ געטאָן אָפּקערן פון מיין תורה. אָבער איך וועל דאָס ניט טאָן, און וועל מיין גוטס ניט פאַרמיידן פון דיר. איך וועל דיר ניט פאַרלאָזן ביז איך וועל מיין הבטחה צו דיר ערפילן. וועל דיר ברייננען זאָלסט זוכה זיין צו קומען קיין ארץ ישראל, זאָלסט זיך באַהעפטן מיט די חברים, זאָלסט מרביץ תורה זיין און אויפשט־טעלן פילע תלמידים, אומקערן פילע פון זינד און נאָכדעם וועסטו זוכה זיין צו ווערן פאַרברענט צוליב די הייליקקייט פון מיין נאָמען". זייענדיק אין ארץ ישראל ווערט די הבטחה איבער־געחזרט: „דו וועסט פאַרברענט ווערן אויף קדושת השם כדי דיינע זינד זאָלן דיר ווערן פאַרגעבן און זאָלסט האָבן אַן עליה".

צו יענער צייט ווערט ביי די מקובלים אין אַדריאַנאָפּאָל און סאַלאָניק דערוועקט אַ באַוועגונג צו פאָרן קיין ארץ ישראל. דער הויפּט פון דער באַוועגונג איז רבי שלמה אלקבץ. קאַרו שליסט זיך אין זיי אָן. צי ער איז געפאָרן מיט זיי צוזאַמן איז ניט באַקאַנט. ער איז געפאָרן דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין יאָר רצ"ה קומט ער אָן אין צפת.

אין צפת טרעפט ער זיך מיט זיין רבין ר' יעקב בי־רב, וועל־כער האָט דאַמאָלס זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק אויפ־צולעבן די סמיכה. פון די ערשטע וועלכע באַקומען סמיכה איז געווען רבי יוסף קאַרו.

ער באַזעצט זיך אין דעם נאָענטן דאָרף ביריאָ, און גיט זיך אָפּ נאָר מיט דעם פאַרענדיגן פון דעם „בית יוסף" און צו שרייבן זיינע אַנדערע ספרים. אין ביריאָ האָט זיך דאַמאָלס געגרינדעט

אַ דרוק און ער גרייט צו זיינע ספרים צום דרוק. אין יאָר 1555 דרוקט זיך דער ערשטער טייל פון „שלחן ערוך".

אין גיכן ווערט ער רב פון צפת. ער ווערט געקרוינט מיט דעם טיטל „מרן" און די גאַנצע וועלט אַנערקענט אים אַלס אויטאָריטעט, כאָטש צום אָנפאַנג האָט ער געהאַט פילע געגנער און גרויסע גאונים האָבן זיך באַצויגן איראָניש צו דעם „שולחן ערוך" און זיך אויסגעדריקט דאָס ער וועט פאַרברייטן עם הארצות ביי אידן. זיי האָבן אָבער אין גיכן מודה געווען אין זיין גרויסקייט און אַנערקענט די וויכטיקקייט פון דעם „שלחן ערוך".

די צייט וואָס ער איז געווען רב, איז געווען אַ גאָלדענע עפּאָכע פאַר די אידן אין צפת. די שטאָט האָט אויפגעלעבט און איר גייסטיקע ענטוויקלונג איז געשטאַנען אויף אַ הויך. די תלמידי חכמים פלעגן ווערן אויסגעהאַלטן פון רייכע אידן אין טערקיי און זיינען געווען פּטור פון שטייערן סיי צו דער רעגירונג און סיי צו דער געמיינדע. האָט זיך אַנומעלט געמאַכט דאָס איינער פון די פּרנסים האָט געוואָלט צווינגען די אָרימע לייט און תלמידי חכמים צו צאָלן שטייערן, האָט קארו מיט זיין בית דין אים אַריינגעלייגט אין חרם, אָנרופנדיק אים מיט די שענדליכסטע נעמען: „רשע", „אפיקורוס", „עוכר ישראל", „מומר להכעיס", און אַזוי אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַ שרעק, דאָס יענער האָט געמוזט אַנטלויפן פון צפת. אַזוי האָט ער אַריינגעלייגט אין חרם די יעניקע וועלכע האָבן געגראָבן אָדער גערעדט אויף דאָן יוסף נשיא פון נאַקסוס, וועלכער האָט מיט אַ ברייטע האַנד געשטיצט די ישיבות אין צפת, און געוואָלט אין טבריה מאַכן אַ אידישען ישוב.

אַ חוץ דעם „בית יוסף" און „שולחן ערוך" האָט ער מחבר געווען פאָלגענדע ספרים: „אבקת רוכל", „כסף משנה", דרשות אויף דעם חומש, שיר השירים און פרקי אבות, אַ פּירוש אויף רש"י און רמב"ן אויף חומש, אַ פּירוש אויף משניות. שאלות ותשובות אויף אבן העזר, „בדק הבית" „כללי התלמוד". פילע

פון זיי זיינען נאָך ניט געדרוקט, און זיינען מן הסתם שוין לאַנג פאַרלאָרן געוואָרן.

אויף קבלה האָט ער נאָר געשריבן דעם איין „מגיד משרים", דאָס איז אַ העכסט מערקווירדיקער דאָקומענט וואָס פון אים קענען מיר פאַרשטיין די נשמה פון רבי יוסף קאַרו. ווי אויבן דערקלערט איז דאָס אַ מין מיסטעריעזער טאָגע־בוך, וועלכער ענטהאַלט איין לאַנגען גרויסן טרוים, פול מיט בענקעניש און שטרעבונגען, וואָס אייניקע פון זיי זיינען אים פאַרווירקליכט געוואָרן, אַ חוץ די איינע–צו שטאַרבן על קדושת השם. געשטאָרבן איז ער אין אַ הויכן עלטער, אַרומגערינגלט פון זיינע קינדער, פריינד און תלמידים. ער איז געשטאָרבן י"ג ניסן של"ה (1575).

נאָך זיין טויט האָבן די מקובלים אויף אים געזאָגט דאָס דער שורש פון זיין נשמה איז געווען דער תנא רבי יהודה בן אילעאי, און אין אַ געוויסן הינזיכט איז דאָ אַן ענליכקייט צווישן זיי. פונקט ווי דער תנא רבי יהודה בן אילעאי איז געווען דער „ראש המדברים" פון זיין דור, אַזוי איז אויך רבי יוסף קאַרו געווען דער הויפּט אויטאָריטעט אין זיין צייט און די דורות נאָך אים. דער „מרן בית יוסף" איז ביז היינטיקן טאָג דער פּוסק אחרון אין די מערסטע דינים און הלכות...

רבי שלמה מולכו–דער ענטוזיאַסט און מאַרטירער

פּראָפעסאָר שלמה שעכטער איז געווען דער ערשטער אויפמערקזאַם צו מאַכן די אידישע בעלעטריסטן אויסצונוצן דעם לעבן פון שלמה מולכו און אים שילדערן אַלס העלד פון אַ דראַמע אָדער היסטאָרישן ראָמאַן. אין זיין גלענצענדער עסיי: „צפת אין זעכצנטן יאָרהונדערט" שרייבט שעכטער: „שלמה מולכו איז ווערט דאָס מען זאָל איבער אים ווידמען אַ באַזונדער מאָנאָגראַפיע. ער וואָלט געווען די שענסטע טעמע פאַר אַ גרויסן היסטאָרישן ראָמאַן. אויב אונזערע ראָמאַניסטן וואָלטן געווען אַ ביסל ווייניקער רעאַליסטיש און וואָלטן פאַרמאָגט אַ ביסל מער פּסיכאָלאָגישן בליק ווי אַ דיזראַעלי און באַזעסן די קונסט פון אַ וואָלטער סקאָט אָדער טשאַרלס ריעד, צו פאַרטיפן זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט, וואָלטן זיי זיכער פאַרשטאַנען די גרויסע ראָלע וואָס אזאַ פּערזאָן ווי מולכו וואָלט פאַרנומען אַלס הויפּט העלד פון דעם גרעסטן היסטאָרישן ראָמאַן וואָס עס איז ווען געשריבן געוואָרן".

קיין באַזונדער ביאָגראַפיע פון מולכו איז נאָך ביז היינט ניט געשריבן געוואָרן, כאָטש עס געפינט זיך אַ רייכער מאַטעריאַל צוואָרפן אין פאַרשידענע פּלעצער, און דער ביאָגראַף וואָלט זיך נאָר באַדאַרפט נעמען די מי צונויפזאַמלן דאָס און ברענגען אין אָרדער. דערפאַר אָבער האָט שלמה מולכו, די לעצטע צייט מזל ביי אונזערע דיכטער. מולכו איז געוואָרן אַ העכסט אַנציענדע טעמע צו פאַרשידענע שרייבער, וועלכע האָבן געמאַכט אַ פאַרזוך צו פאַרטיפן זיך אין זיין נשמה, און צונויפוועבן די אַלע לעגענדעס איבער אים, איבערדיכטן זיי און אַרויסברענגען זיין געשטאַלט ווי דאָס פאָלק אין זיין צייט האָט אים געזען. דער

אינטערעס אין מולכו האָט זיך ערוועקט אין די לעצטע יאָרן. מיד, אַנטוישט און פול מיט צווייפל, די נאָכוויי־ענישן פון די מלחמה יאָרן, האָט אַ געוויסע טייל פון דער בעסערער אידישער אינטעליגענץ געבראַכט אויפצולעבן דעם זייער רייכן עבר פון די פאַרביינקטע משיח־טרוימן צווישן פאָלק, און אַזוי איז אַרויפגעשוומען די הערליכע געשטאַלט פון דעם ערשטן מעורר פון דער אידישער אויפלעבונג, דער קדוש שלמה מולכו. דער מאַן וועלכער איז ווי פילע פון אידישע אויסלייזער, געקומען פון דער פרעמד, איז געקומען צום פאָלק דורך אַ צופאַל, אָבער גלייך ווי ער האָט זיך באַקאַנט מיט דער אידישער אמונה, איז ער געוואָרן פול מיט דעם גרעסטן ענטוזיאַזם צו איר. שלמה מולכוס ענטוזיאַזם, איבערגעבנהייט און גלויבן אין דעם ענדליכן זיג פון דעם אמת איבערן שקר, דעם נצחון פון גערעכטיגקייט קאָן אויך היינט דינען ביי אונז, אַלס סימבאָל.

אָבער וויפיל די דיכטער האָבן זיין פערזענליכקייט געזוכט צו דראַמאַטיזירן, איז די רייכע נשמה פון מולכו נאָך ניט אין גאַנצן אויסגעשעפּט. ער וואַרט נאָך אַלץ אויף אַ גרויסן דיכטער וואָס באַגייסטערט און באַקליידט פון זיין גייסט, וועט ער אויס־זינגען די גרעסטע „העלדן ליד" און שאַפן די שטאַרקסטע עפּי־שע פּאָעמע וועלכע וועט שלמה מולכו שטעלן אין די געהעריקע ליכט.

און ווידער, ווי זאָגט דער פאָלקס־ווערטל: „צו וואָס ראָמאַנ־נען–דער לעבן אַליין איז דאָך דער שענסטער ראָמאַן?" די בי־אָגראַפיע פון רבי שלמה מולכו איז דאָך אַזוי רייך־פאַרביק, און בלויז די פאַקטן אַליין לעזן זיך ווי אַן אָטעם־פאַרכאַפּענדער שפּאַנענדער ראָמאַן.

ער איז געבאָרן אין די הויפּט־שטאָט פון פּאָרטוגאַל, ליסאַ־באָן, אין יאָר 1501. די עלטערן–אַ חשובע מאַראַנען פאַמיליע. לויט די גרויסע ידיעות וואָס רבי שלמה מולכו האָט באַהערשט

אין אידישקייט, זיין גרויס באַהאַוונקייט אין קבלה און קענען אַזוי גוט די העברעאישע שפּראַך, איז צו משער זיין דאָס נאָך אַלס קריסט האָט מען אים באַקענט מיט אידישקייט. עס איז לייכט פון דעם צו דרינגען, דאָס די עלטערן האָבן אין געהיים אָפּגעהיט אידישקייט און אין דער עפענטליכקייט—גלויביגע קאַטוילּיקן. פירן זיך קריסטליך פרום, גייען אָפט אין דער קיר־כע, כדי אָפּצוטרייסלען דעם מינדסטען חשד פון זיך, דאָס מען נאַרט די קירכע און מען איז ניט געטריי די קריסטליכע אמונה...

דאָס איז אָבער נאָר אַ השערה. געניי ווער זיינע עלטערן זיינען געווען און ווי שטאַרק זיי זיינען געווען צוגעבונדן צו זייער אַלטע רעליגיאָן, איז ניט באַוווּסט. מולכו דערמאָנט זיי קיינמאָל ניט. אומקערנדיק זיך צו אידישקייט, האָט מולכו פון זיך אַראָפּגע־שאָקלט דעם גאַנצן שטויב פון זיין פאַרגאַנגענהייט און דעם גאַנצן עבר אָפּגעמעקט פון זיין האַרץ.

די פאַמיליע איז געווען רייך און געאַכטעט, און ד י ע ג א פּ י ע ר ע ס (אַזוי האָט געהייסן מולכו אַלס קריסט) איז ערצויגן געוואָרן אין וווילטאָג און לוקסוס. אַלס קינד האָט ער זיך שוין אַרויסגעוויזן זייער באַגאַבט און קלוג, דערצו איז ער געווען שיין און גראַציעז, און באַליבט ביי יעדן איינעם.

זיין צוקונפט איז אויך געווען גלענצענד. נאָך יונג אין יאָרן און ער האָט זיך שוין דורכגעשלאָגן צו אַ קאַריערע אין לעבן. אין עלטער פון צוואַנציק יאָר ווערט ער קיניגליכער סעקרעט־טער, אַן אַמט וועלכע האָט אים געגעבן די געלעגענהייט צו שטיי־גן און דערגרייכן אַ הויכן שטאַנד אין געזעלשאַפט.

איז ער אָבער ניט צופרידן מיט זיך זעלבסט. דער גאַנצער קיניגליכער רייץ ווערט אָן דעם חן אין זיינע אויגן. אַ טרוימער און אַ שווערמער, אַ שטורמדיקער גייסט און אונרואיקע נשמה, ווערט זיין האַרץ פול מיט צווייפל און אים נאָגט און פּייניקט פאַרשידענע געדאַנקען. די קריסטליכע רעליגיאָן קען אים מער

ניט צופרידענשטעלן, און דער געדאַנק דאָס ער וואַקסט פון אידן און מוז טראָגן אויף זיך אַ פאַלשע מאַסקע, מאַטערט אים זייער שטאַרק.

אין דיזען הינזיכט איז דאָ עפּעס ענליכעס צווישן מולכו און אַ צווייטן גרויסן אידישען גייסט, זיין לאַנדסמאַן אוריאל אַקאָסטאַ. ווי מולכו האָט אויך אַקאָסטאַ באַזעסן אַ נשמה פול מיט שטורם און דראַנג, איז געווען פול מיט באַגייסטערונג און ענטוזיאַזם. אַקאָסטאַ וועלכער האָט אין דעם רום, גלאַנץ און פּראַכט פון דער קירכע אויסגעפונען דעם ווידערשפּרוך פון דער קריסטליכער רעליגיאָן. די האַרץ איז אים געוואָרן פּוסט, און ער האָט זיך דערנענטערט צו אידישקייט, און ניט וועלענדיק טראָגן אויף זיך אַ צוויי פּנימדיקע מאַסקע, איז ער אַנטלאָפן פון פּאָרטוגאַל און עפּענטליך אָנגענומען דעם אידישן גלויבן.

דער אונטערשיד צווישן זיי, איז: מולכו האָט גוט פאַרשטאַנען דעם אידישן גייסט און דערקענענדיק די אידישע אמונה מיט איר גאַנצער שיינקייט, האָט ער אין איר געזען די איינציקע ליכט וועלכע טוט שיינען פאַר אים. אַקאָסטאַ האָט אין אידישקייט ניט געפונען דאָס וואָס ער האָט געזוכט און גענומען צווייפלען פון דאָס ניי, האָט גענומען שטעלן פראַגן אויף וועלכע ער האָט ניט געקאָנט באַקומען קיין תשובות, ער האָט גענומען בלאָנדזשען פון דאָס ניי, ביז ער איז פאַרשטויסן געוואָרן און געוואָרן דער „צדוקי פון אַמסטערדאַם".

וואַקלענדיק זיך צווישן קריסטענטום און אידישקייט, זוכנדיג אַ וועג ווי צו באַפרייט ווערן פון זיינע זעלבּ־פּייניגונקען באַווייזט זיך פּלוצלונג איבער די גאַסן פון ליסאַבאָן דער זאָנדערבאַרער מיסטישער ד ו ד ה ר א ו ב נ י.

קליין געוויקסיג, דאַר, הויט און ביינער, און שוואַרץ ווי אַ מור, איז דער דאָזיקער דוד הראובני, אָבער אויגן פאַרמאָגט ער, וונדערליכע, גרויסע, שוואַרצע, ברענענדע. צוויי פייעריקע

קוילן וועלכע צינדן גלייך אָן יעדער איינעמס האַרץ, פאַרכּשופן און פאַרפירן.

און מעשיות דערציילט דוד הראובני—צום שטוינען. ער אַליין קומט פון דער ווייטער אַראַביען, איז דער זון פון אַ אידישן קיניג שלמה, און דער ברודער פון דעם מעכטיגן קיניג פון העדזשאַס, יוסף. זיין טאַטענס ממשלה ציט זיך אַזש ביז אַפריקע, ווו די בני גד ובני ראובן און דער האַלבער שבט מנשה, געפינען זיך. געקומען איז ער מיט אַ דיפּלאָמאַטישע שליחות פון זיין טאַטען, ברודער און סענאַט, קיין רוים, צו פאַרהאַנדלען מיט דעם פּאַפּסט צו שליסן אַ בונד צווישן די קריסטליכע ממשלות און די אידן, צו פאַראייניקן זיך אין אַ מלחמה אויף טערקיי.

היינט ווען דער גרעסטער טייל פון דוד הראובניס טאָגע־בוך איז פאַרעפענטליכט, האָבן מיר שוין אַ שטיקל באַגריף וועגן דעם דאָזיקן זאָנדערבאַרן מענטשן. דאָך, געניי וואָס ער איז געווען און וואָס ער איז אויסן געווען, צו איז ער געווען ערנסט צו גלאַט אַן אַוואַנטוריסט, ווייס מען ניט באַשטימט.

עס איז זייער מעגליך דאָס דוד הראובניס פאָטער איז געווען אַ נשיא פון אַ גרעסערן אָדער קלענערן אידישן שבט אין אַראַביען וועלכער האָט געלעבט פריי און ניט געווען אונטערוואָרפן אונ־טער קיינעם. יעדענפאַלס—ער האָט זיך אַ לאַנגע צייט אויפגע־האַלטן צווישן אַראַבער, און קענענדיק גוט זייער שפּראַך און זייערע מנהגים, פלעגט ער זיך פאַרמאַסקירן, פאַרשטעלן זיך אַלס מוסולמאַנער, און האָט אַזוי אַלס דערוויש, אָנגעבנדיק זיך אַלס אייניקל פון מחמד, אַרומגעוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, איז געווען אין מעקאַ, אין עגיפּטען און אין ארץ ישראל.

אין עגיפּטען לאָזט ער זיך צום ערשטן מאָל דערקענען צו אידן. פאָרשט ביי זיי נאָך וועגן די פאַרוואָגלטע עשרת השבטים, און דערציילט זיי פון זיין יחוס און גדולה, אָבער די אידן פון מצרים האָבן אים ניט גענומען ערנסט. האָבן זיך נאָך אויסגעלאַכט

פון זיינע חלומות, און אים פאַרזאָגט דאָס אַרויסצושלאָגן פון קאָפּ. ער קען נאָך מיט זיינע האַנדלונגן ברענגען די אידן אין טערקיי אין אַ סכנה.

ניט קענענדיק אויפטאָן אין עגיפּטען, פאָרט ער קיין ווענעציע. איידער ער האָט פאַרלאָזן עגיפּטען, האָט ער געלאָזט פיל הערן פון זיך און איבער דער וועלט געלאָזט פאַרשפּרייטן הונדערטער צויבער־לעגענדעס איבער אים. אָנקומענדיק אין ווענעציע, האָט מען שוין פון אים געהאַט געוווסט און סיי אידן און סיי קריסטן, האָבן דעם אידישן פּרינץ אויפגענומען מיט דעם גרעסטן כּבוד.

דורך פאַרשידענע רעקאָמענדאַציעס, שלאָגט ער זיך צו ביז צום פּויפּסט, קלעמאָנס דער זיבעטער. דער ליבעראַלער פּויפּסט, וועלכער איז געווען אַ אידן פריינד, לייגט גרויס אַכט אויף דעם מוטיקן און שטאָלצן איד, וועלכער לייגט אים פאָר דעם פּלאַן צו ערקלערן קריג קעגן די טערקן, און שטיצן די אידן מיט געווער און אַמוניציאָנען.

מיט דעם קומען פון דוד הראובני אין איראָפּאַ ווערט אָפּ־געפרישט דער אַלטער לעגענדאַרישער רייץ פון די עשרת השבטים אידן, לעבט אויף פון דאָס ניי סיי ביי אידן און סיי ביי קריסטן.

דער ערפאָלג פון דוד הראובני ביים פּויפּסט, ערמוטיקט די אידן פון איטאַליע. די שנור פון דאָן יצחק אברבנאל שיקט אים אַלס מתנה פון זיידענס אויסגעשטריקט אַ פאָן, אויף וועלכן זי האָט אויסגענייט די עשרת הדברות. דאָס האָט געזאָלט זיין די ערשטע אידישע פאָן אונטער וועלכע די אידן פון דער גאַנצער וועלט באַדאַרפן זיך צונויפקלייבן און צונויפזאַמלען און פאַר־אייניקן זיך אין איין מאַכט.

אַרויסגערופן פון דעם קיניג פון פּאָרטוגאַל, וועלכער האָט פון זיינטוועגן אַרויסגעשיקט אַ שיף אָנגעלאָדן מיט די גרעסטע רייכטום, קומט דוד הראובני אָן קיין ליסאַבאָן. בשעת די שיף

איז צוגעקומען צום פּאָרט, האָט מיט שטאָלץ אויף איר מאַסט געפלאַטערט די אידישע פאָן אַלס מבשר פון דער אידישער גאולה, דורך אַ שטאָלצן, מעכטיקן, שטאַרקן אידישן פּרינץ.

דוד הראובני ווערט אויפגענומען מיט קיניגליכן כבוד. די מאַראַנען, וועלכע זיינען געווען פאַרמשפּט צום טויט און געהאַלטן אַרויפגעוואָרפן צו ווערן אויפן שייטער, האָבן אָפּגעלעבט. די אינקוויזיציאָן האָט דערוייל אָפּגעשטעלט אירע גרויזאַמע רדיפות אויף די באַהאַלטענע אידן, און דאָס האָט נאָך פיל מער פאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין דוד הראובני.

אין קיניגס הויף באַגעגנט זיך מולכו צום ערשטן מאָל מיט דוד הראובני. די אַלע מעשיות און לעגענדעס וועלכע ער האָט זיך אָנגעהערט איבער דוד הראובני, האָבן די רייכע פאַנטאַזיע פון דעם צוויי־און־צוואַנציק יאָריקן מולכו אַזוי צורייצט, דאָס ער אַליין האָט גענומען טרוימען וועגן די אידישע גאולה. ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט דוד הראובני האָט ער פאַר אים אַנטפּלעקט דעם גרויסן סוד, דאָס ער שטאַמט פון אידן און דאָס ער איז וויליק איבערצוגיין צו דעם אידישן גלויבן. דוד הראובני האָט זיך אָבער פון אים דערווייטערט, און געזוכט זיך אָפּצוטשעפּן פון דעם יונגן ענטוזיאַסטישן אינגעל. בכלל, איז כדאי צו באַטאָנען, דאָס אומעטום ווו דוד הראובני האָט זיך געפונען, אין ווענעציע, אין רוים און אין נעאַפּאָל, איז ער געשטאַנען ווייט פון אידן און מיט זיי וויניק וואָס פאַרבראַכט. שלמה מולכו גיט אים איבער זיינע חלומות און נאַכט־וויזיאָנען איבער די אידישע גאולה דורך דוד הראובני און דעם קומען פון משיח אין גיכן, אָבער דוד הראובני האָט אים אפילו ניט געוואָלט אויסהערן. ער ענטפערט אים קאַלטבלוטיק: „איך ווייס איבער דעם גאָרניט, האָב קיין באַגריף ניט פון קבלה און קאָן דיר גאָרנישט זאָגן וועגן דיינע חלומות איבער מיר. איך בין נאָר אַ סאָלדאַט, וואָס קען פערציק מענשן אין איין טאָג אַנידערלייגן אויף טויט, בין אָבער ניט דער מבשר

פון ביאת המשיח, בין נאָר אַ שליח פון מיין ברודער, דער קיניג. לאָז מיר בעסער צורו״...

דער יונגער מאַראַן איז חושד דאָס דער „גבור און חסיד" דוד הראובני מיידט אים אויס, ווייל ער איז ניט קיין איד, ווייל אויף זיין לייב געפינט זיך ניט דער צייכן פון אברהמס קינדער. ווייל ער איז ניט געמלט, איז זיין נשמה ניט ראוי דאָס מען זאָל אים מגלה זיין אַזעלכע וויכטיקע סודות, וועלכע דוד הראובני טראָגט אין זיך. ער איז אויף גיך אַוועק צו זיך אין הויז, האָט געכאַפּט אַ מעסער און זיך געמלט. ער האָט דורכדעם זיין לעבן געשטעלט אין סכנה. ער האָט זיך שטאַרק פאַרוואונדעט און פיל בלוט איז אָפּגעלאָפן פון אים. ער איז עטליכע שטונדן געלעגן אין חלשות. אים איז אָבער געווען ניחא דער קרבן וואָס ער האָט געבראַכט. אַזוי טייער און הייליק איז די אידישע אמונה געווען ביי דעם שיינעם אינגל, דער ליבלינג פון די שענסטע און אַריס־טאָקראַטישע פרויען אין ליסאַבאָן, פאַר וועמן, אַלס קריסט, איז פאַרגעשטאַנען די גלענצענדסטע צוקונפט.

ווערנדיק געזונד, איז ער גלייך געלאָפן זען דוד הראובני. ער שטעלט זיך איצט פאַר אים פאַר אַלס איד, וועמעס נאָמען איז שלמה מולכו. ער בעט זיך ביי אים איבערצוגעבן אים די סודות, וועלכע ער פאַרהוילט פון אים. „איך האָב דאָך שוין מקיים געווען גאָטס געבאָט און בין אַ איד מיט דיר צוגלייך", זאָגט ער אים. אָבער דוד הראובני פאַלט אויף אים אָן, שרייט און זידעלט אים פאַר זיין טאַט. „וואָרום האָסטו דאָס געטאָן, צו ברייגגען מיר און דיך אין סכנה? ווען דער קיניג וועט זיך פון דעם דערוויסן, וועט ער זאָגן דאָס איך האָב דיר אָפּגערעט פון דעם קאַטוילישן גלויבן און דיר צוגעגרייט צו ווערן אַ איד"— ברוגזט זיך דוד הראובני.

זיין שוואַכער געזונד צורייצט נאָך מער זיין דיכטערישע פאַנטאַזיע. ער פאַרטיפט זיך מער אין קבלה. זיין דיכטונגוויזיאָן

באַשאַפט אים אַ מלאך, וועלכער באַגלייט אים אויף יעדן טריט און שריט, זאָגט אים פאָרויס וואָס עס וועט פּאַסירן און טרעפן אין דער צוקונפט.

די פּאָעטישע וויזיאָן פון מולכו איז זייער שטאַרק. אין חלום און אין דער וואַך זעט ער וואונדערליכע חזיונות. איינע פון זיינע שענסטע וויזיאָנען איז די וועלכע ער האָט איבערגעגעבן צו דוד הראובני, גלייך ווי ער איז געוואָרן אַ איד.

„טרוימנדיק האָב איך געזען דאָס געשטאַלט פון אַן אַלטען שיינעם אידן מיט אַ לאַנגע באָרד. זיין געשטאַלט איז געווען ווי ווייס־קלאָרע שניי. ער האָט צו מיר געזאָגט: קום מיט מיר אין איינע פון די חורבות פון ירושלים, און איך בין אים נאָכגעגאַנגען. גייענדיק האָט זיך מיר אויסגעוויזן דאָס דער וועג איז אַזוי לאַנג און איך גיי יאָרן לאַנג. איך האָב געזען ווי דריי בוימער האָבען אַרויסגעשפּראָצט פון איין וואָרצל און זייערע צווייגן זיינען צו־שפּרייט איבער אַלע זייטן. אויף די צווייגן האָב איך געזען פילע ווייסע טויבן, און צווישן זיי—אייניקע פון אַ טונקל־גרין קאָליר. די צווייטע סאָרט טויבן זיינען צאַרטער פון די ווייסע. און פון זייער קאָליר איז צו זען דאָס זיי זיינען פריער געווען ווייס, און זיינען שפּעטער פאַרענדערט געוואָרן... איך האָב אויך געזען שוואַרצע טויבן צווישן זיי. זיינען אָבער געווען קליין אין צאָל. נאָענט צו די ווייסע טויבן האָט זיך געפונען אַ גרויסע פעלד אין וועלכן עס פלייצט אַ גרויסער טייך, און איבערן טייך געפינט זיך אַ גרויסע שטאַרקע אַרמיי, געלערנט צו פירן קריג, רייטן אויף פערד און אָנגעגורט מיט כלי זיין, שפּיזן און שווערדן, מיט ביקסן וועלכע שלײדערן אייזן־פייערדיקע קוגלען. די שטאַרקע אַרמיי נעמט אויסרייסן די בוימער"...

„דער ערשטער מאַן, האָט אַ פאַל געטאָן אויף מיר. האָט זיין מויל צוגעלייגט צו מיין מויל, זיינע אויגן—צו מיינע, און די הענט—אויף מיינע הענט, און געזאָגט: פאַרשטייסטו וואָס דו האָסט געזען,

די באַדײַטונג פון די טויבן און זײַערע קאָלירן און וואָרום די פעלקער שלאָגן און טויטן זיי? און איך האָב געענטפערט: מײַן האַר! אײַער קנעכט פאַרשטייט דאָס ניט. אָבער מײַן רחמנות איז זײַער גרויס אויף די טויבן און מײַן האַרץ ווייטאָקט אויף זיי... און ער האָט צו מיר געטאָן זאָגן: הויב אויף דײַנע אויגן און זע די אַלע חילות און זײַער סוף און דו וועסט פאַרשטיין וואָס די טויבן באַדײַטן. ער האָט אַ מאַך געטאָן אויף די גוים וועלכע האָבן גע־שלאָגן די טויבן, און זיי זײַנען געוואָרן אַ הויפן ערד... ער האָט אויך אַ בלאָז געטאָן איבער די טויבן און זיי זײַנען באַלד געוואָרן ווײַס... דער טײַך האָט גענומען פליסן מיט מער וואַסער, און אויף בײדע זײַטן פון טײַך האָבן גלײַך אויסגעוואַקסן בוימער מיט פאַרשידענע מאָדנע פרוכטן... איך האָב זיך אָנגערופן צו דעם מאַן און געזאָגט: אויב איך האָב געפונען חן אין אײַערע אויגן, זאָל מײַן האַר זאָגן זײַן קנעכט וואָס די דאָזיקע וווּנדער און נסים זײַנען. ער האָט מיר אָבער געענטפערט: איצט קאָן מען צו דיר די זאַך ניט אַנטפּלעקן, און דאָס זאָל זײַן אויך פאַרהוילן בײַ דיר".

אָט דער וווּנדערלעכער פּאָעטישער „חזיון", איז אַן אַלעגאָריע איבער די אנוסים. די ווײַסע טויבן, זײַנען די אידן וועלכע זײַנען בײַגעשטאַנען דעם נסיון, און האָבן אויסגעקליבן צו גיין אין גלות, אײדער צו לעבן אין גוטס אַלס קריסטען אין שפּאַניען און פּאָר־טוגאַל. די טונקל־גרין טויבן, זײַנען די מאַראַנען וועלכע האַלטן זיך נאָך בײַ אידישקייט און היטן איר אָפּ אין געהיים, אָבער האָבן ניט דעם כח אַרונטערצורײַסן די פאַלשע מאַסקע פון זײַער פּנים, און די שוואַרצע טויבן—זײַנען די יעניקע וועלכע האָבן זיך אין גאַנצן אָפּגעריסן פון אידישן שטאַם און געוואָרן גוטע פרומע קריסטן...

פאַרבלײַבן לאַנג אין פּאָרטוגאַל אַלס איד, האָט ער ניט געקאָנט. דוד הראובני האָט מורא געהאַט דאָס מען וועט אים באַשולדיקן פאַר דעם, און ער האָט גענומען צורײדן מולכון דאָס

ער זאָל אַוועקפאָרן אין ירושלים. דער „מלאך" האָט אויך מולכון צוגערעט צו גיין אין דאָס הייליקע לאַנד. און אַזוי איז מולכו, אין יאָר רפ"ט, אָנגעקומען אין ירושלים.

אין ירושלים איז דאַמאָלס געווען רב דער רלב"ח. עס איז געווען עטליכע יאָר נאָך דעם טויט פון דעם נגיד רבי יצחק הכהן שולאל, וואָס האָט אַ ביסל דעמאָראַליזירט דעם לעבן אין דער הייליקער שטאָט און געבראַכט צו מחלוקת. מיט דעם קומען פון מולכו אין ירושלים, האָט די לאַגע זיך געביטן צו גוטן. מיט זיין שיין געשטאַלט און וווּנדערבאַרן רעדנער קראַפט האָט ער אָפּ־געשאַפט די מחלוקת און געמאַכט שלום צווישן אַלע געמיינדעס. ער האָט גענומען האַלטן אָפט דרשות, אין וועלכע ער האָט מעורר געווען צו תשובה, אָנזאָגענדיג דאָס דער קץ פון גלות איז געקומען, און אויב מען וועט תשובה טאָן וועט מען דערנענטערן די גאולה. מען האָט אין ירושלים ווידער איינגעפירט טעג צו פאַסטן און עוסק זיין אין תיקוני תשובה. אַלע אידן פון ירושלים, ווי פון גאַנץ ארץ ישראל און טערקיי, האָבן באַנייט דעם מנהג וואָס דער נגיד האָט איינגעפירט צו פאַסטן צוויי מאָל אַ וואָך, און מתפלל זיין אויף ביאת המשיח. אפילו פרויען און קינדער האָבן אויף זיך גענומען צו פאַסטן, און דער גלויבן דאָס דער קץ מוז אין גיכן קומען, איז אַזוי פאַרשטאַרקט געוואָרן דאָס פילע האָבן שוין אויפ־געהערט צו רעכענען זיך מיט די באַפעלן פון דער רעגירונג, און ווען ניט דער רלב"ח וואָלט מיט זיין רואיקייט און געלאַסענ־הייט באַרואיקט דעם פאַשאַ פון ירושלים, וואָלטן די טערקן אַלע אידן אויסגעקוילעט.

פון ירושלים גייט מולכו קיין צפת, ער טרעפט זיך דאָרט מיט דעם גרויסן מקובל רבי יוסף סאַרגאָסאַ און רבי יעקב בי־רב, דער לאָגישער גאון, וועלכער זוכט צו באַנייען די סמיכה. מולכוס נאָמען גייט פאַר אים, און די לעגענדע דאָס ער איז דער שליח פון דעם אידישן פרינץ דוד הראובני, קרוינט אים מיט אַ לאָר־

בער קראַנץ. ער ווערט עמפּפאַנגען מיט דעם גרעסטן כבוד, און אַלע באַוווּנדערן די גרויסע ידיעות אין קבלה און אַנדערע קענטענישן פון דעם יונגען פינף און צוואַנציק יאָריקן גר צדק. אפילו דער לאָגיש־דיינקענדער און געגנער פון קבלה, רבי יעקב בי־רב ווערט הינגעריסן פון די שיינע קיניגליך־שטאָלצע געשטאַלט פון דעם ליבענסווירדיקען מולכו, זיין פרומקייט און איבערגעבענהייט צו אידישקייט, כאָטש מיט עטליכע חדשים צוריק איז ער געווען טיף פאַרזונקען אין מ"ט שערי טומאָה, זייענדיק ערצויגן אַלס קריסט. זיינע משיח טרוימן ווירקען אפילו ניט אויף אים. ער איז אים אָבער מקרב, און איז גליקליך אים צו האָבן אַלס גאַסט אין זיין הויז.

מולכוס אויפהאַלטן זיך אין צפת, איז פאַרבונדן מיט איינע פון די שענסטע לעגענדאַריש־ראָמאַנטישע ראָמאַנען וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן.

די לעגענדע דערציילט דאָס גלייך ווי מולכו האָט איבערגעטראָטן דעם שוועל פון בי־רבס הויז, האָט זיך זיין בת יחידה, די שיינע קלוגע און געראָטענע דבורה, גלייך פאַרליבט אין דעם זעלטן שיינעם מולכו. אויך ער האָט אין איר געפונען זיין אידעאַל, און באַקומנדיק די ברכה פון רבי יעקב בי־רב, איז מיט גרויס פּאַראַד געשריבן געוואָרן תנאים.

דער שטורמדיק־ברויזענדער גייסט פון מולכו האָט אָבער לאַנג ניט געקאָנט פאַרבלייבן אין צפת. ער איז נאָר געקומען מעורר זיין די הערצער, אָנזאָגן דאָס עס וועבן זיך די פעדים פון דער גאולה, און באַקומען אַ תיקון צו זיין אייגענע נשמה אין דער שטאָט וווּ די קבלה איז געשאַפן געוואָרן. ער האָט געמוזט פאָרן ווייטער. ער באַרייזט איניגע שטעט אין טערקיי, און וווּ ער קומט מאַכט ער דעם שטאַרקסטען רושם און רופט אַרויס באַגייסטערונג ביי אַלע מקובלים. ער וועקט אין זייערע הערצער בייגקעניש און

נאָגעניש אויף דער גאולה, פאַרוועבט זיי מיט די שענסטע משיח־טרוימען.

אַ לענגערע צייט האַלט ער זיך אויף אין סאַלאָניק, וועלכע איז געווען אַ צענטער פאַר מקובלים. דער הויפּט פון זיי, איז דער מקובל רבי יוסף טייטצאַק, מיט וועמען מולכו איז נאָך פון פריער געשטאַנען אין בריוו־פאַרבינדונג. אין סאַלאָניק הויבט דער מלאך זיך ווידער באַווייזן צו אים, און ער באַקומט נייע וויזיאָנען, יעדן טאָג אַן אַנדער זעאונג. אין סאַלאָניק דרשענט ער יעדן שבת פאַר די מקובלים, איבער די סדרה פון דער וואָך. די דרשות זיינען צונויפגענומען אין זיין „ספר המפואר".

דער „ספר המפואר" איז איינער פון דריי ספרים וואָס מולכו האָט מחבר געווען. דער „חית קנה", איז היינט ניט בנמצא און דער צווייטער „שיח חדש", איבער ביאת המשיח, איז בכתב־יד. דער „ספר המפואר" איז אָבער זייער פּאָפּולער, איז פילע מאָל געדרוקט, און זייער טייער ביי די מקובלים.

כאָטש ער באַהאַנדעלט דאָרט טיפע קבלה ענינים, איז ער געשריבן אין אַ פליסנדע, לייכטע און פאַרשטענדליכע שפּראַך. אין דער הקדמה שרייבט ער: „צוליב מיינע ליבע ברידער און חברים וואָס וווינען אין סאַלאָניק און האָבן מיר געבעטן צו שיקן זיי אַ דרוש אויף דעם „דרך האמת", אָדער אַ פירוש אויף אַ פרשה אָדער אַ מאמר חז"ל, און כדי צו ערפילן זייער בקשה, האָב איך אָנגעשריבן דעם דאָזיקן חבור, כאָטש עס איז פון מיר ניט פאַר־הוילן מיין קורצע השגה און קליינער פאַרשטאַנד אין דעם, ווייל מיינע זינד האָבן מיר פאַריאָגט און פאַרטריבן פון גאָטס נחלה, דאָך האָף איך און פאַרלאָז זיך אויף דעם גענאָד פון דעם אַל־מעכטיקן, דאָס ער וועט מיך פירן אין דעם ריכטיקן וועג".

דער הויפּט געדאַנק פון דעם „ספר המפואר", דרייט זיך אַרום דער אייביקער טעמע: גאָט און די כנסת ישראל, דער

שטענדיקר קאַמף צווישן מיכאל און סמאל, צווישן דעם שר של אדום מיט די אידן.

זייער שאַרף ווערט דאָרט באַטאָנט דער צער פון שעבוד־גליות און די נויטווענדיקייט פון דער גאולה, די גייסטיקע אויס־לייזונג צוזאַמען מיט די אויסלייזונג פון לאַנד. ווי דימאַנטען בליצן זיינע געדאַנקען און די ווערטער טריפן מיט פערל. דעם גאַנצן אומגליק פון דאָס אידישע פאָלק וואַרפט ער אַרויף אויף מלכות אדום. זי איז אין אַלץ שולדיק און זי איז מעכב די גאולה. אָבער אויך די אידן זיינען שולדיק אין זייערע צרות. זייערע זינד זיינען גורם דאָס די „פיר מלוכות" זאָלן ווערן שטאַרקער, דאָס די שווערד פון עשו זאָל ווערן מעכטיק און אַזוי ווערט דער קומען פון משיח בן דוד אָפּגעהאַלטן.

דער בוך איז אויך פול מיט אַלעגאָריען און אויסטייטשונג פון פאַרשידענע פסוקים אויף די צרות פון די אידן, און די פאָ־ליטישע געשעענישן פון איטאַליען און דייטשלאַנד אין זיין צייט. איוב איז לויט זיין מיינונג, אַ משל אויף די יסורים פון די אידן. אין דעם אונפאַרשטענדליכן פסוק „הנה ישכיל עבדי" פון ישעיה — אַ רמז אויף משיח בן יוסף. בכלל, איז דער קליין ספרל פול מיט באַגייסטערונג און נאַציאָנאַלען שטאָלץ, און עס איזווירקליך צו באַוואונדערן ווי אַזוי דער פרעמדער, דער ביז מיט אַ קורצער צייט פרומער קאַטויליק, האָט באַזעסן אַזאַ געזונטן נאַציאָנאַלען חוש, האָט אַזוי טיף פאַרשטאַנען די אַלע אידישע ווערטן. עס ווייזט אויס, דאָס ער האָט געפילט זיין טראַגישן סוף, און האָט אין דער קורצער צייט איינגעזויגן דאָס גאַנצע זיסקייט פון די אידישע אוצרות.

אין די צייט וואָס ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין סאַלאָניק, שטייט ער אין איינגע בריוו פאַרבינדונג מיט דוד הראובני. דוד הראובני האָט שוין געהאַט פאַרלאָזן פאָרטוגאַל, און געפינט זיך שוין ווידער אין רוים. ביים קיניג פון פאָרטוגאַל האָט ער קיין

ערפאָלג ניט געהאַט, און ער קלאַפּט ווידער איבער די טירן פון וואַטיקאַן, האָפנדיק דאָס ענדליך וועט דער פּויפּסט ווערן אַריינגעצויגן אין דער געפערליכער אַוואַנטורע, צו פירן קריג געגן טערקיי. שלמה מולכו, קאָן שוין מער ניט זיצן רואיק אין סאַלאָניק, פאַרלאָזט זיינע חברים און תלמידים, און געפלויגן אויף אָדלער־פליגלען קומט ער קיין רוים.

ער קומט קיין איטאַליע אין איינע פון די שטורמדיקסטע מאָמענטן. אין די צייט ווען די רעפאָרמאַציאָן האָט גענומען פאַר־כאַפּן גאַנץ דייטשלאַנד, אין דער צייט וואָס מאַרטין לוטער האָט מיט זיין גרויסער רעדנער קראַפט, געשטורמט די פעסטונג פון קאַטוילוציזמוס און דעם פּויפּסט טראָן געשטעלט אין סכנה. מולכו זעט אין דעם אַ צייכן פון דער צייט, און ער הויבט אָן אַרויסטרעטן אין דער עפנטליכקייט אַלס רעדנער. זיין רעדנער קראַפט איז צו באַוואונדערן, און ער געווינט וואָס מער אָנהייגער. אָבער שטעלט ניט איינמאָל זיין לעבן אין סכנה. אין אַנקונא פאַר־מסרט מען אים פאַר דעם בישאָף, דאָס דער יונגער רעדנער איז אַ געוועזענער קריסט. אויף די פראַגע פון בישאָף וואָס ער האָט צו זאָגן אויף דער דאָזיקער קלאַגע, ענטפערט ער אים מוטיק: „עס איז אַלץ ריכטיק וואָס מען האָט דיר דערציילט אי־בער מיר. גאָט און זיין תורה איז אמת, און אַ חוץ אים גלויב איך אין קיין זאַך ניט". דער בישאָף באַפרייט אים, אָבער מיט דעם תנאי ניט צו האַלטן זיינע דרשות, אָבער מולכו שרעקט זיך ניט אָפּ. ער רעדט אויך פאַר קריסטען און פירט וויכוחים מיט גלחים און קאַרדינאַלן צו איבערצייגן זיי אין דעם אמת פון דער אידישער תורה.

אים ציט אָבער קיין רוים. אַ געהיימע קראַפט טרייבט אים אין די שטאָט אין וועלכע די סטרא אחרא רוט, און וועלכע פאַרהאַלט די אידישע גאולה און די אויפבויאונג פון ירושלים. אין רוים מוז ער קומען אַלס דער אָנזאָגער פון דער אידישער גאולה

און פון די שטאָט וואָס משיח זיצט ביי אירע טויערן געבונדען אין קייטן, וועט ער מיט אַ שופר לאָזן אויסרופן אויף די באַפריי־אונג פון דאָס אידישען פאָלק.

שטאָלץ, ווי אַ ריטער, רייט ער אַריין אין רוים אויף אַ פערד. שטייענדיק לעבן אירע טויערן, ווערט ער אַזוי שטאַרק אויפגע־רעגט, פאַרגיסט זיך אין טרערן. און מיט אַ געבראָכן האַרץ בעט ער צו גאָט: „גאָט, הערשער פון דער גאַנצער ערד, ביז ווען וועסטו נאָך שווייגן און זיך ניט דערבאַרימען אויף ירושלים און די שטעט פון יהודה? ביז ווען וועסטו דולדן די אַלע רשעות וואָס איז אין דערדאָזיקער שטאָט געטאָן געוואָרן צו אונדז, האָט אונדז עוקר געווען פון אונדזער לאַנד און צושפרייט אונדז אויף דער גאַנצער וועלט".

ער שטעלט זיך דאַוונען מנחה. אין מיטן שמונה עשרה קומט זיין יועץ, דער מלאך, אָדער ווי ער רופט אים: „מיין רבי", און גיט אים האָפנונג. בשעת ער האַלט ביי דער ברכה „גואל ישראל", הערט ער אַ שטימע אויסרופנדיק: „והיה ירשה שעיר אויביו"; צו „מקבץ נדחי ישראל" ענטפערט די זעלבע שטימע: „וישראל עושה חיל", און ביי דער ברכה פון „בונה ירושלים"—„לי נקם ושלם", און צו „ומצמיח קרן ישועה"—„והיה אדום ירושה".

פון גרויס התפעלות, זעט ער אין זיין עקסטאַז אַ וואונדערלי־כע זעאונג. ער געפינט זיך צוזאַמען מיט דעם זקן וואָס האָט זיך באַוויזן צו אים גלייך ווי ער איז געוואָרן אַ איד, איז איינע פון די חורבות פון ירושלים. פון דאָרט ווערט ער אַריבערגעטראָגן צווישן צוויי הויכע בערג פון ארץ ישראל, צווישן דעם באַרג ציון און ירושלים, צווישן צפת און דמשק. מען האָט אים אַרויפגעפירט אויף דעם שפיץ פון דעם רעכטן באַרג, און פון דאָרט האָט ער אויף דעם שפיץ פון לינקען באַרג געזען אַ מאַן אָנגעטאָן אין ליי־נענע קליידער און אין זיין האַנט האַלט ער אַ וואָגשאָל. די בערג האָבן זיך דערנענטערט און געוואָרן איינס, און דער מאַן וואָס איז

געשטאַנען צווישן הימל און ערד, האָט געהאַלטן אַ מגילה אין וועלכע עס איז געשטאַנען אַלץ וואָס וועט אין די קומענדע טעג פּאַסירן מיט רוים. דער אַלטער מאַן האָט גענומען לייענען דעם „משפט פון דער אומה פון וועלכע ער האָט מיך אַרויסגענומען", און דעם משפט „פון דער אומה אין וועלכע דו געפינסט זיך איצט אויפן בריק"... ווי באַקאַנט, איז זיין זעאונג, דאָס רוים וועט פאַרפלייצט ווערן פון טייך טיבער, און דאָס אין פּאָרטוגאַל וועט פאָרקומען אַ שרעקליכע ערד ציטערניש, אין אַ קורצע צייט מקוים געוואָרן.

ווייסנדיק דאָס ער איז ביי די אידן פון רוים ניט שטאַרק באַליבט און וועלענדיק זיך אויסהיטן פון זיי, פאַרשטעלט ער זיך אַלס ריטער וועלכער איז געקומען זוכן זיין „האַרצענס געליבטע, אָן וועלכער ער קאָן ניט לעבן, אָבער די עלטערן לאָזן אים ניט צו צו איר, האַלטן איר געפאַנגען און באַהאַלטן איר פון זיינע אויגן". אַזוי דערקלערט ער צו דעם באַלעבאָס פון דעם קריסטליכן האָטעל אין וועלכן ער איז פאַרפאָרן. טוט זיך איבער אין אָרימע, צוריסענע קליידער, פאַרשוואַרצט דעם פּנים, און דערשלאָגן, איינגעבויגן ווי אַ קראַנקער, לאָזט ער זיך אין דער אידישער געטאָ זיך צו באַקענען מיט זיינע ברידער, דערווייל פאַרשטעלט גיט ער זיך אָן אַלס דער משרת פון שלמה מולכו.

מען דערקענט אים אָבער, און מען גיט אים אַרויס צום פּויפּסט, אַלס געוועזענעם איד. ער געפעלט אָבער דעם פּויפּסט. אין זיין געשפּרעך מיט דעם פּויפּסט, גיט ער אים איבער זיין נבואה, וועגן דעם קומענדן מבול אין רוים, און דאָס מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דעם פּויפּסט, וועלכער האָט די לעצטע יאָרן פיל צרות אויסגעשטאַנען און איז געוואָרן אַ גרויסער מאמין אין חלומות און זעאונגען. דער פּויפּסט ראַטעוועט אים און לאָזט ניט די אינקוויזיציאָן אים אַריינעמען אין אירע נעגל, און נאָך מער

—מולכו ווירקט ביי אים, ניט צו דערלאָזן איינפירן די אינקוויזיצ־יע אין פּאָרטוגאַל.

ער באַגעגנט זיך ווידער מיט דוד הראובני. אבער איז שוין ניט אַזוי שטאַרק באַגייסטערט פון אים. אין זיין בריוו צו רבי יוסף טייטצאַק, שרייבט ער: „צום אָנהויב האָב איך אַייך דערציי־ציילט דאָס איך פאָר מיט אַ געהיימע שליחות פון דוד הראובני. איצט מוז איך ערקלערן דעם אמת, דאָס איך האָב זיך ניט גע־מלט און ניט געפאָרן אויף דעם ווונטש פון אַ בשר ודם, נאָר לויט דעם רצון פון דעם אַלמאַכטיקן גאָט".

דוד הראובני מיט מולכו האָבן זיך געטראָפן אין ווענעציע. דוד הראובני האָט געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט די ווענעציער רעפּובליק צו פאַרווירקליכן זיינע פּלענער. כאָטש מולכו גלויבט ניט אין אים, דאָך דערנענטערן זיי זיך און אַרבייטן אויס אַ פּלאַן אין וועלכן די הערשער פון דער רעפּובליק פאַראינטערעסירן זיך. מען האַלט זיי ביידן בכבוד און מען גיט זיי אָפּ איינעם פון די שענסטע פּאַלאַצן צו וווינען.

די אידן פון ווענעציע נעמן אָבער רודפן מולכון, אַזוי ווייט דאָס מען זוכט אים אָפּצוראַמען פון וועג און מען מאַכט אַ פּאַרזוך אים צו פאַרסמען, און ער קערט זיך צוריק קיין רוים. ער קומט אָן קיין רוים גלייך נאָכדעם ווי זיין נבואה וועגן מבול איז מקוים געוואָרן. גאַנץ רוים איז פאַרפלייצט געוואָרן פון די וואַסערן פון טיבער, און נאָר די ערטער וואָס ער האָט פאָרויסגעזען דאָס זיי וועלן ניט ווערן באַשעדיקט, זיינען געבליבן גאַנץ. צו דער זעל־בער צייט, קומט אין ליסאַבאָן פאָר די ערדציטערניש, און אַלע זעען אין דעם גאָטס האַנד. די האָפנונגען דאָס איצט וועט אויך מקוים ווערן מולכוס איבעריגע נבואות, די אויפבויאונג פון ירושלים און די באַפרייאונג פון די אידן פון גלות, ווערט שטאַרק אין אַלעמענס הערצער.

דער פויפסט נעמט אים אויף מיט דעם גרעסטען כבוד, אַנערקענט אים אַלס געטליכער מאַן. אָבער זיינע שונאים און ניט פאַרגינערס רוען ניט. יעקב מאַנטינאָ, אַ דאָקטאָר און גרויסער תלמיד חכם, שעמט זיך ניט אויפצורייצן געגן אים דעם פּאָרטוגעזישן קאָנסול, בעט אים דאָס ער זאָל מולכון איבערגעבן צו דעם אינקוויזיציאָנס געריכט. דער קאָנסול, וועלכער ליבט מולכון און האָט פאַר אים דעם גרעסטן רעספּעקט, דערלאָזט אָבער ניט צו דעם. ענדליך ווערט ער אָבער איבערגעגעבן אין דעם רשות פון דער אינקוויזיציאָן. יעקב מאַנטינאָ באַגייט אַ גרעסערע עולה, אַן עולה וואָס איז העכסט שענדליך. ער איז ניט נאָר אַ מאוסער מלשין, נאָר אויך אַ פאַררעטער צו זיין פאָלק. ער איבערזעצט אין לאַטיין מולכוס בריף צו טייטצאַק אין וועלכען ער שימפּט „אדום" און רוים, ווו מולכו דריקט אויס זיין גאַנצן האַס און גיפט אויף דער קאַטוילישער רעליגיאָן.

אויף אַזאַ געפערליכן פאַרברעכן האָט מען שוין מולכון ניט געקאָנט פאַרשווייגן, און מען פאַרמשפּט אים צום טויט, צו וואַרפן אים אויפן שייטער הויפן. דער משפּט ווערט דורכגעפירט מיט גרויס פּאַראַד. פאַר די אויגן פון אַלע קאַרדינאַלן האָט מען אים פאַרברענט. מען האָט דאָס פאַרשריבן אין „ספר הזכרונות", און ווי ערשטוינט זיינען זיי געוועזן ווי אין עטליכע טעג אַרום האָט מען געטראָפן מולכון רייטן שטאָלץ אויף זיין פערד איבער די גאַסן פון רוים.

דאָס האָט דער פויפסט צוזאַמען מיט דעם קאָנסול פון פאָרטוגאַל געראַטעוועט זיין לעבן. אַנשטאָט מולכון, האָבן זיי איבערגעגעבן אַן אַנדער מענטשן וועלכער איז געווען אַ ביסל ענליך צו אים, און אַזוי איז מולכו געבליבן לעבן.

מולכו וויל שוין מער ניט פאַרבלייבן אין רוים. דער פויפסט גיט אים פיל מתנות, לאָדעט אים אָן מכל טוב. און אין דער באַגלייטונג פון דעם פויפסט לייב־גוואַרדיע פאַרלאָזט ער רוים,

ווו ער איז ניט זיכער מיטן לעבן, דורך די מסירות און אינטריגעס פון זיינע אייגענע ברידער, די אידן.

ער באַרייזט פילע שטעט אין איטאַליען. באַגייסטערט או־מעטום און דערוועקט די הערצער צו תשובה טאָן, צו זיין גרייט צו דער גאולה. און דערווייל ווערט אין זיין היציקן מוח געבאָרן אַ פּלאַן, וואָס נאָר אַ פאַנטאַזיאָר קאָן אַיינפאַלן—זיך צו מעלדן צו דעם מעכטיקן קייסער, קאַרל דער פינפטער, ווירקן אויף אים אָנצונעמען דעם אידישן גלויבן און גרינדן פון דאָס ניי די אידישע מלוכה, וועלכע וועט פירן די גאַנצע וועלט מיט צדק און יושר.

צוזאַמען מיט דוד הראובני הויבן זיי אָן נאָכפאָרן דעם קייסער. זיי רייזן דורך באָלאָניע, פעראַראַ און מאַנטוואַ, ביז צו רעגענס־בורג. זייער רייזע איז אַ טריאומף צוג. פאָרן אין אַ רייכן עקי־פּאַזש אויף וועלכן עס פלאַטערט שטאָלץ אַ גרויסע פאָן, דער „דגל יהודה", מיט דעם אויפשריפט: „מי כמוך באלים ה'". נאָך זיי פאָרן נאָך, אָדער גייען צו פוס אַ גרויסע מאַסע מענשן, וועלכע האָבן אים אָפּגעגעבן אַ קיניגליכע ערע.

אין רעגענסבורג איז דאַן פאָרגעקומען דער רייכסטאָג, אויף וועלכן אַלע קיניגן און פירשטן פון דייטשלאַנד האָבן אָפּגע־האַלטן זייער זיצונג. פאַר זיי האָט דער קלוגער דיפּלאָמאַט דוד הראובני געוואָלט פאָרלייגן זיין פּלאַן דאָט דער קייסער זאָל אַרויסרופן אַ קרייץ־צוג מלחמה געגן די טערקן, זאָל געבן געווער און אַמוניציע צו די אידן, וועלכע וועלן זיך בילדן אין באַזונ־דערע לעגיאָנען, צו העלפן אים. אויף דעם מעכטיקן קיניג, וועלכער איז געווען אַ שרעקליכער שונא ישראל, האָט מולכו געוואָלט, מיט זיין גלענצענדן רעדנער־קראַפט, ווירקן דאָס ער זאָל ארץ־ישראל אָפּגעבן צו די אידן און זיי העלפן ווערן צוריק אַ פאָלק אויף זיין אייגן לאַנד.

און וואָרום זאָל ער ניט ווירקן? ער, מיט זיין וונדערליך־שיינעם געשטאַלט, מיט זיינע ברענענדע אויגן, און מיט זיין שאַרפן

צונג, מיט זיינע זיסע ליפּן וועלכע טריפן מילך און האָניק, זיין הייליקע באַגייסטערונג און עקסטאַז, זיין איבערגעבנהייט צו דער אידישער אמונה, ער וואָס איז געשיקט צו באַפרייען די אידן פון זייער גייסטיגן און פיזישן גלות, וועט ניט ווירקן אויף דעם קיניג, וועט אים ניט באַאיינפלוסן פונקט ווי ער האָט באַ־איינפלוסט יעדן איינעם?

ער ווענדעט זיך בנוגע דעם צו דעם שתדלן רבי יאָזועלמאַן ראסהיים, וועלכער איז אַ מקורב למלכות און זייער געאַכטעט ביים קייסער. רבי יאָזועלמאַן דערשרעקט זיך שטאַרק פאַר דעם, און זוכט אים אָפּצוהאַלטן פון זיין שרעקליכן שריט, האָבנדיק מורא דאָס דער דאָזיקער טאַט וועט ברייִנגען נייע צרות אויף אידן.

רבי יאָזועלמאַן האָט זיך אינטערעסירט אין קבלה, האָט אַליין געשריבן אַ קבלה ספר. אָבער ער און מולכו זיינען געווען צוויי קאָנטראַסטן, אַזוי ווייט איינער פון צווייטן, דאָס זיי האָבן זיך פּשוט ניט פאַרשטאַנען. רבי יאָזועלמאַן, דער געטאָ־איד, דער איד מיט די געלע לאַטע אויף דער פּלייצע, וועלכער איז צו שפּאָט און פאַראַכטעט פון דעם אָרימסטן קריסט, איז גע־פּרוווט מיט צרות און ווייס דאָט נאָר „בתחנונים ידבר רש", מיט שתדלנות און געלד קאָן מען אָפּבעטן די שלעכטע גזרה. און קעגן אים–מולכו, דער שטאָלצער מאַן, מיט דעם מאַיעסטעטישן געשטאַלט, וועלכער האָט יעדן איינעם באַצויבערט און אַרויס־גערופן ערנגעפילן! מיט דעם גרעסטן רעספּעקט וואָס רבי יאָ־זועלמאַן האָט געהאַט צו מולכו, האָט ער אָבער ניט געקענט דער־לאָזן אים צו דעם ריזיקאַלישן שריט. עטליכע טעג איידער מולכו איז אָנגעקומען אין רעגענסבורג, שרייבט אים רבי יאָזועלמאַן אַ האַרציגן בריוו ווו ער בעט זיך ביי אים ווי אַ פאָטער צו אַ זון, צו לאָזן דעם קייסער צורו.

דעם בריוו האָט ער געשיקט דורך אַ ספּעציעלן שליח.

מולכו האָט געענטפערט: עס טוט מיר זייער לייד וואָס איך קען דיין ראַט ניט אָננעמען.

רבי יאָזעלמאַן האָט גלייך פאַרפּאַקט זיינע זאַכן און אויף גיך פאַרלאָזן רעגענסבורג, ניט צו געפינען זיך בשעת די קאַטאַסטראָפע וועט פאָרקומען.

אידן האָבן זיך דאַמאָלס אין רעגענסבורג ניט געפונען. די אַלטע שול איז געשטאַנען אַ פאַרלאָזענע, האָט זיך געפונען נאָענט צו דעם פּלאַץ ווו דער רייכסטאָג פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען. מולכו איז אַריין אין שול, און נאָך אים אַ גרויסע מענגע מענשן. מולכו איז אַרויף ביז צום אָרון קודש און מיט זיין צויבער־שטימע גענומען האַלטן אויף לאַטיין די פאָלגענדע דרשה:

„עת ללדת, בשעת גאָט האָט באַשאַפן דעם ערשטן מענטשן־פּאָר, ועת למות, בשעת אדם און חוה האָבן געזינדיקט און דורך דעם פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן און געבראַכט דעם טויט אויף דער וועלט, עת לטעת—בשעת די מענטשן האָבן זיך געמערט אויף דער ערד, ועת לעקור נטוע—בשעת זיי האָבן צוליב זייערע זינד געבראַכט דעם מבול, עת להרוג—בשעת דער דור־הפלגה האָט זיך געשטעלט קעגן גאָט, ועת לרפוא—בשעת אברהם האָט גאָטס וויסן פאַרפלאַנצט אין די מענטשנס הערצער. עת לפרוץ—בשעת עשו איז געגאַנגען אין דעם וועג פון נחש, ועת לבנות—בשעת יעקב האָט דורך די צוועלף שבטים פאַרענדיקט די בויאונג פון דער וועלט", און אויף דעם אופן האָט ער מיט אַ שיינע שפּראַך און דונערנדע שטימע פאָרטגעזעצט זיינע געדאַנקען וועגן די אויפבויאונג פון ציון און ירושלים.

מולכו און דוד הראובני האָבן זיך געלאָזט מעלדן צום קייסער און געבעטן אַן אודיענץ ביי אים.

דער קייסער האָט זיי געלאָזט עטליכע טעג וואַרטן מיט אַן ענטפער. דער רואיקער דוד הראובני האָט געדולדיק געוואַרט אויף דעם קייסערס ענטפער אָבער דער אומרואיקער און שטורמ־

דיקער מולכו, האָט ניט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן. ער איז יעדן טאָג געגאַנגען בעטן די ערלויבניש צו זען דעם קייסער, אי־בערלאָזנדיק די רעקאָמענדאַציעס־בריוו וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון פויפסט.

ענדליך איז דער אוידיענץ באַשטימט געוואָרן.

מולכו האָט זיך פאַרנייגט פאַרן קייסער, און אין שפּאַניש אים ערקלערט די אורזאַכע וואָס האָט אים געבראַכט צו אים. אויף אים איז אַרויפגעלייגט די שליחות צום קייסער, דאָס ער זאָל צונויפזאַמלען אַלע אידן, באַוואָרנען זיי מיט קאַנאָנען און פול־ווער און ערלויבן זיי צו פירן קריג מיט טערקיי, כדי זיי זאָלן אָפּנעמען דאָס הייליקע לאַנד און צו גרינדן אין ירושלים אַ אידישע מלוכה. איצט איז געקומען די צייט וואָס דער פּסוק: „כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים", זאָל ווערן פאַרווירקליכט.

זיינע רייד האָבן אויפן קייסער ניט געהאַט די געווינשטע ווירקונג וואָס מולכו האָט אין זיין פאַנטאַזיע זיך געהאַט פאָר־געשטעלט.

דער געשפּרעך צווישן קייסער און מולכו ווערט פאָרטגע־זעצט:

– און דאָט האָט טאַקע דער מלאך דיר פאַרזאָגט מיר אי־בערצוגעבן?

– יאָ, עס איז דערזעלבער מלאך וואָס האָט מיר פאָרויס־געזאָגט דעם מבול וואָס וועט קומען אויף רוים, און די ערדצי־טערניש אין ליסאַבאָן.

– איך האָב וועגן דעם געהערט. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן, קענסטו יאָזעלין, דעם אידישן פירער, יאָזעלין?

– ניט פערזענליך. האָב אָבער פון אים באַקומען אַ בריוו.

– וואָס שרייבט ער דיך?

– ער האָט מיר געבעטן, דאָס איך זאָל זיך צוריקציען פון

מיינע פלענער, און ניט ריידן איבער דעם מיט זיין מאַיעסטעט, דעם קייסער.

– און וואָרום האָסטו אים ניט געפאָלגט?

– איך האָב דאָס ניט געקענט טאָן. איך בין אַזוי באַאויפטראַגט פון גאָט.

– ביסטו געבוירן אין דייטשלאַנד?

– ניין, בין געבוירן אין ליסאַבאָן?

– ווי אַלט ביסטו?

– זיבן און צוואַנציק יאָר.

– אויב אַזוי ביסטו דאָך געבאָרן אין דער צייט ווען עס איז צו קיין אידן ניט ערלויבט געווען צו געפינען זיך אין פּאָרטוגאַל.

– אמת!

– ביסט געבוירן און ערצויגן אַלס קריסט און איבערגעגאַנגען צום אידישן גלויבן?

– יאָ!

– ווער האָט דיר באַאיינפלוסט צו דעם?

– קיינער ניט! איך האָב דאָס געטאָן מיט מיין אייגענעם ווילן.

און איידער דער קייסער האָט באַוויזן אים צו שטעלן אַ צווייטע פראַגע. האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און מיט קוראַזש אַ געשריי געטאָן:

– די אידישע אמונה איז די איינציק אמתע, גאָט דער באַשעפער פון הימל און ערד און זיין פאָלק ישראל זיינען איינס. איך האָב דאַריבער זיך אומגעקערט צו די אמונה פון מיינע עלטערן, וואָס זייענדיק גענויט און געצוווּנגען, האָבן זיי איר פאַרלאָזט!

זיין פּראָפעטישע געשטאַלט האָט דעם קייסער אַביסל צו־טומעלט. ער האָט זיך אָבער גלייך באַרואיקט און געזאָגט:

– לויט דיינע רייד ביזטו אַ מאַראַן, און מיין פליכט איז דיר איבערצוגעבן צו דער אינקוויזיציאָן.

ער האָט גלייך געהייסן מולכו און דוד הראובני שמידן אין קייטן און זיי אַוועקפירן אין איטאַליען.

מולכו האָט זיך געפרווט פאַרטיידיגן דאָס אַזוי ווי ער איז געבאָרן אין פּאָרטוגאַל, האָט קאַרל קיין רעכט ניט אים איבער־צוגעבן צום געריכט. ער האָט אויך געזוכט צו געפינען שוץ מיט די רעקאָמענדאַציעס פון פּויפּסט, אָבער דאָס האָט טאַקע זיין טויט דערנענטערט. קאַרל דער פינפטער איז מיט זיין משפט אויף מולכו אויסן געווען צו נעמען נקמה אין דעם אידנפריינדליכן פּויפּסט קלעמאָנס, וועלכער איז זיין פּערזענליכער שונא געווען.

אין באָלאָניע איז דער אורטייל פון דער אינקוויזיציע אַרויס־געגעבן געוואָרן. דער מאַראַן דיעגאָ פּירעס באַדאַרף פאַרברענט ווערן.

רואיק און געלאַסן האָט מולכו אויסגעהערט זיין טויט אור־טייל. ער האָט מיט אַן אמת קינדערשע פרייד איבערגעלעזן דעם גזר דין. איצט ערשט איז אים די אידישקייט טייער געוואָרן. ער ווערט פאַרברענט אויף קדוש השם, אַ זאַך וואָס ניט יעדער איינער איז זוכה, און נאָר ער איז פון די געציילטע צו זיין פון די בחירים וועלכע גאָט האָט ערווילט אַלס אָפּער פאַר די הייליקקייט פון זיין דת.

אין אַ חנוכה טאָג פון יאָר 1532 איז אין מאָנטוואַ דורכגעפירט געוואָרן דער אורטייל. מולכו איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויפן שייטער־הויפן און זיין הייליקע נשמה איז אין פלאַמן פאַרשוונדן שרייענדיג: „שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!"

עס ווערט דערציילט דאָס בשעת מען האָט אים געפירט צו דער שרפה, האָט מען אים אָנגעהאַנגען אַ צוים אויפן מויל. דאָס האָבן די אינקוויזיטאָרן זיך געשראָקן טאָמער וועט ער נעמען ריידן, און מיט זיין זיסע שטימע און טאַלאַנטפולן רעדנער־קראַפט וועט ער וירקן אויף די קריסטן צו ווערן אידן.

בשעת מען האָט אים אַרויפגעפירט אויפן פייער, איז אָנגעקומען אַ שליח פון קייסער און געזאָגט:

— דיעגא פּירעס! דער קייסער איז ווילִיק דיר צו שיינקען דעם לעבן אויב דו וועסט ווידער אַריבערגיין צום קריסטענטום.

מולכו האָט מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטאָן אויף ניין.

מען האָט דעם צוים אַרויסגענומען פון מויל, און מולכו האָט מיט דעם גרעסטן עקסטאַז אויסגערופן:

„מיין האַרץ איז געוועג פאַרביטערט און פאַרוויטאָקט וואָס איך בין ביז צו מיין צוויי און צוואַנציקסטן יאָר געווען געאירט, ווילט איר מיר איצט איבעררײדן צו ווערן פאַלש צו מיין הייליקע אמונה. טוט מיט מיר וואָס אייער האַרץ גלוסט".

דאָס זיינען געווען די לעצטע ווערטער פון איינעם פון די גרעסטע, שענסטע און הערליכסטע אידישע נשמות, איינער פון די גרעסטע מקובלים און משיח־טרוימער.

ער איז פאַרברענט געוואָרן, אָבער עס איז געווען אַ „שרפת גוף ונשמה קיימת". אַ לאַנגע צייט האָבן סיי אידן און סיי קריסטן געגלויבט דאָס מולכו לעבט. מען האָט דערציילט דאָס מען האָט אים ווידער געזען גיין איבער די גאַסן פון רוים. אין צפת איז געשאַפן געוואָרן די לעגענדע דאָס ער קומט יעדן פרייטיק צו נאַכט צו זיין כלה אין הויז, מאַכט קידוש פאַר איר און פאַרברײנגט מיט איר אין לערנען. ווי די לעגענדע גיט איבער, אין זיין כלה, דבורה, איז געבליבן געטריי דעם גאַנצן לעבן, האָט ניט געוואָלט חתונה האָבן מיט קיינעם, זי האָט זיך דערווייטערט פון אַלעמען און אין התבודדות אָפּגעלעבט איר גאַנצן לעבן אין אַן איינזאַמע שטיבל נאָענט צו צפת.

אויף די מקובלים, האָט מולכו קיין גרויסן איינפלוס ניט געהאַט. אַמשטאַרקסטן איז פון אים באַאיינפלוסט געווען דער „בית יוסף". רבי יוסף קארו, האָט שטענדיג אין זיין האַרצן געטראָגן דעם ליכטיקן אָנדיינק פון דעם הייליקן מולכו. אין זיין

„מגיד משרים" דערמאָנט ער זייער אָפט „זיין ליבלינג שלמה" און בעט אויף זיך אַזאַ הייליקן טויט ווי זיינעם. אַ צווייטער וואָס איז פון מולכון אַ ביסל געווען באַאיינפלוסט, איז דער אַלשיך. אַלס דרשן, האָט מולכו אויף אים געהאַט אַ קענטיקע ווירקונג.

זיין טראַגישער טויט האָט גרויס טרויער אַרויסגערופן ביי אַלע אידן. איבערהויפּט ביי די מקובלים, פאַר וועמען עס איז געווען אַ מין „אבל משפחה"–אַ טרויער אויף דעם טייערסטן און ליבסטען. אָבער עס איז צו באַוואונדערן, ווי אַ קורצע צייט נאָך זיין טויט איז שוין רבי שלמה מולכו כמעט ווי פאַרגעסן געוואָרן ביי די מקובלים. קיינער דערמאָנט ניט זיין נאָמען און ברענגט זיינע חדושי תורה. רבי חיים וויטאַל וועלכער האָט אין יעדן מקובל געזען דעם שורש פון זיין נשמה, האָט פון דעם וואָס האָט זיך געלאָזט בינדן און פאַרברענט ווערן אויף דער עקדה, קיין איינ־ציק מאָל ניט דערמאָנט.

און ווילן מיר געפינען דעם שורש פון מולכוס נשמה, דאַן קאָן מען מיט זיכערהייט זאָגן דאָס אויף אים האָט גערוט דער גייסט פון רבי עקיבא. פונקט ווי דער גרויסער תנא, האָט זיך מולכו באַקענט מיט דעם אידישן גייסט בשעת ער איז שוין געווען דערוואַקסן; פונקט ווי ער, איז די תורה געווען ביי אים ליב, הייליק און טייער; פונקט ווי רבי עקיבא האָט אויך מולכו גע־שטרעבט צו באַפרייען זיין פאָלק און לאַנד, און ווי ער–שטענדיג געווען גרייט זיין בלוט צו פאַרגיסן אויף קדוש השם. און ווי דער גרויסער תנא–איז זיין הייליקער ווונטש מקוים געוואָרן.

רבי שלמה אלקבץ – דער מחבר פון „לכה דודי"

יעדעס מאָל וואָס אין מיינע אויערן קלינגט אָפּ דער צויבער־האַפטער „לכה דודי" געזאַנג, טראָגט מיר מיין פאַנטאַזיע אַריבער אין צפת. צפת אין זעכצנטן יאָרהונדערט, די צייט וואָס רבי שלמה הלוי אלקבץ, דער מחבר פון דעם דאָזיקן פזמון, האָט דאָרט געלעבט און געווירקט.

איך שטעל זיך פאָר אַ געוויסן פרייטיק. פרייטיק איז אַ טאָג פון חשבון און יום הדין ביי די מקובלים, דאָך פילט מען זיך פריילאַך, פריש און ווי נייגעבאָרן. נאָך אַ שטיק אויפן טאָג טרייסעלט מען פון זיך אַראָפּ דעם גאַנצן חולין, מען וואַרפט אַראָפּ די וואָכעדיקייט פון זיך און מען איז שוין גרייט צו מקבל זיין דעם הייליקן שבת.

עס פאַרשווינדט דער חומר, און די אצילות פון דער נשמה יתירה מערקט זיך שוין ווי זי וואָלט זיך שוין באַהעפּט אין דעם מענטשן, אויסגעאיידעלט און אויסגעלייטערט אים, גיט אים דעם שטויס צו דערגרייכן די הייליקע סודות.

פאַר מיינע אויגן שוועבט די הערליכע געשטאַלט פון ר' שלמה אלקבץ און איך שטעל זיך פאָר יענעם פרייטיק ווען ער האָט דעם „לכה דודי" מחבר געווען.

קומנדיק פון דער מקוה ווו ער האָט זיך טובל געווען לכבוד שבת, מכוון זייענדיק אַלע כוונות און צרופים, האָט ער שוין געפילט דעם גייסט פון דעם הייליקן שבת רוען אויף זיך. זיין נשמה איז פול מיט באַגייסטערונג און אַ קוואַל פרישער וואַסער שלאָגט אין זיין האַרץ, פליסט אָן אָן אויפהער. פילע ענינים וואָס זיינען פאַר אים ביז איצט געווען אונפאַרשטענדליך, זיינען אים פלוצלונג קלאָר געוואָרן. פילע שווערע ערטער, אויף וועלכע ער

האָט זיך די גאַנצע וואָך געמאַטערט צו פאַרשטיין זיי, זיינען איצט אַזוי לייכט, אַזוי קלאָר, און ער זעצט זיך צו פאַרשרייבן די חדושי תורה וואָס זיינען איצט צו אים נתגלה געוואָרן.

נאָכדעם האָט ער פון שראַנק אַרויסגענומען זיין שיר השירים. דער שיר השירים וואָס איז געדרוקט מיט זיין פירוש „אילת אהבים" און מיט עקסטאַז גענומען זאָגן שיר השירים, האָט געזונגען מיט באַגייסטערונג, באַטאָנט דערביי יעדעס וואָרט, ווי ער וואָלט ניט וועלן אויסלאָזן דעם פשט און כונה פון יעדן וואָרט, די סודות וועלכע זיינען פאַרהוילן אין יעדן אות און אין יעדן תג.

מיט יעדן פסוק ווערט רבי שלמה וואָס מער אויסגעטאָן פון זיין גשמיות, ווערט וואָס מער באַהעפט מיט דער שכינה. פון גרויס באַגייסטערונג צוגיסט זיך אויף זיין פנים אַ גרויסע ליכט און גיט אים דעם אויסזען פון אַ מלאך. ענדיגענדיק זאָגן דעם לעצטן פסוק פון שיר השירים, בלייבט ר' שלמה זיצן פאַרטראַכט. זיין געזיכט שטראַלט נאָך אַלץ, זיינע אויגן ברענען, אָבער זיי דריקן אויך אויס אומעט און זיינען פול מיט בייגקשאַפט. זייענדיק אַזוי פאַרטיפט און פאַרטרוימט הויבט ער אָן ברומען אַ ניגון. פון זיין מויל פליסטערן אַרויס ווערטער, ווערטער פאַרבייגקטע און פול מיט געפיל, צום אָנהויב אונבאַקאַנט צו אים אַליין, אָבער וואָס ווייטער ווערן זיי נאָענט צו אים, באַקומען זייער ריכטיקן געשטאַלט. און זינגענדיק אַזוי שרייבט ער אָן דעם „לכה דודי", פאַרפעלט ניט אויך דערביי אַריינצופלעכטן זיין נאָמען „שלמה הלוי". זאָלן די קומענדע דורות מיטפילן דאָס וואָס דער מחבר האָט געפילט אין דעם מאָמענט וואָס ער האָט זיין ליד אויס־געזונגען...

אין יענעם פרייטיק איז רבי שלמה, פונקט ווי יעדן ערב שבת, אַרויס אויסערן שטאָט צוזאַמען מיט זיינע חברים און תלמידים, צו דאַווענען מנחה און באַגעגענען דעם אָנקומען פון די „שבת מלכתא". אָבער היינטיקס מאָל האָט זיין פנים פיל מער

געלויכטן, די שכינה האָט אויף אים מער גערוט. זיי זיינען אַלע אָנגעטאָן אין ווייסע בגדים, די קעפּ איינגעהילט אין ווייסע טור־באַנען. זיינען געגאַנגען גיך, כדי קיינער זאָל זיי ניט באַמערקן און שטערן זיי פון זייערע כוונות און אַזוי זיינען זיי אַרויסגעקומען אויף אַ ברייטן פעלד, וווּ זיי האָבן מקבל שבת זיין.

און ווי מען האָט אָפּגעדאַוונט מנחה. די זון האָט זיך באַוויזן אויף די שפּיצן בוימער, האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין, פאַרטונקט פון דער זעלטן שיינער, פאַרכשופט־פייערדיקער שקיעת־החמה, האָט רבי שלמה אויסגעשטעלט זיינע חברים און תלמידים, און מיט זיין זיסער שטימע האָט ער מיט התלהבות, מיט דבקות און פרייד גענומען זינגען:

„לכה דודי לקראת כלה,
פני שבת נקבלה".

און פאַרביינקט האָבן די חברים אויפגעכאַפּט די זיסקייט פון די ווערטער, און נאָכגעזונגען:

„מקדש מלך עיר מלוכה:
קומי צאי מתוך ההפכה,
רב לך שבת בעמק הבכא"...

רבי שלמהס שטימע שטייגט זיי אָבער אַריבער, העכער קלינגט זיין קול:

„התנערי מעפר קומי,
לבשי בגדי תפארתך עמי"– – –

און די איגנערע מקובלים, העלפן אונטער:

„כי בא אורך, קומי אורי;
עורי, עורי, שיר דברי
כבוד ה׳ עליך נגלה".

אַזוי זיס איז דער געזאַנג דאַמאָלס געווען, אַזוי זיס האָט דאַמאָלס אָפּגעקלונגען אין די הימלען דער עכאָ פון דעם דאָזיקן

ווּנדערליכן געזאַנג, ווי היינריך היינע האָט זיך איבער אים אויסגעדריקט.

און פון דאַמאָלס אָן, איז דער „לכה דודי" געוואָרן דער געזאַנג פון דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, דער הימן און מאַרש מיט וועלכן מיר באַגעגענען די „פרינצעסין שבת", דער געזאַנג וועלכער טראָגט אונז אַריבער אין אַנדערע וועלטן, און ברייננגט אונז צו דער שבתדיקער נשמה יתירה.

ווער איז געווען אָט דער געטליכער דיכטער, וועלכער האָט אין זיך פאַרמאָגט אַזוי פיל צאַרטקייט און אַזוי פיל ליבע אויסגוס?

ווי די מערסטע פאָלקס־דיכטער (און רבי שלמה אלקבץ איז אַזוינס געווען) איז אויך זיין ביאָגראַפיע בפרוטרוט כמעט ניט באַוווסט. ווען און ווו ער איז געבאָרן, ווי אויך דער יאָר ווען ער איז געשטאָרבן, איז פאַרהוילן פון אונז. פון געוויסע קוועלן וויסן מיר דאָס אלקבץ איז געשטאָרבן אין אַ הויכן עלטער, האָט איבערגעלעבט דעם אלשיך און פילע אַנדערע חברים זיינע וועלכע זיינען מיט אים אין איינע יאָרן געווען, עס איז צו משער זיין דאָס ער איז געבאָרן אין אָנהויב פון זעכצענטן יאָר־הונדערט.

פון זיין יחוס וויסן מיר, דאָס זיין פאָטער רבי משה איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם. ער איז געווען דיין אין צפת. זיין זיידע, נאָך ווען ער הייסט, איז אויך געווען אַ גרויסער תלמיד חכם און מקובל. אין זיין הקדמה צו זיין ספר „אילת אהבים" דערמאָנט אים אלקבץ. ער שרייבט אויף אים דעם טיטל: „החכם השלם החסיד".

די יונגע יאָרן זיינע האָט ער פאַרבראַכט אין אַדריאַנאָפּאָל און אין סאַלאָניק. אין סאַלאָניק הויבט ער זיך אָן צו אינטערעסירן אין קבלה. סאַלאָניק איז דאַמאָלס געווען פאַר דער קבלה, וואָס צפת איז געוואָרן מיט עטליכע יאָר שפּעטער—אַ שטעודיקער

צענטער. דער גרעסטער און חשובסטער צווישן די מקובלים פון סאַלאָניק, איז געווען רבי יוסף טײטצאַק, דער מאַן וועמעס נאָמען עס קומט אונז פאָר צו דערמאָנען כמעט בײ יעדן מקובל פון זײן צײט. רבי יוסף טײטצאַק איז געווען אײנער פון די גרעס־טע גאונים פון זײן צײט. ער האָט אויפגעשטעלט אַ גאַנצן דור פון רבנים. ווי ער אַלײן גיט איבער, זײנען צוואַנציק פון זײנע תלמידים געווען ראוי צו זײן מורי־הוראות און ראשי ישיבות. זײן גרויסקײט אין נגלה איז צו זען פון זײנע תשובות וועלכע זײנען צוואָרפן אין פאַרשידענע ספרים.

זײן אויטאָריטעט איז אָבער אָנערקענט געוואָרן אין קבלה. כאָטש אויף דעם געביט איז כמעט קײן שום כתבים ניט געבליבן פון אים, האָבן די מקובלים שטאַרק געהאַלטן פון זײן גרויסקײט. מען האָט אים אויך צו געשריבן אַ „מגיד״ וואָס פלעגט מיט אים קומען יעדע נאַכט לערנען און אים מגלה זײן סודות. כמעט אַלע מקובלים פון זײן צײט זײנען געווען פון זײנע תלמידים און האָבן פון זײן ברונם געטאָן טרינקען. פאַרגעטערט האָט מען אים אויך צוליב זײן פרומקײט און גוטע מדות. נאָך זײן טויט האָט מען זיך איצט דערוווסט דאָס העכער פערציק יאָר האָט ער ניט געשלאָפן אויף אַ בעט. פלעגט זיך נאָר אָנלענען אויף אַ קעסטל, און די פיס פלעגן הײנגען אין דער לופטן. דאָס האָט ער געטאָן כדי ער זאָל ניט פאַרשלאָפן צו לערנען און אויפשטײן צו תיקון חצות אין צײט.

נאָך גאָר יונג, ווערט אלקבץ אַ תלמיד פון רבי יוסף טײט־צאַק, ער רעכנט זיך פון זײנע גרעסטע תלמידים, סײ אין נגלה און סײ אין נסתר.

טײטצאַק ווערט זײן מוסטער. אַ היבשע צײט טרעט ער ניט אָפּ פון רבין. ער נעמט גײן אין זײנע דרכים און פירן זיך לויט זײ־נע מידות און מנהגים. טײטצאַק ווירקט אויף אים זיך אָפּצוגעבן מיטן לערנען תנ״ך, און דאָס וואָס אלקבץ צײכנט זיך אויס אַלס

מבאר, האָט ער זיכער צו פֿאַרדאַנקען זיין גרויסן רבין און פירער. טייטצאַק אַליין האָט געשריבן פילע פירושים אויף תנ"ך. אייניגע פון זיי: „בן פורת", אַ פירוש אויף קהלת און „לחם סתרים"–אויף דניאל און די פינף מגלות, זיינען געדרוקט. די פירושים זיינען נאָענט צום פשט און ווייט פון קבלה רמזים. אַזוי אויך אלקבצעס ספרים אויף תנ"ך, זיינען נאָענט צו פשט.

צו פופצן יאָר ווערט אלקבץ אַ חתן מיט דער טאָכטער פון איינעם אַ גביר מיטן נאָמען יצחק כהן, וואָס אלקבץ שרייבט אויף אים „רודף צדקה וחסד". ווי עס ווייזט אויס האָט דער רייכער שווער אים געהאַלטן בכבוד און געשטיצט אים דאָס ער זאָל קענען זיצן און לערנען, און ניט זיין געצוווּנגען צו זוכן פרנסה.

דער איידעם איז דעם שווער זייער דאַנקבאַר געווען. זיין ערשטן ספר „מנות הלוי" האָט ער געווידמעט צו זיין שווער. עס ווערט דערציילט דאָס דעם ספר האָט ער געשריבן בשעת ער איז אַ חתן געווען, און אַזוי ווי דער מנהג איז דאַמאָלס געווען דאָס דער חתן פלעגט די כלה שיקן מתנות אום פורים, האָט ער איר געשיקט דעם דאָזיקן ספר וואָס איז אַ פירוש אויף מגלת אסתר, אַלס פורים מתנה. דידאָזיקע מתנה אין די כלה געווען מער אָנגעלייגט און טייערער ווי ער וואָלט איר געשיקט גאָלדענע און זילבערנע צירונג. די כלהס ברודער, אַ יונגער באַגאַבטער אינגעל מיטן נאָמען יוסף כהן, האָט גלייך ווי דער ספר איז געבראַכט געוואָרן, אָנגעשריבן אַ באַגייסטערטן שיר לכבוד דעם ספר און זיין מחבר.

דער „מנות הלוי" וואָס ער האָט מחבר געווען אין זיין פריסטן יוגענד (ער איז געשריבן אין יאָר 1529, געדרוקט צום ערשטן מאָל אין ווענעציע 1545), באַווייזט שוין אויף זיין גרויסקייט אין כמעט אַלע צווייגן פון דער תורה, און פאַרשידענע אַנדערע ידיעות. מען זעט זיינע גרויסע ידיעות אין תלמוד און די רבנישע ליטעראַטור, און זיין באַהאַווענקייט אין פילע ספרים וואָס זיינען דאַ־

מאָלס נאָך ניט געווען געדרוקט. ער ווייזט דאָרט אַרויס פיל בקיאות אין די אידישע מיטלאַלטער פילאָסאָפיע. ברענגט זייער אָפּט דעם רלב"ג, דעם כוזרי, דעם עקדה, רבי שמואל צרפתי און יהודה נתן פּרוביצאל און פילע אַנדערע.

דער פּירוש איז געבויט אויף רמזים, איז אָבער ניט ווייט פון פּשט. איבערהויפּט אָבער איז ער דורכגעדרונגען מיט רעליגיעזע און פרומע געפילן.

אין אַדריאַנאָפּאָל גרינדעט אלקבץ אַ קבלה צענטער, ווו די חברים פירן זיך בקדושה ובטהרה. דאָ באַקענט ער זיך מיט רבי יוסף קאַרו, און צווישן זיי ווערט געשלאָסן אַ פריינטשאַפט וואָס איז נאָכדעם אַריבער אין איבערגעבענער ברודער־ליבע. קאַרו, וועלכער איז שוין געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון שלמה מולכו, טרעפנדיק זיך מיט אים אין סאַלאָניק, און איז שוין געווען גענויגט צו מיסטיציזם, שליסט זיך אָן אָן דעם צענטער פון אלקבץ. פונקט ווי מולכו האָט אויף אלקבץ געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דעם מחבר פון „שלחן ערוך". אין דעם „מגיד משרים" פון קאַרו, געפינט זיך פילע ליבע אויסדרוקן וואָס דער „מגיד" האָט אין קאַרוס מויל אַריינגעלייגט איבער אלקבץ.

אין גיכן הויבט אלקבץ אָן צו פּאַראינטערעסירן זיינע חברים און תלמידים צו גיין זיך באַזעצן אין ארץ ישראל. עס ווערט גע־שאַפן אַ גרויסע באַוועגונג, און כמעט אַלע שליסן זיך אָן איר אָן. זעלבסטפאַרשטענדליך, דאָס דער הויפּט איניציאַטאָר פון דער באַוועגונג און איר פירער איז רבי שלמה אלקבץ.

אין צפת האָבן זיך שוין דאַמאָלס געהאַט געפונען פאַרשידענע גרופּן פון מקובלים. עס האָבן עקזיסטירט פאַרשידענע חברות צו לערנען תורה, זיך עוסק זיין אין יראת שמים און מעורר זיין דאָס פאָלק צו תשובה. איינע פון די חברות איז געווען די „סוכת שלום" וועלכע עס האָט געגרינדעט רבי אליעזר אזכרי, דער מחבר פון „ספר חרדים", מיטן צוועק „צו תשובה טאָן מיטן גאַנצן

האַרצן", און אַלס תקנות פאַר דער חברה און הנהגות פאַר די חברים, האָט ער מחבר געווען זיין איבענדערמאָנטן ספר.

אַ צווייטע חברה האָט געטראָגן אַ מער צוגעפּאַסטן נאָמען „חברת בעלי תשובה". די חברים פלעגן שטענדיג פאַסטן, זיך שלאָגן מלקות און טראָגן אַש אויפן קאָפּ. אַנדערע פלעגן זיך ניט באַנוגענען מיט פאַסטן בײטאָג אַליין, נאָר אויך די נעכט פלעגט ביי זיי זיין אַ תענית. אַזוי פלעגן זיי דריי מאָל אַ וואָך פאַסטן גאַנצע דריי טעג און דריי נעכט אָן אַ שום הפסקה.

רבי שלמה אלקבץ גרינדעט אויך אַ חברה „קהל חברים", אַ מיסטיש רעליגיעזע חברה פון יונגע מקובלים. עס איז כדאי צו באַטאָנען דאָס איינע פון די תקנות פון דעם פאַראיין איז, דאָס די חברים זאָלן צווישן זיך ריידן נאָר לשון קודש. שבת און יום טוב זאָל מען ריידן העברעאיש צו יעדן תלמיד חכם, צו יעדן איינעם, וואָס פאַרשטייט די שפּראַך, ווען אפילו ער באַלאַנגט ניט צו דער חברה.

ער איז צו די חברים אי אַ חבר אי אַ רבי. ער לערנט מיט זיי, איז קובע עתים אַרויסצושפּאַצירן מיט זיי אויסן שטאָט, גיין אויף די קברים פון צדיקים און דאָרט פאַר זיי מחדש זיין זיינע חדושים און ענטדעקן טיפע סודות אין זוהר. די שפּאַצירן זיינען אים זייער ליב געווען און אייניקע מאָל דורך דער וואָך פלעגט ער מיט זיינע תלמידים־חברים אַוועק ווייט פון צפת.

צווישן זיינע תלמידים האָט זיך אויך געפונען זיין שוואָגר קאָרדאָווירא. קאָרדאָווירא האָט צום אָנהויב ניט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס אין קבלה, אָבער דער איינפלוס פון אלקבץ איז אויף אים אַזוי גרויס געווען, דאָס קאָרדאָווירא האָט מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה גענומען לערנען קבלה, און אין גיכן האָט ער איבערגעשטיגן זיין שוואָגר און געוואָרן פיל גרעסער פון אים. זייט קאָרדאָווירא איז באַרימט געוואָרן אַלס מקובל,

איז דער גלאַנץ פון אלקבץ כמעט אין גאַנצן פאַרדונקלט געוואָרן.

אלקבץ איז אָבער ווייניק וואָס אייפּרזיכטיק געווען אויף זיין יונגען שוואָגר, און שטאָלצירט מיט אים, שטעלט אים העכער פון זיך, איז צופרידן געווען וואָס ער האָט אים איבערגעשטיגן.

זייט קאָרדאָווירא האָט געוומן ווערן באַרימט, טרעפן מיר די צוויי שוואָגרס שטענדיג צוזאַמען. מערסטענס אַלס חברים. צוזאַמען פלעגן זיי אויסוואַנדערן, אָפּריכטן התבודדות אויף די הייליקע קברים, צוזאַמען פלעגן זיי זיך „פאַרטרייבן" פון זייער היים און אַוועק קיין מירון און דאָרטן פאַרטיפן זיך אין לערנען און מחדש זיין חדושי תורה.

דער צענטער פון דעם „קהל חברים" איז אָבער ניט געשטערט געוואָרן. זייער אָפט טרעפן מיר אלקבץ צווישן זיינע פריערדיקע תלמידים, לערנט מיט זיי, גייט צוזאַמען מיט זיי זיך מתבודד זיין אין די דערפער אַרום צפת.

צו יענער צייט שרייבט ער זיינע ספרים: זיין באור אויף שיר השירים, „אילת אהבים". אין דעם פירוש מערקן מיר שוין זיין רייכע פּאָעטישע נשמה און די צאַרטע דיכטערישע געפילן זיינע. „מיין זעלע טוט בייַנקען און גייט אויס,–שרייבט ער אין דער הקדמה–צו דער מגילת שיר השירים, וועלכע איז שיין ווי די לבנה. איך האָב אויסדערווײלט צו געפינען זיך אונטער דעם פאָן פון אירע פּאַלאַצן, וועלכע זיינען פּראַכטפול ווי דער מאָרגענשטערן. שוין יאָרן לאַנג גייט מיין נשמה אויס צו איר און יעדעס מאָל ווען עס קומט איר יערליכע צייט (ד. ה. ווען מען לייענט שיר השירים), ווילט זיך מיר אַזוי שטאַרק צו שפּאַצירן איבער אירע גערטנער, אַריינדריגען אין די פאַרנעבלטע סודות אירע"...

אַ חוץ דעם שרייבט ער: „שורש ישי", אַ פירוש אויף רות; „ברית הלוי", אַ פירוש על פי סוד, אויף הגדה של פסח; אַ פירוש

אויף הושע; „אפריון שלמה", „מטתו של שלמה", „עבותות אהבה", „שומר אמונים", „לחם שלמה", און נאָך פילע ספרים, וועלכע אַלע, אַ חוץ דער „מנות הלוי", „שורש ישי", און „אילת אהבים", זיינען נאָך ביז היינט ניט געדרוקט.

ער צייכנט זיך אויך אויס אַלס דרשן, אָבער קיין גרויסן רושם מיט זיינע דרשות מאַכט ער ניט. אין צפת האָבן אין זיין צייט געלעבט אַזעלכע דרשנים ווי דער אלשיך און דער מחבר פון „ראשית חכמה", רבי אליהו די־ווידאש. כאָטש זיינע דרשות זיינען פול מיט מוסר און יראת שמים, כאָטש זיי זיינען דורכגע־דרונגען מיט התעוררות צו תשובה און צו מעשים טובים, זיינען זיי אָבער צו שווער, צו טיף דאָס דער פשוטער המון זאָל זיי פאַרשטיין. זיי זיינען מער געשריבן פאַר יחידי־סגולה, פאַר גרויסע תלמידי חכמים און יראים, און זיי דערמאָנען אים טאַקע שטענדיק אַלס דער „געטליכער חסיד".

ער איז אָבער באַרימט אַלס דיכטער. זיינע פזמונים און תפלות זיינען ביי די מקובלים זייער שטאַרק אָנגעלייגט. אַ חוץ דעם „לכה דודי" האָט ער פאַרפאַסט פילע תפלות, וועלכע דער האר"י האָט אויף זיי געזאָגט דאָס זיי זיינען געשריבן על פי רוח הקודש. עס ווערט געבראַכט אין האר"יס נאָמן, דאָס די אַלע שירים וואָס זיינען געשריבן פון אבן־גבירול און אבן־עזרא, זיינען אים צודערווידער. עס האָט אויף זיי ניט געגלאַנצט דער שיין פון דער אמתער חכמה, און נאָר אלקבצעס שירים זיינען דורכגע־דרונגען מיט די סודות פון קבלה און זיינען נאָענט צו „אורחתא דהימנותא"—צום אמת. ווי באַקאַנט האָט דער האר"י דאָס זעלבע זיך געהאַט אויסגעדריקט אויף ישראל נאַג'אַראַ, און זיינע לידער זיינען צו אים זייער ליב געווען.

ווי די מקובלים גיבן איבער, האָט ער פילע מאָל זוכה געווען צו השראת השכינה און ניט איינמאָל האָט דער רוח הקודש גע־רוט אויף אים.

אין של"ה ווערט געבראַכט אַ ווונדערליכע מעשה וואָס איז פֿאַרשריבן פֿון אלקבץ זעלבסט, ווי ער האָט שבועות ביינאַכט פֿאַרבראַכט צוזאַמען מיט זיינע חברים אין דער הויז פֿון רבי יוסף קאַרו, און געלערנט ניט אָפּשטעלנדיק זיך אַ מינוט. ענדיגענדיק די משנה און צוויי מסכתות גמרא, איז פּלוצלונג קאַרו אַריינגעפֿאַלן אין עקסטאַז און דער „מגיד" האָט זיך צו אים באַוויזן. אַלע האָבן געהערט די שטימע אָבער ניט פֿאַרשטאַנען די ווערטער. די שטימע איז אָבער אַזוי זיס געווען, און איז צוגאַנגען אין אַלע אברים. פּלוצלונג האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער דונערענדער קול, און פֿון גרויס שרעק זיינען זיי אַלע געפֿאַלן אויף די פּנימער און מיט ציטערענדע הערצער צוגעהערט צו די רייד וואָס האָט זיך געטראָגן אין חלל פֿון הויז: „הערט זיך צו מיינע פֿריינד! ווייל צו אייך מיינע ליבע, און ווייל צו אייערע עלטערן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט! איר, מהדרים מן המהדרים, וועלכע האָט אויף זיך גענומען היינטיקע נאַכט צו באַקרוינען מיר. שוין יאָרן לאַנג וואָס די קרוין איז אַרונטערגענומען פֿון מיין קאָפּ, ווערט געשליידערט אויף דער ערד און ליגט צווישן מיסט, און האָב קיינעם ניט מיר צו טרייסטן. און נאָר איר, מיינע ליבע, האָט גענומען אומצוקערן די קרוין צו איר אַמאָליגן גלאַנץ און שטאָלץ. שטאַרקט זיך מיינע פֿריינט, פֿרייט זיך און שטאָלצירט, ווייסט דאָס איר זיינט פֿון די בני עליה, איר האָט זוכה געווען צו זיין צווישן די „בני היכלא" און זיין נאָענט צום קיניג. דער קול פֿון אייער תורה און דער דוך פֿון אייער מויל האָט געשפּאָלטן פֿילע הימלען ביז עס האָט דורכגעבראָכן אַ וועג ביז צו דעם שטול פֿון דעם קדוש ברוך הוא. די אַלע מלאכים האָבן געשוויגן, די שרפֿים שטיל געבליבן, די חיות האָבן אויפֿגעהערט צו אָטעמען און די גאַנצע הערשאַפֿט פֿון הימל, זיינען פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון די זיסקייט פֿון אייער שטימע"...

אַ צווייטע מעשה, אַן אמתע „מעשה נורא" איבער אלקבץ,

ברײנגט מ נ ש ה ב ן י ש ר א ל אין זײן ספר „נשמת חיים". עס איז אַ מעשה איבער אַ גלגול װאָס אײנער פון אלקבצעס חברים, אליהו פאַלקאַן האָט אַרויסגעטריבן. אלקבץ איז אַלײן אונטער־געשריבן אַלס באַשטעטיגונג אויף די ריכטיגקײט פון דער פּאַ־סירונג.

טראָטץ זײן גרויסקײט און כאָטש װאָס ער איז אין זײן צײט שטאַרק באַרימט געװען צװישן די מקובלים, איז צו באַװוּנדערן װי גיך אלקבץ איז אַ קורצע צײט נאָך זײן טויט כמעט װי פאַר־געסן געװאָרן. אָבער דערפאַר האָט ער זוכה געװען דאָס זײן ליד זאָל װערן פאַראײביקט צװישן פאָלק. דער „לכה דודי", װעלכער איז פון די שענסטע רעליגיעז־מיסטישע לידער, װאָס אַ חוץ די גרויסע ליבע צו שבת איז ער פול מיט די שטאַרק־סטע בײנקעניש־סטרונעס צו דער אויסלײזונג און האָפנונג אויף משיח, איז פול מיט טרײסט אויף די אידישע צרות, אַזױ דאָס אַלע אידן האָבן אין דעם ליד געפונען זײער אײגענעם אויסדרוק. עס איז ניטאָ קײן אײן שול װאָס פרײטיק אָבענד זאָל זיך ניט הערן דער געזאַנג פון „לכה דודי" און אַזױ צוזאַמען מיט דעם קומען פון דער „פּרינצעסין שבת" אויף דער װעלט, קלינגט אויך אָפּ דער „לכה דודי" געזאַנג.

אָבער ניט נאָר שבת אַלײן, אַנדערע האָבן דעם „לכה דודי" אויך געזונגען אום יום טובים. דער של"ה שרײבט דאָס דעם ליד זאָל מען זאָגן שטײענדיק מיט גרויס פרײד און געזאַנג. מיט דעם זעלבן פרײד און געזאַנג, מיט דער זעלבער ליבע װאָס דער חתן באַגעגנט די כלה. „משוש חתן על כלה"—אַזױ פלעגט אלקבץ באַגעגענען דעם שבת און אַזױ האָט דער „לכה דודי" געװירקט אויף אונז אַלעמען.

דער אָפּקלאַנג פון „לכה דודי" האָט זיך געפילט אויך אויף פרעמדע ליטעראַטורן. דאָס ליד איז איבערזעצט אין ענגליש. אין דײטש האָט אים איבערזעצט אַזאַ מאַן װי ה ע ר ד ע ר. און

היינריך היינע, שוין זייענדיק ווייט פון זיין פאָלק, האָט ער ניט געקאָנט פאַרגעסן דעם רושם וואָס דער „לכה דודי" האָט אויף אים געמאַכט און דעם איינדרוק וואָס ער האָט געפילט בשעת ער האָט אַלס קינד מיט כונה מיטגעזונגען יעדן פרייטיק אָבענד, דעם ליד צוזאַמען מיט דעם גאַנצן פובליקום. ער האָט דעם „לכה דודי" איבערזעצט אין דייטש און אין זיין וואונדערליכן ראָמאַנס „יהודה הלוי", שילדערט ער דעם באַגייסטערטן איינדרוק וואָס דער „לכה דודי" האָט געלאָזן אויף זיין גאַנצן לעבן. היינע האָט אפילו אַ טעות געמאַכט אין דעם נאָמען פון מחבר, און האָט דעם „לכה דודי" צוגעשריבן צו יהודה הלוי. יהודה ליב גאָרדאָן דערציילט דאָס אין אַ געשפרעך מיט היינעס יוגענט חבר, צונץ, איז געקומען צו רייד איבער היינעס מייסטערהאַפטע איבערזעצונג פון „לכה דודי", אויף וואָס גאָרדאָן האָט אויפמערקזאַם געמאַכט היינעס טעות אין באַצוג פון מחבר פון ליד. צונץ האָט אים געענטפערט: ווער לערנט פון היינעס לידער היסטאָריע? און זייער ריכטיק. דער עיקר איז, ווי ווייט היינע האָט פאַרשטאַנען דעם גייסט פון אלקבץ און ווי טיף די סטרונעס פון דעם מקובל אין צפת פון זעכצנטן יאָרהונדערט האָבן געהאַט אַן אָפּקלאַנג אויף דעם גרעסטן פּאָעט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט.

דעם יאָר ווען אלקבץ איז געשטאָרבן איז ניט באַקאַנט. מען ווייס נאָר דאָס ער איז געשטאָרבן אין אַ הויכן עלטער. זיין קבר געפינט זיך נאָענט צו די קברים פון האר"י און דעם „בית יוסף".

די לעגענדע האָט אויך באַשיינט דעם טויט פון אלקבץ און אים אָנגעטאָן אַ מאַרטירערטום קרוין. ווי עס ווערט דערציילט, האָט אַן אַראַבער זיך מתקנא געווען אין די גרויסקייט פון אלקבץ און אים געהרגעט. פון שרעק האָט דער אַראַבער אים באַגראָבן אונטער אַ פייגנבוים פון זיין גאָרטן. דער בוים האָט גענומען צייטיק ווערן פאַר די צייט און עס האָט גענומען אַרויס־

ברײנגען די בעסטע און שענסטע פּרוכט. דער װוּנדער איז דער־גאַנגען ביז צום פּאַשאַ פון שטאָט, און ער האָט דעם אַראַבער געשיקט רופן צו אים, אויספאָרשן בײ אים די סיבה װאָס דער בוים ברײנגט אַזעלכע גוטע פּרוכט פאַר דער צײט. דער אַראַ־בער האָט זיך מודה געװען דאָס ער האָט דערהרגעט דעם אי־דישן חכם אלקבץ און אים באַגראָבן אונטערן בוים, און דאָס איז די סבה װאָס די פּרוכט װערן רײף פאַר דער צײט און זײנען אַזוי גוט. דער פּאַשאַ האָט געהײסן דעם אַראַבער אויפהײנגען אויף דעם זעלבן בוים, און זײט דאַמאָלס האָט דער בוים אויפ־געהערט אַרויסצוגעבן גוטע פײגן.

דאָס איז אָבער נאָר אַ לעגענדע. װי באַװוּסט װערט די דאָזיקע לעגענדע דערצײלט אויף רבי שלמה אבן גבירול, און דאָס פאָלק האָט פאַרביטן אײן שלמה אויפן צװײטן, אָבער זי איז אין פאָלקס מויל זײער פּאָפּולער איבער אלקבץ ניט װײניגער װי איבער אבן גבירול. דער מחבר פון פּאָפּולערן פאָלקס ספר „קב הישר", װאָס איז געװען דער ערשטער די מעשה צו דער־מאָנען, ברײנגט עס אַלס פאַקט. ער שרײבט: „װי מיר געפינען בײ אײנעם פון די גדולי הדור, רבי שלמה אלקבץ זכרונו לברכה װאָס איז געװען אַ בקי אין חכמת הקבלה, אין דקדוק און מחבר געװען פילע פּיוטים"...

אין דעם געשטאַלט און אין אַזאַ ליכט האָט דאָס פאָלק געז־זען דעם מחבר פון דעם שענסטן ליד זײנעם, דעם „לכה דודי".

די מעשה פון יוסף דילא־ריינה

דער פרומער אַסקעטישער לעבן פון די אידן אין צפת אין פופצנטן און זעכצנטן יאָרהונדערט, די אַטמאָספערע פון די מקובלים, וועלכע איז געווען דורכאויס רוחניות און פול מיט בייִנקשאַפט אויף דער גאולה, די שטאַרקע נאָגעניש אין האַרצן און די גרויסע שטרעבונג צו דערנענטערן דעם קץ און ברייִנגען משיחן–איז אַזאַ אַטמאָספערע, וועלכע איז געווען פול מיט האָפנונגען און משיח טרוימען, איז קיין וווּנדער ניט, וואָס עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע וועלכע האָבן אויף זיך גענומען די גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט, האָבן געמאַכט אַ פּאַרזוך צוצורייסן די קייטן אין וועלכע משיח איז געבונדן, באַפרייען אים און ברייִנגען די גאולה שלמה, די אויפריכטונג פון מלכות בית דוד אויף דער וועלט.

דערנענטערן דעם קץ איז צו פיל געוואַגט, עס איז אַ צו גרויסע ריזיקע. עס מיינט אַ מלחמה צווישן די קדושה און די טומאָה. אַ פאַרמעסטן זיך מיט די כחות פון דעם „שר של טומאה" מיט סמאלן און זיין גאַנצע כנופיא. וואָס זיינען מיט אַלע מעג־ליכקייטן מעכב די גאולה. פילע שטרויכלונגען ליגן אויפן וועג. פון אַלע זייטן לויערט סמאל און זוכט צו שטערן. זעט שוין דאָס מען זאָל זיך אויסגליטשן און אַריינפאַלן אין זיין רשות, די נשמה זאָל אַריינגעשלעפּט ווערן אין דעם נעץ פון זינד, וועלכע ער ציט אויס פאַר דעם מענטש און זאָל אַריינפאַלן אין דעם תהום פון דעם פייערדיקן גיהנם.

עס איז פאַרבונדן מיט גרויס פאַראַנטוואָרטליכקייט און ניט יעדער איינער איז מסוגל דורכצופירן די הייליקע מיסיע. אָבער ווען אַ מקובל זיך אָפּשטעלן צו דערנענטערן די גאולה? וואָס

איז אייגענטליך דער הויפּט צוועק און שטרעבונג פון דער קבלה, אויב ניט אויסצולייזן די שכינה פון איר גלות. זייט דער בית המקדש איז פאַרברענט געוואָרן, זייט טיטוס און זיינע חילות זיינען אַריין אין ירושלים און חרוב געמאַכט די הייליקע שטאָט, האָט כביכול קיין רו ניט. וואָרום ניט נאָר אויף די שטיינער האָט טיטוס זיין צאָרן אויסגעגאָסן, נאָר אויך „ירושלים של מעלה" איז חרוב און וויסט. זייט דאַן האָט די קליפּה די שליטה און די אידישע תּפלות גייען ניט אַרויף דורך דעם ריכטיקן צנור, האַלטן זיך אָפּ אין וועג און זיינען פּוגם די קדושה.

אויפצוריכטן די „ירושלים של מעלה" און מתקן זיין די אַלע פּגימות, דערהויבן די קדושה—דאָס איז די שטרעבונג פון דער קבלה, און ניט איין מקובל האָט אין זיך געפילט דעם באַרוף צו צווינגען דעם קומען פון משיחן. עס איז שוין מער קיין כּוחות ניט געווען צו קעמפן מיט די טומאָה, און מען האָט געמוזט מאַכן אַ סוף צו דעם.

די וואָס האָבן זיך אונטערגענומען די הייליקע שליחות צו ברייגגען משיחן, האָבן באַדאַרפט זיין הויכע נשמות, האָבן זיך באַדאַרפט געניג פּייניקן, פיל געפאַסט, פיל ענויים און סגופים אַריבערגעטראָגן, האָבן זייער נשמה באַדאַרפט אַזוי אויסלייטערן און הייליקן, ביז מען באַקומט דעם כח צו פירן די גרויסע מלחמה מיט סמאל און זיין כנופיא, אויסראָטן די קליפּה ביזן וואָרצל.

און טאָמער געלינגט ניט, מען ווערט חס וחלילה געשטרויכעלט, דאַן איז די סכנה אויף דעם כלל ישראל זייער גרויס. אַנשטאָט אַ ברכה, קומט אַ קללה, אַנשטאָט פרייד—יאָמר און טרויער. די צרות ווערן מערער און די ענטוישונג גרעסער... די אַלע וועלכע האָבן אין זיך געפילט דעם הויכן באַרוף צו פאַרווירקליכן דעם ווונש פון פאָלק, זייערע נשמות האָבן ניט געקאָנט מער רוען, האָבן מער ניט געקאָנט צוזען ווי דאָס אידישע פאָלק

ליגט אין שפלות, ווערן געטראָטן מיט די פיס, ירושלים איז חרוב און גאָטס כבוד געשענדעט און פאַרשוועכט, און האָבן מיט גע־וואַלד געוואָלט ברענגען משיחן, האָבן דעם כסא הכבוד פאַר־ציטערט מיט זייערע טרערן. און טראָטץ זיי האָבן געוווסט די גרויסע אחריות וואָס זיי נעמען אויף זיך, האָבן געפילט די גרויסע סכנה וואָס לויערט אויף זיי. דער ווונטש צו דער גאולה האָט אָבער צו שטאַרק געפלאַטערט אין זייערע הערצער, דאָס זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן פאַר דעם שרעק. האָבן זיך געלאָזט ברענגען צו דעם שווערן נסיון, און מיט גוואַלד געוואָלט משיחן באַפרייען.

מען טאָר אָבער ניט דוחק זיין דעם קץ, מען טאָר ניט אַרויפ־צווינגען די גאולה, און דערפאַר האָט זיך טאַקע יעדער פאַרזוך געענדיקט טראַגיש, איז געווען אַן ענטוישונג.

די ליטעראַטור פון יענער צייט איז רייך מיט מעשיות און לעגענדעס וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן. אין זיי שפּיגלט זיך גוט אָפּ די אַלע פאַרזוכן פון די משיח טרוימער און זייער טרויעריקער סוף.

צווישן די אַלע לעגענדעס, צייכנט זיך אָמשטאַרקסטן אויס די לעגענדע פון יוסף דילא־ריינה.

עס איז אַ לעגענדע וואָס האָט קיין גלייכן ניט צו איר צווישן די אַלע משיח־לעגענדעס.

אַ קליין לעגענדע, אָבער וויפיל שיינקייט עס ליגט אין איר, וויפיל הייליקער גלויבן, וויפיל בייַנקעניש! די פּאַסירונג ווערט געשילדערט מיט די רייכסטע פאַרבן, אָטעמט מיט לעבן און איז פול מיט צויברהאַפטן פּאָעטישן רייץ.

די לעגענדע איז אַ טעמע פאַר אַ גרויסן קינסטלער, איז מאַטעריאַל פאַר אַ שטאַרקע דראַמע און וואָלט איינער פון אונזערע דיכטער געמאַכט אַ פאַרזוך צו באַאַרבעטן איר, וואָלט געשאַפן געוואָרן איינע פון די שטאַרקסטע משיח דראַמעס וואָס איז ווען עס איז געשריבן געוואָרן.

מיט יאָרן צוריק האָט אפילו אַ העברעאישער מחבר געמאַכט אַ פאַרזוך צו דראַמאַטיזירן יוסף דילאַ־ריינה, האָט אָנגעשריבן אַ טראַגעדיע מיט דעם נאָמען פון אונזער העלד. די דראַמע איז אָבער פון קנאַפּן ליטעראַרישן ווערט. דער שרייבער האָט זיך ווייניק וואָס פאַרטיפט אין דער טראַגעדיע פון דילאַ־ריינה, און זיין צוווייטאָקטע נשמה ווינציק וואָס פאַרשטאַנען. דער מחבר האָט געטאָן וואָס אַן אַנדער פּאָעט, מ א י ר ל ע ט ע ר י ס, האָט געטאָן מיט אלישע בן אבויה—אים פאַרגליכן צו פאַוסט. אַן ענ־ליכקייט צווישן דילאַ־ריינה און פאַוסט האָט אפילו באַמערקט פּראָפעסאָר שעכטער. עס איז דאָך אָבער פאַראַנען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן פאַוסט, וועלכער פאַרקויפט זיין נשמה צום טייוול, און דעם מקובל דילאַ־ריינה, וואָס ביז זיין דורכפאַל האָט ער זיך געפירט בקדושה ובטהרה. האָט געפאַסט און זיך געפייניקט, איז געווען אַ צדיק וואָס האָט זיך געוואָלט מוסר נפש זיין פאַרן פאָלק. אים האָט פאַראינטערעסירט נאָר איין געדאַנק —ברענגען משיחן, און האָט טאַקע די שווערע משא אויף זיך אַרויפ־געלייגט. דער שרייבער, אַ חוץ דעם וואָס זיין דיכטערישער טאַלאַנט אין אַ באַגרעניצטער, האָט דאָס אַלעס ניט פאַרשטאַנען. ער האָט פשוט געוואָלט נאָכמאַכן געטעס פאַוסט, און אַזוי איז זיין טראַגעדיע געשריבן לויט דעם נוסח פון פאַוסט. האָט צו־נויפגעשטופּקעוועט פאַרשידענע מאָנאָלאָגן און זיי אַריינגעלייגט אין דעם מויל פון דילאַ־ריינה, ווערטער וועלכע האָבן קיין שייכות ניט איינער צום צווייטן און פאַסן זיך גאָרניט צו אַ הייליקן מקובל. לא די וואָס ער האָט די פּאַסירונג אַריבערגעפירט אין איטאַליע, האָט ער אויך צוגעטשעפּעט אַ קריסטליך מיידל הע־לענאַ, די טאָכטער פון דוכס פון שטאָט, וועלכע האַסט אידן, פאַרליבט זיך אָבער פּלוצלונג אין דילאַ־ריינה, און צוליב איר גייט דאָס דילאַ־ריינה פירן מלחמה, און אַזוי פאַרקויפט ער זיך צום טייוול. דער עיקר אָבער—זיין שטרעבונג צו באַפרייען דאָס

פאָלק, דעם נצחון פון סמאל איבער אים צוליב דעם וואָס ער האָט אים דערלאַנגט אַ ביסל ווייַרויך, דאָס אַלעס פּעלט.

איז טאַקע דעריבער די לעגענדע ווי זי איז פאַרשריבן פון דילא־ריינהס תלמיד, פיל שטאַרקער און פיל מער דראַמאַטי־שער. די נאַאיווע לעגענדע, איז ביז הײַנטיקן טאָג אַ פּערל אין אונזער פאָלקס־ליטעראַטור.

און ווי די לעגענדע דערציילט, האָט אין דער הייליקער שטאָט צפת אַ מאָל געלעבט אַ הייליקער און אַ גאָטספאָרכטיגער מאַן, אַ גרויסער מקובל און צדיק מיטן נאָמען רבי יוסף דילא־ריינה. געהאַט האָט ער פינף תלמידים, וועלכע זיינען געגאַנגען אין רבינס דרכים און ניט אָפּגעטראָטן פון אים אויף אַ מינוט. טאָג און נאַכט איז מען געזעסן און געלערנט, טאָג און נאַכט האָט מען געזוכט צו דערגיין דעם גרויסן סוד ווען דער קץ וועט פאַר־קומען. מען איז זיך עוסק מיט צרופים און השבעות, מען פאַסט און מען וויינט, אָבער אַ סוף צום גלות קומט ניט.

באַשליסט אָבער דילא־ריינה ניט אָפּצוהאַלטן זיך ביז ער וועט ניט אויסראָטן די ממשלת זדון פון דער וועלט און ברענגען משיחן. ער ווייס דאָס ס׳איז ניט לייכט אַזאַ זאַך דורכצופירן. זיין גלויבן איז אָבער שטאַרק. און מיט די האָפנונג דאָס זיינע תלמידים וועלן אים אַרויסהעלפן, נעמט ער זיך דורכצופירן זיין פּלאַן.

ער רופט זיך אָפּ צו זיינע תלמידים: „קינדער מיינע! איך האָב זיך באַדיינקט דאָס מיר פטרן אַוועק אונזער צייט אומזיסט. גאָט האָט אונזערע הערצער געטאָן עפנען צו פאַרשטיין די טיפע חכמה פון קבלה, כדי מיר זאָלן אים טאָן דינען, אים אָנטאָן אַ נחת רוח, צו פאַרטרייבן דעם כח הטומאה פון דער וועלט און ברענגען דעם משיח־צדק, וועלכער וועט אונז אויסלייזן פון אַלע אונזערע צרות. וואָס דענקט איר וועגן דעם?"

ניט פיל געקווינקלט, האָבן די תלמידים אים געענפטערט: „אונזער האַר, לערער און רבי! מיר זיינען גרייט צו טאָן

אַלעס וואָס דו וועסט אונז הייסן. גאָט איז מיט דיר און מיר דיינע תלמידים וועלן דיך אַלעס פאָלגן".

דילא־ריינה הויבט זיי אָן פאָרברייטן צו דער הייליקער אַרבעט. הייסט זיי זיך רייניקן און היליקן, אָנטאָן ריינע קליידער און דערווייטערן זיך פון אַ פרוי. רעט מיט זיי אָפּ זיך צו טרעפן אין דריי טעג אַרום אויפן פעלד. דילא־ריינה נעמט אויף זיך אַ שבועה ניט אומצוקערן זיך ביז „מיט דעם אויבערשטענס הילף וועלן אַלע אידן באַזעצן זיך יעדער איינער אויף זיין לאַנד, אין ארץ ישראל".

די דריי טעג האָט דילא־ריינה זיך מתבודד געווען אין זיין בית המדרש, איז געזעסן מיט גרויס פרישות, מיט קדושה וטהרה, און געלערנט. בשעת די תלמידים זיינען געקומען אים נעמען, האָבן זיי אים געפונען זיצן, דעם קאָפּ ליגנדיק צווישן די פיס, און מכוון געווען די הייליקסטע כוונות. מיט אַ ברכה דאָס גאָט זאָל זיי באַגליקן, לאָזן זיי זיך אַרויס פון צפת. דילא־ריינה האָט מיט זיך שוין געהאַט אָנגעגרייט טינט, פאַפּיר און אַ פעדער, פאַרשידענע קרייטיכצער און געווירצן, וועלכע ער האָט זיך געניטיקט פאַר זיינע השבעות בייצוקומען דעם שטן.

צוערשט זיינען זיי אַוועק קיין מירון. האָבן די נאַכט פאַרבראַכט אויף דעם קבר פון רבי שמעון בן יוחאי. האָבן געלערנט און מתפלל געווען. פאַרטאָג ווערט דילא־ריינה אַביסל אַנדרעמעלט און רבי שמעון בן יוחאי קומט צו אים צוזאַמען מיט זיין זון רבי אלעזר, צו חלום. זיי זוכן אים אָפּצורייַדן פון דעם ריזיקאַלישן שריט, מאַכן אים שווער די האַרץ. ער טענהט אָבער: „גאָט ווייס מיין גוטע כונה. וויס מיין האַרץ דאָס ניט צוליב מיר און ניט פון כבוד וועגן טו איך דאָס, און מיט זיין הילף וועל איך מיינס אויספירן".

זיי בענטשן אים, שטאַרקען זיין האַרץ און פאַרזאָגן אים ניט

אָפּצושטעלן זיך ביז ער וועט ברענגען די גאולה. עס איז איצט אַן עת רצון. מיט פרישע כחות גייען זיי קיין טבריה.

זיי גייען אַוועק אויסן שטאָט. באַהאַלטן זיך אין אַ געדיכטן וואַלד, און דאָ דערוווייטערט פון דער גאַנצער וועלט, ניט זע־ענדיק פאַר זיך קיין שום מענטש און בהמות נאָר די זינגנדע פייגעלאַך איבער זייערע קעפּ, זיצן זיי עטליכע טעג און לערנען. זיינען אויסגעטאָן פון גשמיות. עסן ניט און טרינקען ניט, זיינען נאָר מכוון די הייליקע שמות, זיינען זיך עוסק אין צרופים און בקשות, גייען יעדן פרימאָרגען זיך טובל זיין אין דעם כנרת, צו זעקס און צוואַנציק טבילות יעדן מאָל, לויט דעם צאָל פון דעם שם הוי"ה, מאַכנדיק דערביי די נויטיקע כוונות און צרופים.

דאָס איז די התחלה. דילא־ריינה באַשווערט אליהו הנביא אַרונטערצוקומען און אים ווייזן די ריכטיקע וועג, און אים לערנען ווי זיך צו פירן. ער שטעלט זיך דאַוונען מנחה, דאַווענט מיט צו־געמאַכטע אויגן און מיט אַ הויכע שטימע. צו „עננו" רעט ער אַרויס גאָטס נאָמען פאַרפול, דאָס וואָס דער כהן גדול האָט זיך ערלויבט נאָר יום כפור ביי דער עבודה, באַשווערט אַלע מלאכים, און צום ענדע פאַלט ער אויף זיין פנים, און זעט אליהון שטיין פאַר אים, פרעגנדיק אים: „וואָס איז דיין בקשה?"

רבי יוסף מיט זיינע תלמידים פאַלן און בוקן זיך צו אים, און מיט אַ געבראָכן האַרץ בעט ער ביי אים, ביי דעם נביא וואָס איז דער מבשר פון דער גאולה, אַן עצה ווי אַזוי צו פאַרשטאַרקן די סטרא־דקדושה און באַקומען סמאלן אין זיינע הענט.

אליהו הויבט אים אויך אָן אָפּצורייזדן, מאַכט זיין האַרץ פיל שווערער. ער זאָגט אים:

„זיי ווייסן דאָס די זאַך וואָס דו גייסט טאָן איז צו שווער פאַר דיר. צוליב אונדזערע זינד איז דער כח פון סמאל און די קליפּות זייער שטאַרק און עס איז ניט פאַר דיינע קרעפטן זיי צו מנצח זיין. מען מוז זיך פירן נאָך מיט מער פרישות, מיט מער קדושה

וטהרה. זיך אין גאַנצן אַרויסטאָן פון דער וועלט און די נשמה אַזוי אויסאיידלען און אויסלייטערן, דאָס זיי זאָלן דיר ניט קענען מזיק זיין, אָבער ווי איך זע איז דיין כונה ערליך, איז אויב דו וועסט דאָס דורכפירן, ווי ווויל און גוט וועט זיין צו דיר, אָבער דאָך איז מיין עצה דאָס דו זאָלסט זיך צוריקקערן, עס קאָן דיר נאָך פיל צרות ברייננען אויב דו וועסט סמאלן ניט בייקומען".

דילא־ריינה גיט זיך אָבער ניט אונטער. נעמט זיך בעטן ביי אליהו, שווערט ווידער, ניט אומצוקערן זיך ביז ער וועט ניט אויפהויבן די שכינה פון איר שפלות. הערנדיק אַזעלכע דבורים ווערט אליהו ווייכער, ער גיט אים עצות ווי אַזוי אַרונטערצו־ברייננען דעם מלאך סנדלפון, וועלכער קאָן אים באַהילפיק זיין אין דורכפירן זיין הייליקע שליחות.

אליהו פאַרשווינדט. דילא־ריינה און זיינע תלמידים נעמן זיך פירן מער שטרייננער, מער אַסקעטישער. איין און צוואַנציק טעג קומט ניט קיין ברויט און וואַסער אין זייער מויל, מען פייניקט זיך, מען איז זיך טובל, מען לערנט און מען בעט גאָט. דער חומר ווערט ביי זיי אַלס מער אויסגעלייטערט, זיינען שוין כמעט גע־קומען צו דער מדרגה פון מלאכים.

אַרונטערצוברייננען סנדלפון איז זיי ניט לייכט אָנגעקומען. אָבער וועלן זיי זיך דען אָפּשטעלן, בשעת זיי האַלטן שוין אין מיטן, און אָט־אָט און זייער ציל ווערט דערגרייכט.

דעם איין און צוואַנציקסטן טאָג האָבן זיי מיט גרויס שרעק און הכנעה זיך געשטעלט דאַוונען „מנחה גדולה". שטייענדיק אַיינגעהילט אין טלית און תפלין האָבן זיי מיט טרערן און תחנונים געזאָגט וידוי אויף זייערע זינד און די זינד פון דעם כלל ישראל, מיטן גאַנצן האַרצן תשובה געטאָן, און נאָכדעם מיט איין קול אויסגעשריען: „אלהי המרכבה עננו". האָבן געמאַכט אַ השבעה מכוון זייענדיק דעם שם מ"ב וועלכער גייט אַרויס פון פסוק

„שׂרפים עומדים לו ממעל”, און באַשוואָרן דעם מלאך סנדלפון דאָס ער זאָל גלייך זיך באַווייזן צו זיי.

דער הימל האָט זיך פּלוצלונג געעפנט. עס האָט אַ בליץ געטאָן אַ פייער, און סנדלפון מיט זיין גאַנצע מחנה האָבן אויף אַ פייערדיקן וואָגן געשפּאַנט מיט פייערדיקע פערד, אַרונטער־גענידערט אויף דער ערד.

סנדלפון קומט אַרונטער מיט דונער און שטורם, די וועלט ציטערט און עס דוכט זיך דאָס זי וועט באַלד אונטערגיין. דילא־ריינה מיט זיינע תלמידים פאַלן פאַר שרעק, די נשמות האַלטן אין אַרויספליען. און אין מיטן דונערט די שטימע פון מלאך:

„וואָס ווילסטו, דו מענטשן קינד? וואָס איז דיין פאַרלאַנג, דו קליין נישטיק ווערימל? ווי ערלויבסטו זיך צו מרעיש זיין דעם הימל און שטערן מיין רו? צו פילסטו ניט דיין אונווירדיגקייט און דיין שפלקייט, דאָס דער קלענסטער פון מיינע חילות קאָן דיר פאַרברענען מיט דעם דוך פון זיין מויל? גיי בעסער צוריק צו דיין רו!”

מיט הכנעה און אַ געבראָכענע שטימע האָט אים דילא־ריינה געענטפערט:

„מיין האַר, הייליקער און געטליכער מלאך! ווי אַזוי קאָן איך ענטפערן און ריידן צו דיר, אַז איך בין פון גרויס שרעק גע־בליבן אָן לעבן. מיין האַרץ ציטערט פאַר דעם גרויסן פייער, און קען אָן דיין גענאָד ניט ריידן אַ וואָרט. גיב מיר כח און שטאַרק מיך צו ענטפערן דיר”.

סנדלפון גיט אים אָן עצה אַרונטערצוברענגען דעם מלאך אכתריאל. אכתריאל און מטטרון שר הפנים צוזאַמען מיט זייערע חיילות קאָנען אים העלפן. זיי ווייסן ווו סמאל געפינט זיך, זיי דערלאָזן ניט דאָס ער זאָל ברענגען די אידן צו אונטערגאַנג. סנדלפון ערמוטיקט אים פאָרטצוזעצן זיין אַרבייט, הייסט אים זיך מער אויסטאָן פון גשמיות, מער פאַסטן, מער טבילות און

מער כוונות, מער לערנען און מער תחנונים. דילא־ריינה מיט זיינע תלמידים פירן דאָס אַלעס געדולדיק אויס.

זיי פאַרקירעווען זיך צום מדבר צו, קלעטערן אויף אַ באַרג נאָענט צו מירון. דאָ זיינען זיי געווען פערציק טעג אָפּגעשיידט פון דער וועלט. זיינען זיך יעדן טאָג טובל אין טייך קישון. צום צוואַנציקסטן טאָג חזרט זיך איבער דיזעלבע מעשה, וואָס מיט סנדלפון. מיט דעם כח פון זייער תפילה, נידערט אכתריאל אַרונטער.

די אַנטפּלעקונג פון אכתריאל רופט אַרויס פיל מער שטורם, די שרעק איז שטאַרקער, און אכתריאל איז בייזער פון סנדלפון. אָבער די הייליקקייט פון דילא־ריינה, זיין מסירות נפש, און דער עיקר—דער ווונטש פון די מלאכים אַליין אויסצוראָטן די קליפּה, ווירקט אויף דעם מלאך, און טראָטץ דעם וואָס ער מאַכט אים שווער די האַרץ, שילדערט אים דעם גאַנצן שרעק פון סמאל און אויך די סכנה וואָס לויערט אויף זיין נשמה, אויב ער וועט ווערן מנוצח פון סמאל און וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון לילית, הייסט ער אים צום ענדע דערפירן זיין אַרבייט ביז צום סוף.

אכתריאל ווייזט אים דעם וועג צום באַרג שעיר, אָט דער באַרג אין וועלכן עס וועט פאַרקומען דער משפט פון אדום, אין דעם טאָג ווען משיח וועט קומען.

דער וועג צום הר שעיר איז ניט קיין לייכטער. פון אַלע זייטן איז סמאל שטאַרק באַפעסטיקט. פון איין זייט—צוויי הויכע מחיצות: אַן אײַזערנער מויער וואָס דערגרייכט ביזן הימל, און דער ים אוקינוס; פון אַ צווייטן זייט—אַ גרויסער הויכער באַרג שניי. און אום כדי איבערגיין די אַלע מחיצות, האָט דילא־ריינה און זיינע תלמידים פון דאָס ניי גענומען זיך הייליקן. דערגרייכנדיק אַ העכערע מדרגה ווייל איצט זיינען זיי באַגלייט געוואָרן פון די מלאכים, וועלכע האָבן פון הימל אים געטאָן העלפן און די

שליטה פון סמאל צוגענומען און אים אַרונטערגעשליידערט אויף דער ערד.

די מלאכים האָבן אים איבערגעגעבן די אַלע סודות, די אַלע שמות און צרופים וועלכע ער האָט באַדאַרפט מכוון זיין. איינע פון זיי, איז דאָס ער זאָל אויף דעם טיר פון אַייזערנעם מויער אויסקריצן אַ שם וואָס ווערט מצורף פון פסוק „חרב לה' ולגדעון".

סמאל איז שוין אַרונטערגעשליידערט געוואָרן פון הימל, און איצט האָט דילא־ריינה נאָר די אויפגאַבע צו פאַנגען סמאל און לילית און זיי בינדן אין קייטן.

אכתריאל הייסט אים האַלטן אָנגעגרייט צוויי קליינע טאַצן, אויסגעקריצט מיט שמות. פאַרזאָגט אים אויך שטריינג דאָס בשעת ער וועט זיי שוין האָבן אין זיינע הענט, זאָל ער זיי ניט געבן פאַר־זוכן קיין שום זאַך, אפילו ווען זיי וועלן וויינען און בעטן ביי אים. ניטאָ קיין רחמנות פאַר דער קליפּה!

עס האָט זיך אַלעס אויסגעלאָזן ווי דער מלאך האָט אים געשילדערט. מיט דעם כח פון די שמות זיינען זיי אַריבער דעם באַרג שניי. דער אוקינוס האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיינע שטורמדיקע כוואַליעס זיינען פאַרשטילט געוואָרן און זיי זיינען אַריבער ווי אין דער טריקעניש. צוקומענדיק צום אַייזערנעם טויער, האָט ער אויסגעקריצט דעם הייליקן שם, און זיי זיינען אַלע אַדורך, חוץ איין תלמיד וואָס איז געבליבן שטעקן אין דערמיט, און דילא־ריינה האָט מיטן מעסער אויסגעהאַקט אַ לאָך, דער תלמיד איז גלייך אַריין און די טיר האָט זיך הינטער זיי פאַרהאַקט.

איצט זיינען זיי ערשט אַריין אין דער רעכטער סכנה. זיי זיינען אַ גאַנצן טאָג געגאַנגען איבער וועגן און שטעגן, ביז צו אָבענד צו זיינען זיי צוגעקומען צו אַ גרויסן טאָל, פול מיט חורבות, חורבות אין וועלכע שדים טאַנצן און וואַרפן אַרויף די גרעסטע אימה. עס האָט זיך געהערט דער וואָיען פון הינט, דער ריכטיגער סימן

דאָס זיי געפינען זיך אויף דעם ריכטיקן, אָבער זייער געפערליכן פּלאַץ.

פול מיט מוט און אָנגעגורט מיט אַלע כוונות און צרופים זיינען זיי אַריין אינווייניק, אין דער חורבה אַריין. זיי זיינען גלייך אַנטקעגן געשפּרונגען צוויי שוואַרצע געזונטע, גרויסע הינט, אַ זכר און אַ נקבה. די הינט האָבן זיך אויף זיי אַרויפגעוואָרפן מיט אַ בילן פול מיט רציחה און זיי געוואָלט צוררייסן אויף שטיקער.

דילא־ריינה האָט אָבער דעם מוט ניט אָנגעוואָרן. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען ווער די הינט זיינען און מיט וועמן ער האָט צו טאָן. עס איז קיין שום ספק ניט געווען דאָס ער האָט איצט דעם בעל דבר פאַר זיך, סמאל מיט לילית צוזאַמען. ניט פאַרלירן קיין איבעריגע צייט, האָט דילא־ריינה גלייך צוגעטראָגן די טאַצן צו זייערע געזיכטער. די תלמידים וועלכע זיינען געשטאַנען גרייט מיט שטאַרקע שטריק אין די הענט, האָבן אויף גיך אַריבערגעוואָרפן די שטריק אויף זיי און אַזוי זיינען סמאל און לילית געבליבן ליגן געבונדענע.

סמאל און לילית, די גרעסטע שונאים פון דער אידישער אמונה, זיינען פאַרנאַרט געוואָרן, זיינען געבונדן ווי שעפּסן. דער כח הקדושה האָט באַזיגט די טומאה. זייער כח איז אָפּגעטאָן געוואָרן פון זיי, און עס איז פאַר זיי מער קיין נוץ ניט זיך צו פאַרשטעלן. זיי וואַרפן פון זיך אַראָפּ זייער הינטישן געשטאַלט, ווערן איבערגעאַנדערשט, באַקומען אַ מענטשליכע צורה, מענטשן מיט אַ מוראדיגן פּנים, מיט פליגלען און ברענענדע אויגן, און וואָלטן זיי געווען בכח וואָלטן זיי אין איין הרף־עין איינגעשלונגען דילא־ריינה מיט זיינע תלמידים צוזאַמען.

סמאל זעט אַז עס האַלט שמאָל מיט אים, הויבט ער זיך אָן בעטן ביי דילא־ריינה אים צו געבן עפּעס צו עסן. ער און לילית, און נאָך זיי, אַ גאַנצע מחנה פון שדים און רוחות, מלאכי־חבלה און טייוואָלים, גייען אויס און זיינען פאַרשמאַכטעט. די ליפּן

ברענען זיי פון דורשט, זיי גייען און וויינען אַזש עס נעמט אָן אַ צער, דאָס האַרץ צוגייט פון רחמנות. צוקוקן זיך צו זיי. סמאל הויבט ווידער אָן צו בעטן:

„מיין האַר! מיר אַלע זיינען פון דיר געפאַנגען און געפינען זיך איצט אין דיין רשות, און דו מוזט אונדז שפּייזן. מיר אַלע, איך, לילית און אַלע קליפּות זיינען אין דיינע הענט צו טאָן מיט אונז וואָס דיין האַרץ געלוסט, דערווייל אָבער מוזן מיר דאָך לעבן, גיב אונדז אַ שטיקל ברויט צו ציען אונזער חיונה! מיר האָבן מער קיין כח ניט צו האַלטן זיך אויף די פיס! ביז איצט פלעגן מיר אונזער יניקה ציען פון דעם גלאַנץ פון דער שכינה וואָס פלעגט אָפּשטראַלן מאחורי הפּרגוד, איצט זיינען מיר, דורך דיין קראַפט פאַרטריבן געוואָרן פון אונזער נחלה, דערהאַלט־זשע אונדז ביים לעבן ביז מיר וועלן קומען קיין שעיר!"

דילא־ריינה ווייס אָבער די סכנה וואָס לויערט אויף אים. ער ווייס דאָס גלייך ווי ער ערפילט זיין בקשה, ווערט ער אָן די שליטה אויף זיי. ער געדיינקט גוט די אזהרה פון דעם מלאך אכתריאל ניט צולאָזן זיך פאַרנאַרן פון סמאלס גלאַטע רייד און געבעט. זיין געוויין ווירקט ניט אויף אים, רירט ניט אָן זיין האַרץ, און מיט אַ פעסטן טאָן ענטפערט ער:

— ניין! איר באַקומט פון מיר גאָרניט!

מען גייט קיין שעיר, ווו דער משפט אויף סמאל וועט ווערן אויסגעפירט. מען גייט מיט שמחה, מיט געזאַנג און מיט לויב צו גאָט. די געזיכטער ביי דילא־ריינה און זיינע תלמידים שטראַלן, די אויגן ברענען און די הערצער פלאַטערן.

און אָט איצט הויבט זיך אָן דער ערשטער נסיון.

דילא־ריינה ווערט ביי זיך צופיל האָפערדיק, ווערט שטאָלץ אויף זיין טאַט, פאַרגעסט אויף אַ מינוט אַז ניט מיט זיינע כחות האָט ער סמאל גענומען, נאָר ווייל עס איז געווען דער ווילן פון

גאָט. ער האָט נאָר זוכה געווען צו זיין דער בחיר צו דערנענטערן די גאולה, אויסצווווירקן דעם עת־רצון.

דילא־ריינה רופט זיך אָפּ צו זיינע תלמידים:

„נו, ווער וואָלט זיך געגלויבט דאָס מיר האָבן אַזאַ גרויסע זאַך געקאָנט אויפטאָן. ווי ערשטוינט וועלן אַלע ווערן בשעת די שמועה וועט דערגרייכן צו זייערע אויערן, איבערהויפּט די אַלע וואָס האָבן געזאָגט דאָס מיר וועלן ניט באַגליקן אין אונזער וועג. אָט איז דער טאָג וואָס די הימלען טוען זיך פרייען און די ערד טאַנצט, און אַלע רופן אויס: גאָט קיניגט איבער אַלע פעלקער!"

סמאל הערט דאָס און ווערט צופלאַצט פון פאַרדרוס. ער הויבט אָן פון דאָס ניי צו בעטן, וויינט און וואָיעט:

– גוואַלד! איך האָב מער קיין כח ניט צו גיין ווייטער!

ער הויבט אָן ריידן מיט אַ גלאַטן צונג, חנפעט זיך אונטער, אפשר וועט דאָס ווירקן.

– און וואָס וועט דיר אַרן–טענעט ער צו דילא־ריינה–אויב דו וועסט מיר געבן אַ שטיקל ברויט. מיר זיינען דאָך שוין באַלד ביים באַרג שעיר, דאָרט וועסטו דאָך טאָן מיט מיר אַלעס וואָס דיין האַרץ געלוסט, לאָמיר כאָטש דאָרט אָנקומען אַ לעבעדיקער.

דילא־ריינה גיט זיך ניט אונטער, ווערט אָבער צופרידן פון זיך, פאַלט אַריין אין גאוה, עס דערוועקט זיך אַ שטיקל קטרוג אויף אים, און די סכנה ליגט שוין אויף זיין האַלדז, ווער ווייס צו ער וועט דעם נסיון בייַשטיין, ווער ווייס צו ער וועט זיך דוקא צום ענדע ניט אויסגליטשן זיך?

און די קאַטאַסטראָפע קומט. מען איז שוין נאָענט צום באַרג שעיר. עטליכע טריט נאָר. דילא־ריינה טראָגט צו זיין נאָז אַ ביסל ווייַרויך, אַ שמעק צו טאָן און באַקומען מער רוחניות, מער חיות פאַר דער נשמה. אָנצושעפּן פרישע קרעפטן.

סמאל נוצט אויס דעם מאָמענט. ער ווענדעט זיך צו דילא־ריינה:

– מילא עסן זשאַלעוועסטו מיר צו געבן. אָבער אַ שמעק טאָן אַ ביסל ווייַרויך וועסטו דאָך מיר ניט ענטזאָגן צו געבן!

וואָס האָט דילא־ריינה אָנצוווערן? אים פאַלט גאָר ניט אײַן אַז עס איז אַן אײַנפאַל פון סמאל אים צו כאַפּן, אַז אין דעם ביסל ווייַרויך הייגט אָפּ די גאַנצע גאולה, דאָס זיין גאַנצע אַרבעט וועט זיין אַרויסגעוואָרפן.

עס איז דער לעצטער פאַרזוך פון סמאל צו מנצח זיין אים, צו פאַרשטאַרקן די טומאה איבער די קדושה, און ער פירט אויס.

דילא־ריינה טראָגט אים צו די ווייַרויך, גיט סמאל אַ שמעק, און אין דעם מאָמענט לאָזט ער אַרויס אַ פייער צונג פון זיין מויל, פון זיינע נאָזלעכר פליסט אַרויס אַ געדיכטער רויך, די קייטן ווערן אָפּגעטאָן פון אים. עס הילכט אָפּ אַ שטאַרקער געלעכ־טער. מיט אַ שרעקליכער גבורה שלײַדערט ער אַוועק די טאַצן אויף וועלכע עס איז אויסגעקריצט דער שם המפורש, און סמאל האָט שוין ווידער די ממשלה אין זיינע הענט. די טומאה הערשט שוין ווידער אויף די קדושה.

עס דונערט און בליצט. אָט־אָט און די וועלט גייט אונטער. דילא־ריינא געפינט זיך פלוצלונג אַליין, פאַרלאָזן, ליגן אויפן פעלד, מיד און אָן כוחות. צוויי פון זיינע תלמידים זיינען פון שרעק געשטאָרבן, צוויי פון זיי זיינען משוגע געוואָרן און פאַר־בלאָנדזשעט ערגעץ אין די וויסטע מדבריות. דער פינפטער וועלכער איז געבליבן לעבן, איז אַנטלאָפן. אַליין זיצט דילא־ריינה, ער ווייס נאָך ניט וואָס עס איז געשען, ער פילט נאָך ניט די איבערקערעניש וואָס עס איז פאָרגעקומען, ער באַגרייפט נאָך ניט דעם גרויסן אומגליק.

ביסלאַכווייז קומט ער אַביסל צו זיך, ער נעמט זיך דערמאָ־נען וואָס עס איז פאָרגעקומען, און פלוצלונג–ער דערמאָנט זיך! ער נעמט וויינען און קלאָגן, רייסט זיך די קליידער פון זיך און

די האָר פון קאָפּ. ער פילט שוין: ער האָט געדינט דער עבודה זרה, דערלאַנגענדיק די ווייַרויך צו סמאל, האָט ער דאָך מקריב געווען קטורת צו דער קליפּה. אוי ווי איז אים! איז דאָ אַ תקנה צו אים?

ניין! קיין תקנה איז שוין ניטא! עס הויבט ווידער אָן צו דונערן און בליצן. אַ געדיכטער נעבל פאַרדעקט דעם הימל, הילט אַיין דעם שרעקליכן באַרג און אין דער טיפער פינצטערניש הערט זיך אַ בת קול:

„ווי צו דיר יוסף און ווי צו דיין נשמה! דו האָסט ניט גע־פאָלגט גאָטס פאַרזאָג, דו האָסט זיך פאַרזינדיקט און אָנגעוואָרן די וועלט און יענע וועלט!"

עס איז שרעקליך אכזריותדיק, קיין אויסוועג איז ניטאָ. ער זיצט אונטער אַ בוים פאַרטראַכט און פאַרזונקען אין געדאַנקען, אָבער זיין נשמה באַלאַנגט שוין ניט צו אים. דער שטן האָט אים שוין אין זיין רשות. די קליפּה האָט אים מנצח געווען. סמאל, לילית מיט אַלע מלאכי חבלה, הערשן אויף אים, וואַרפן אים אין כף־הקלע, און ער מוז פאָלגן זיי, טאָן וואָס זיי הייסן אים.

ער קומט קיין צידון, שוואַרץ ווי אַ קויל, שוואַך, קאָן ניט אַ ריר טאָן מיט אַן אבר. פון גרויס צער, הערט ער אויף צו גלויבן. גייט אַרויס לתרבות רעה, וואַרפט זיך אַריין אין אַלע הבלי עולם הזה. גיט זיך אין גאַנצן איבער צו לילית אין די הענט. ניט נאָר ער זינדיקט מיט דער מכשפה, נאָר די שרעקליכע פאַר־פירערין רעט אים אויך צו צו ערפילן די ערגסטע תאוות. גיט אים שדים צו ערפילן זיינע פאַרלאַנגען און דורך כשוף ברענגען זיי אים יעדע נאַכט אַנדערע פרויען. געפעלט אים דעם קיניגס ווייב און די שדים ברענגען איר יעדן אָבענד, און אַז דער קיניג דערוויסט זיך און וויל נקמה נעמען אָן אים, הייסט אים ברענגען אַ לעבעדיקן אום צו פּייניקן אים מיט די שווערסטע ענוים, פאַר־כאַפּט דילא־ריינה און וואַרפט זיך אַריין אין ים.

טרויעריק איז די ענדע פון דעם גרעסטן משיח־טרוימער. עס איז אַ מעשה נורא, וואָס רעגט אויף די נערוועז, און לייע־נענדיק איר פילט מען דעם ציטר און שרעק. דער תלמיד וואָס האָט מיטגעמאַכט די שרעקליכע ערפאַרונג און די מעשה פאַר־שריבן, שרייבט צום ענדע: „און איך, דער פינפטער תלמיד, ליג געפערליך קראַנק, קיין שום רפואה העלפט מיר ניט. מיינע אברים ציטערן און טרייסלען זיך, האָב ניט קיין שום מנוחה פון די שדים. זאָל גאָט אויף מיר זיך דערבאַרימען און זאָגן גענוג צו מיינע צרות".

די לעגענדע איז נאָך מער אכזריותדיק צו דעם טראַגישן דילא־ריינה. עס ווערט דערציילט, דאָס נאָכן טויט איז ער מגולגל געוואָרן אין אַ גרויסן שוואַרצן הונט און איז געקומען צום האר"י בעטן אַ תקון צו זיין נשמה. דער האר"י האָט זיין נשמה ניט געוואָלט מתקן זיין. צו גרויס איז די ווונד געווען, צו שטאַרק די ענטוישונג דאָס מען זאָל אים פאַרגעבן.

דאָס איז די לעגענדע. צי האָט אָבער די מעשה אַ היסטאָ־רישן באָדן?—מען קען כמעט זאָגן יאָ. אַז עס האָט אין צפת גע־לעבט אַ מאַן מיטן נאָמען יוסף דילא־ריינה, איז אַ באַקאַנטע זאַך. רבי משה קאָרדאָווירא ברייננט אין זיין ספר „פרדס רמונים" דעם נאָמען יוסף דילא־ריינה. אין „קורא הדורות" ווו עס איז פינק־טליך פאַרצייכנט די אַלע היסטאָרישע פערזענליכקייטן, ווערט געבראַכט יוסף דילא־ריינה און זיין ברודער זרחיה, אַלס צייט־גענאָסן פון רבי משה נאַג'אַראַ, דער פאָטער פון דעם דיכטער ישראל נאַג'אַראַ. זיי ווערן גערעכנט צווישן די „חכמי צפת", און אַזוי ווי נאַג'אַראַ איז געווען אַ תלמיד פון האר"י, האָבן זיי געלעבט אין האר"יס צייטן. דער דילא־ריינה וואָס ווערט געבראַכט אין „פרדס רמונים" האָט זיכער געלעבט פיל פריער. אין „שבחי ירושלים" איז אויך אָנגעגעבן דער קבר פון יוסף דילא־ריינה.

ער איז באַגראָבן נאָענט צו אַ באַרג אַרום צפת. אָבער לויט די לעגענדע האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין ים פון צדון.

אַז עס האָט ענליכעס פּאַסירט יענע צייט אין צפת, איז זייער מעגליך. דער יעניקער דור, וועלכער האָט געלעבט מיט די האָפנונג דאָס משיח מוז קומען, ווען פילע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט השבעות און שמות, האָבן זיך זיכער געפונען פילע וועלכע האָבן די גאולה געזוכט צו דערנענטערן אויף דעם אופן ווי עס ווערט אַזוי מייסטערהאַפט געשילדערט אין דער דאָזיקער מעשה.

די מעשה איז, ווי פריער געבראַכט, פאַרשריבן פון זיין תלמיד. ער איז אונטערגעשריבן מיט זיין פולן נאָמען: יהודה מאיר. דער וואָס האָט איר פאַרעפנטליכט איז אַ ירושלימער איד מיטן נאָמען שלמה נאַוואַראַ. ווי ער שרייבט צום ענדע פון ביכל, האָט ער די מעשה איבערגעשריבן פון אַלטע צוריסענע כתבים וואָס ער האָט געפונען אין אַ גניזה אין צפת. ער האָט איר איבערגעשריבן מיטן צוועק דאָס מען זאָל ניט ווערן ענטוישט און ניט אָנווערן די האָפנונג דאָס משיח וועט קומען. אויך כדי מען זאָל ניט זען דוחק זיין דעם קץ און מיט געוואַלד אַרויפּצווינגען די גאולה, איידער די ריכטיקע צייט וועט קומען. ווער דער נאַוואַראַ איז, איז מיר איצט ניט באַקאַנט. מיר איז אויך אומבאַקאַנט די ערשטע אויסגאַבע פון די מעשה. פאַר מיר ליגט איצט אַן אויסגאַבע פון יאָר תפ"ה. אָבער זי איז ווייט ניט פון די ערשטע. אויב די לעגענדע איז פאַרעפנטליכט געוואָרן ניט פריער פון די ענדע פון זעכצנטן יאָר־הונדערט, דאַן איז זייער מעגליך דאָס זי איז געשריבן געוואָרן אין די צייט פון שבתי־צבי. דער אָנהויב פון שבתי־צבי אַלס משיח איז אויך געווען האָפערדיק און פרייליך, און די ענדע—טראַגיש און פול מיט ענטוישונג. זיין סוף האָט אַ געוויסע ענליכקייט צו די ענדע פון דילאַ־רינה. שבתי־צבי האָט פאַר זיין טויט געבעטן דאָס מען זאָל אים אַריינוואַרפן אין ים, און אַזוי ווערט אויך דערציילט איבער דילאַ־ריינה. עס איז צו

מערקן פון די קורצע אָנמערקונג פון נאַוואַראַ, ווי ער חזרט איי־
ניקע מאָל איבער און באַטאָנט דאָס זיין צוועק איז צו ערמוטיקן
די געמיטער ניט אָנצוווערן דעם גלויבן דאָס די גאולה שלמה
וועט קומען דורך הקב"ה בכבודו ובעצמו. איך זאָג דאָס ניט אויף
זיכער. אָבער עס איז צו משער זיין דאָס מיט די מעשה פון יוסף
דילא־ריינה האָט מען אויך מכוון געווען צו שבתי־צבי.

רבי ישראל נאג'ארא—דיכטער און מקובל

דער הימל איבער די מקובלים איז אַ פּאַרוואָלקנטער געווען. די קבלה האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט פיל אחריות. האָט געפאָדערט אָפּגעזונדערקייט, דערוויי־טערט זיין פון מענטשן, גזרות און פיל סגופים, פיל מדרגות דורכ־צומאַכן ביז מען קומט צו צו דער העכסטער מדרגה, מען איז זוכה צו רוח הקודש און השראת השכינה.

שאַפנדיק אַן אַטמאָספערע אָנגעזאַפּט מיט פרומקייט און הייליקקייט. זייענדיק אַרויסגעטאָן פון גשמיות און צובּרעכן די אַלע תאות פון חומר, האָבן זיי די וועלט באַטראַכט נאָר אַלס פּרוזדור צום טרקלין—יענע וועלט. די וועלט איז נאָר באַשאַפן געוואָרן צו לערנען תורה, מקיים זיין אַלע תרי"ג מצות און טאָן מעשים טובים. און דעריבּער האָבן זיי זיך באַצויגן צו דער וועלט גלייכגילטיק און די אַלע תענוגי עולם הזה מבטל געווען.

עס הייסט אָבער ניט דאָס זייער בּליק איז דורכאויס אַ פּעסימיסטישער געווען. דאָס זייער לעבן איז געווען איינגעהילט מיט טרויער און אומעט. אדרבה, די מקובלים אין צפת האָבן באַזעסן אַ נשמה פול מיט פרייד. גאָט מוז מען דינען באהבה, מקיים זיין די מצות מוז מען נאָר מיט שמחה. „דאָס געטליכע ליכט—ווערט געבראַכט אין דעם נאָמן פון אַ מקובל—וואָס שיינט אַראָפּ אויף דעם מענטשן דורך מקיים זיין אַ מצוה איז נאָר לויט דעם ערך פון דער פרייד וואָס ער האָט געפילט בשעת ער האָט איר געטאָן". דערגרייכן די העכסטע סודות פון דער יצירה, קאָן מען נאָר דורך רוח הקודש. און די שכינה, ווי באַוווסט, רוט ניט אויף אַ בעל מרה שחורה, אויף פאַראומערטע און פאַר־טריבטע נשמות...

די פרייד פון די מקובלים פלעגט זיך אויסדריקן אויף שמחות של מצוה. שבת און יום טוב איז די גרעסטע מצוה דאָס דער טיש זאָל זיין געגרייט מיט די שענסטע און בעסטע מאכלים. פאַסטן אום שבת, אָדער ניט עסן אַלע דריי סעודות, איז פאַררעכנט פאַר אַ זינד, און מען איז דורך דעם פוגם אין די העכסטע פּלע־צער פון דעם קדוש ברוך הואס היכלות. דער „מגיד" וואָס האָט רבי יוסף קאַרו ניט דערלאָזן נהנה זיין פון דער וועלט, פלעגט אים פאַרבאָטן צו עסן פלייש און טרינקען וויין, האָט אים אָבער שטריינג פאַרזאָגט צו משמח זיין אין שבת. דאָס זעלבע אויך קאָרדאָווירא, וואָס פלעגט שטענדיק מזהיר זיין ניט צוגרייטן אין מיטן וואָך אַ ברייטן טיש, האָט אַרויפגעלייגט אַ חוב צו באַשיינען דעם שבת מיט דאָס בעסטע. פון האר"י איז דאָך אָפּגערעט. ער פלעגט דעם שבת באַגעגענען מיט דעם גרעסטן פרייד, מיט געזאַנג און עקסטאַז.

און ניט נאָר שבת ויום טוב, אפילו ראש חודש אָדער אַזוי אַ סעודת מצוה, האָט מען זיך משמח געווען און די אַטמאָספערע איז געווען פול מיט פרייד.

אָבער אויך אין אַ סעודת מצוה האָט מען ניט אַריבערגע־כאַפּט די מאָס, זיך פאַרגעסן צו געניסן צופיל און זיך פירן לייכטזיניק. לייכטזיניק, דאָס איז געווען דאָס שרעקליכסטע ביי די פרומע מקובלים, לייכטזיניקקייט ברענגט צו לצנות, און לצנות אין די ערגסטע מדה. טרייבן לצנות מיינט אויסשטרעקן דעם שטן אַ פינגער, אויף דעם לויערט דער יצר הרע אום אַריינ־צושלעפּן דעם מענטש אין די נעץ פון זינד, צו האַלטן די נשמה געפאַנגען אין זיין רשות און אַריינוואַרפן אים אין דעם פייער פון גיהנום...

די אַלע כללים און הנהגות וואָס די מקובלים האָבן פאַר־צייכנט ווי צו פירן זיך, וועלכע ענטהאַלטן די העכסטע עטישע און מאָראַלישע געפילן, זיינען פול מיט הזהרות זיך צו דער־

ווײַטערן זיך פֿון לצנות. דער מקובל רבי מאיר פּאַפּירש שרײַבט: „למען השם זיך דעוווײַטערן פֿון לצנות אפילו פֿון אַ לײַכטן שפּאַס, ווײַל צוליב דעם איז מען ניט זוכה צו זען די פּני השכינה״.

אין דעם בטול פֿון לעבן, די גלײַכגילטיקקײט צו די הבלי עולם הזה, איז געווען דער צוים, די מחיצה וואָס די מקובלים האָבן אױפֿגעשטעלט צו האַלטן זיך רײן פֿון זינד, דער פֿעסטונג ווו דער יצר הרע קאָן קײן צוטרעט ניט האָבן.

אָן אויסנאָם צווישן די אַלע מקובלים איז געווען דער גרויסער דיכטער רבי ישראל נאַג׳אַראַ, וועלכער האָט זיך צום לעבן באַצויגן ניט גלײַכגילטיק, האָט געזוכט צו געניסן פֿון די זיסקײט פֿון לעבן. און כאָטש אַ גרויסער מקובל און העכסט רעליגיעז, האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן פֿון לײַכטזיניקקײט, האָט זיך אפילו ערלויבט צו שטיפֿן, אַ לצנות מאַכן און טרײַבן קאַטאָוועס.

ער איז פֿילײַכט געווען מער דיכטער ווי מקובל, און אַ דיכטער איז נאַג׳אַראַ געווען אַ גרויסער. ער איז געווען דער לעצטער נצוץ פֿון די גרויסע פּאָעטן אונזערע אין די גאָלדענע עפּאָכע אין שפּאַניען, און מיט אים ווערט די אידישע פּאָעזיע פֿון יענער צײַט געשלאָסן. עס איז דעריבער צו מערקן אין אים די אַלע מעלות און חסרונות פֿון די העברעאישע דיכטער פֿון יענער צײַט, און עס איז אויך צו פֿאַרשטײן די קאָנטראַסטן וועלכע האָבן זיך אין נאַג׳אַראַ פֿאַראײניקט, און זײַנע ווידערשפּרעכענדע אויפֿפֿירונגען וואָס זײַנען צו זײַנע חברים אַ רעטעניש געווען.

וואָלט נאַג׳אַראַ געווען געבאָרן אין אַן אַנדער לאַנד און אין אַן אַנדער צײַט, ווען ער וואָלט ניט געווען ערצויגן אין דער אַטמאָספֿערע פֿון די מקובלים אין צפֿת, וואָלט זײַן פּאָעטישער טאַלאַנט זיכער זיך פֿיל מער ענטוויקלט. וואָרום נאַג׳אַראַ איז געווען אַ דיכטער פֿון גאָטס־גנאַדע, איז געווען באַגאַבט מיט אַ

שטאַרקן דיכטער קראַפט, האָט באַזעסן אַ רייכע פאַנטאַזיע און אַ שאַרפזיניקער בעאָבאַכטער, איז באַגייסטערט פון די שיינהייט פון דער נאַטור און געהאַט אַ שטאַרקן לוסט צום לעבן. דערצו איז זיין שפּראַך שיין, ריטמיש־גראַציעז, עלאַסטיש און בילדער־ליך, צו וועלכן אין זיין צייט איז קיין גלייכן ניט געווען.

וואָלט ער ניט געווען נאָענט צום האר"י און געשטאַנען אונ־טער זיין איינפלוס, וואָלט זיין דיכטונג זיכער אַן אַנדער ווענדונג און אַן אַנדער ריכטונג אָנגענומען. זיין מוזע וואָלט ער זיכער געהאַט געווידמעט צו שילדערן רייכע נאַטור־בילדער, וואָלט זיך ניט אָפּגעשטעלט צו שרייבן עראָטישע לידער אין דעם סטיל פון עמנואל הרומי. די מערסטע לידער זיינע וואָלטן זיכער פאַר־אורטיילט געוואָרן צו „גניזה", אויב ניט אין גאַנצן צו פאַרניכטעט ווערן. זייענדיק אָבער באַאיינפלוסט פון דער קבלה, האָט ער זיך צוזאַמען מיט זיין מוזע דערהויבן. ער איז געווען איינער פון די שענסטע נאַציאָנאַלע דיכטער אונזערע, וואָס האָט אַזוי אומעדיק פאַרבײנקט אויסגעדריקט דעם נשמה־ברומן פון דער כנסת ישראל צו אויסלייזונג, און אַ גרויסער טייל פון זיינע פּזמונים זיינען אָנגענומען געוואָרן בכל תפוצות ישראל און איז אפילו אַריין אין סדור.

אין קבלה האָט זיך נאַג'אַראַ גענומען אינטערעסירן נאָך אין זיין פריסטן יוגענד. ער איז אין איר אַטמאָספערע ערצויגן און אויסגעוואַקסן. פון דאַנען איז זיין שטאַרקער רעליגיעזער פּאַ־טאָס און פון דעם קוואַל האָט זיין פאַרבײנקטע מוזע איר שפע געצויגן.

ער איז געבאָרן אין צפת, דער ערשטער אמתער דיכטער וואָס איז געבאָרן אין ארץ ישראל. זיין זיידע רבי לוי איז געווען פון די גולי ספרד. בשעתן גירוש האָט ער געמוזט פאַרלאָזן זיין היימאַט־שטאָט נאַדזשאַראַ, אין שפּאַניען, און זיך באַזעצט אין צפת.

אין יאָר רס"ה ווערט אים געבוירן זיין זון, רבי משה, דער פאָטער פון דיכטער. רבי משה איז געווען איינער פון די „גורי־ הארי", און איז ביי די מקובלים זייער געאַכטעט געווען. זיין ספר „לקח טוב", איבער די דרשות פון תלמוד אויף דער תורה, האָט ביי זיי שטאַרק אויסגענומען. אים איז אויך ניט פרעמד געווען די אידישע פילאָזאָפישע ספרים פון מיטלאַלטער, האָט מחבר געווען אַ פירוש אויפן „מורה נבוכים", און האָט אין שטאָט געהאַט אַ נאָמען אַלס חקרן.

דעם יאָר געבוי ווען ישראל נאַג'אַראַ איז געבאָרן איז ניט באַוווסט. לויט אייניגע–אין יאָר ש"י (1550). אַנדערע פאָרשער גיבן אָן שי"ט–אָדער ש"ך (1559 אדער 1560). אין די צייט פון הארי איז שוין ישראל נאַג'אַראַ געווען באַרימט, און איז געווויס ניט אַזוי יונג געווען. דערצו איז צו דרינגען פון אַ בריוו וואָס מען האָט מיט יאָרן צוריק געפונען אין דער שול פון חורבת רבי יהודה החסיד אין ירושלים. דער בריוו איז אַ פסק בית דין און צווישן די חתומים געפינט זיך אויך ישראל נאַג'אַראַ. דער בריוו איז געשריבן אין יאָר של"ט (1579) און וואָלט נאַג'אַראַ דאַמאָלס ניט אַלט געווען לכל הפחות עטליכע און צוואַנציק יאָר, וואָלט מען אים זיכער ניט מצרף געווען אונטערצושרייבן אויף אַזאַ וויכטיקן דאָקומענט.

די יונגע יאָרן האָט ישראל נאַג'אַראַ פאַרבראַכט אין צפת. האָט געלערנט ביים פאָטער, און ביי די אַנדערע רבנים פון צפת. אין געגנזאַץ צום פאָטער, האָט ער צו חקירה קיין שום אינטערעס ניט אַרויסגעוויזן. אים האָט מער געצויגן צו קבלה.

נאָך גאָר יונג, און זיין פאָעטישער טאַלאַנט האָט זיך שוין צובליט, איז ענטוויקלט און פאַרפאַלקאָמט. די ראָמאַנטיש־ מיסטישע קבלה און די שיינע נאַטור פון צפת און דעם אַרומיקן געגענט, האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו די ענטוויקלונג פון זיין טאַ־ לאַנט.

איינע פון זיינע ערשטע רעליגיעזע פּזמונים איז די „כתובה" צווישן גאָט און זיין פאָלק ישראל, וואָס די ספרדים זאָגן דעם ערשטן טאָג שבועות.

זיינע רעליגיעזע שירים און פּזמונים וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון קבלה, מאַכן אים באַליבט ביים האר"י. עס ווערט געבראַכט אין דעם האר"יס נאָמען: „דאָס פון אַלע שירים און פיוטים וואָס די קדמונים און די לעצטע האָבן מחבר געווען צו זינגען אום שבת, זיינען ביי אים ניט אַזוי חשוב ווי די פּיוטים פון נאַג׳אַראַ, וועלכע זיינען געשריבן מיט רוח הקודש און מיט דעם אמתן גייסט פון דער קבלה".

און אין „חמדת הימים" ווערט דערציילט דאָס איין מאָל, אין אַ פרייטיק צו נאַכט איז רבי ישראל נאַג׳אַראַ געזעסן ביים טיש און געזונגען זיינע שירים, האָט דער האר"י געזען ווי מלאכים נידערן אַראָפּ פון הימל, און גייען צו אים אין שטוב אַריין, צו שפּירן די זיסקייט וואָס טראָגט זיך פון זיין געזאַנג. אַזוי ווייט האָט דער האר"י, וואָס איז אַליין געווען אַ פּאָעטישע נאַטור און מחבר געווען עטליכע העכסט פּאָעטישע מזמורים, געהאַלטן פון נאַג׳אַראַס לידער. דער האר"י האָט אים אויך באַאיינפלוסט צו שרייבן פּזמונים אויף אַראַמיש. צווישן די פּזמונים וואָס נאַג׳אַראַ האָט אויף דער עצה פון האר"י מחבר געווען, איז אויך דער באַרימטער מזמור „יה רבון עלם ועלמיא", וואָס איז דווקא אויפגענומען געוואָרן פון די אשכנזים, און אין יעדע אידישע הויז ווערט ער צו דער צווייטער סעודה פון שבת געזונגען. איבערהויפּט איז ער שטאַרק באַליבט ביי די „חסידים".

ער באַנוגנט זיך אָבער ניט מיט רעליגיעזע לידער אַליין. אים אינטערעסירט דאָס ערדישעס ניט ווייניקער ווי דאָס הימלשע. דער וועלט שמערץ, ניט ווייניקער ווי דער צער פון דער אידישער אומה. זיינע ליידן און פריידן פאַרנעמען ביי אים דעם זעלבן אָרט ווי דער גאַנצער כלל.

נאָך אין זײנע קינדערשע לידער װאָס ער האָט געשריבן אין אָנפאַנג פון זײן ענטװיקלונג, און װאָס ער האָט שפּעטער מיט זײן קריטישן חוש מבטל געװען, געפינט זיך שױן אַזאַ פּערז:

„אויב דײן האַרץ, מײן געליבטער, איז פון נעכטען און אײערנעכטען אין טרויער אַנדרעמעלט, נעם אַ טרונק בלוט־רויטן װײן, און אײדער די זון פאַרגײט געניס די זיסקײט פון דעם גן־עדן".

און בשעת זײן געצערטעלט אײנציק קינד אורה, שטאַרבט אין עלטער פון צען יאָר, שרײבט ער אַ האַרצרײסענדן ליד, װערטער װאָס נאָר אַ צאַרט־פילנדער דיכטער קאָן אויסדריקן.

די צײט װאָס ער האָט זיך געפונען אין צפת, גרײט ער צו צום דרוק זײן ספר „זמירות ישראל", די רעליגיעזע שירים װעלכע זײנען בײ דעם האר"י אַזוי שטאַרק באַליבט געװען. זײנע רײן פּאָעטישע לידער אָבער, די „שירי חול", פאַרעפנטליכט ער ניט. אַ ביסל צוליב מורא טאָמער װעט מען אים שלעכט פאַרשטײן און רודפן אים, און דער עיקר—אים האָט געפעלט די מיטלען דאַרויף.

זײנע לידער זײנען אָבער באַקאַנט צװישן פּובליקום. פרומע אידן ערגערן זיך, און עס ערגערט זײן הנהגה, זײן לײכטזיניקקײט און פרײע פירונג. אָט זעצט ער זיך שבת צום טיש מיט ענטבלויזטע אָרעמס און אָן אַ היטל. אַנומעלטן, אין אַ פרײטיק צו נאַכט, האָט דער האר"י געמערקט אַ מלאך װאָס איז אַרונטערגעקומען צו פאַרטרײבן די אַלע מלאכים װאָס זײנען זיך צוזאַמענגעקומען הערן װי ער זינגט און זאָגט שירה. דער האר"י האָט צוליב דעם גרויס צער און ער שיקט זײנע תלמידים, רבי חיים װיטאַל און רבי יוסף כהן, אים הײסן אָנטאָן די היטל, און ניט פאַרשטערן די פרײד פון די מלאכים. נאַג'אַראַ הערט זיך צו מיט אַ פאַרצי־טערט האַרץ, אַ דערשראָקענער אײלט ער זיך אָנצוטאָן זײן מאַנטל און באימה וביראה זעצט ער פאָרט זײנע זמירות. די

מלאכים פרייען זיך, וואַרפן צווישן זיך פאַרליבטע חתן־כלה בליקן, און דער האר"י מיט זיינע תלמידים קוקן מיט אַ פאַרגאַפּטן אָטעם צו.

זיין דיכטערישער טעמפּעראַמענט לאָזט אים ניט רוען. צוויי נשמות רוען אין אים, און ווי מאַגנעטן ציט אים יעדע איינע צו זיך. אַט ווערט ער פול מיט רעליגיעזן עקסטאַז און שרייבט אַן אַ הויך רעליגיעזן שיר, און אין אַ מינוט שפּעטער אַ ריין ליבעס ליד, אָדער שטיפט, וויצלט זיך, קריטיקירט פילע אָנגעזעענע מענטשן, לאַכט זיי אויס, מאַכט זיי מיט זיין בייסענדע סאַטירע צו שפּאָט.

און ווען שיינע פרויען און חנוודיגע מיידלאַך בעטן אים אָנ־צושרייבן זיי אַן אויטאָגראַף אַלס אַנדענקונג, לאָזט ער זיך ניט פיל בעטן און מיט דער זעלבער לייכטזיניקקייט שרייבט ער אויף אַ פּאַכער אָן גראַציעזע פערזן, שאַרפזיניקע עפּיגראַמן, אויף וואָס זיינע מקובלים־חברים זיינען גאָר ניט צופרידן.

און טראָץ דעם, זעט ער אין די קבלה זיין הויפּט וועלט, דער עיקר אין זיין לעבן, און זי איז זיין אָנהאַלטונג. אין איר גייסט שרייבט ער די שענסטע לידער, פול מיט בייַנקעניש צו דער גאולה און פול מיט האָפנונג אויף די אויפריכטונג פון ירושלים של מטה צוזאַמען מיט ירושלים של מעלה.

זיין מאַטעריעלע לאַגע אין צפת איז ניט גלענצענד געווען. דערצו האָט ער פיל פּערזענליכע צרות אַריבערגעטראָגן. אַ קורצע צייט נאָך דעם טויט פון זיין איינציק קינד, שטאַרבט אים די ווייב. אין עטליכע חדשים שפּעטער ליידט ער פון אַן אַלגעמיינעם אומגליק. צפת ווערט איבערגעפאַלן פון ווילדע דרוזן, וועלכע האָבן די אידן ראַבירט. פילע אידן האָבן זיך קוים מיטן לעבן געראַטעוועט און הויל און נאַקעט אַנטלאָפן אין די נאָענטע שטעט און דערפער. צווישן די פליכטלינגע זיינען אויך געווען רבי משה נאַג'אַראַ און זיין זון ישראל.

זי זיינען אַנטלאָפן קיין דמשק. דאָ האָט זי אַ ביסל אָפּ־געגליקט. דער פּאָטער ווערט אויפגענומען אַלס רב און דרשן אין דריי שולן וועלכע באַלאַנגען צו דריי באַזונדערע און פאַר־שידענע קהלות. דער זון ווערט אין זיין זכות אָנגעשטעלט אַלס דרשן, חזן און שרייבער פון דער קהילה. אַלץ צו ביסלאַך: אַ שטיקל דרשן, אַ שטיקל חזן און אַ שטיקל שרייבער. די לעצטע פּראָפעסיע איז אים אַם מערסטענס ליב, און שטאָלצירט מיט איר. אין דער הקדמה צו זיין ספר „מימי ישראל" באַטאָנט ער זייער שטאַרק: „ספרא דמתא אנא"–בין שטאָט שרייבער. דער ליטע־טעראַט אין אים האָט זיין באַפרידיקונג געפונען.

כל זמן זיין פּאָטער האָט געלעבט, האָט אים קיין פּרנסה ניט געפעלט. אין יאָר 1581 שטאַרבט פּלוצלונג דער פּאָטער, און גלייך נאָכן טויט הויבן זיך אָן פאַר דעם דיכטער פרישע צרות. זיינע געגנער, שונאים און ניט פאַרגינער, הויבן אים אָן רודפן. מען באַנוצט זיך מיט אַלע מיטלען צו פאַרלוימדן זיין נאָמען און אים מקפח זיין די פּרנסה. זיין געדריקטע לאַגע האָט דער דיכטער אויסגעדריקט אין זיין קלאָג ליד אויף זיין פּאָטערס טויט און אין זיינע בריוו צו פריינט.

ער האָט דעם טאַטענס טויט זייער שטאַרק באַדויערט, וויל ער איז געבליבן אָן שטיצע, אָן פריינט און אָן שום מיטלען צו עקזיסטירן.

און געוויינט איז ער צו לעבן אַ „גוטן טאָג". באַזועצנדיק זיך אין דמשק, די נאַטור־שיינע שטאָט, וועלכע איז רייך מיט שיינע לאַנדשאַפטן, איז אַרומגערינגעלט מיט גערטנער און קוואַלן און דער לעבן איז אַזוי לייכט, אַזוי פריילאַך און אַזוי אַנגענעם צו געניסן. נאַג'אַראַ מיט דעם פולן לעבענס־לוסט, האָט זיך אין דעם לעבן אַריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן דורשט פון זיין ליידענ־שאַפטליכן טעמפעראַמענט. דאָ האָבן זיך פאַר דעם דיכטער אויפגעעפענט אַלע טירן. האָט זיך באַקאַנט מיט אַראַבישע דיכ־

טער און פלעגט מיט זיי זייער אָפט פאַרברענגען. אמת, הול־טייעוון פלעגט ער ניט, האָט ניט געבראָכן דעם צוים פון צניעות, אָבער אין די קאָפּע הייזער ווו עס פלעגן אויפטרעטן שיינע אַראַבישע זינגערינס, איז נאַג'אַראַ געווען אַן אָפטער גאַסט. צייטן פלעגט ער אַליין אַרויסטרעטן אַלס „מינגען זינגער". אַ שיינע שטימע האָט ער געהאַט, און מעלאָדיען צו זיינע לידער פלעגט ער אַליין צופּאַסן, און ביי אַ גלעזל וויין איז געווען זייער לייכט איבערריידן אים דאָס ער זאָל זיך שטעלן זינגען אין שיינק, אָדער אין גאַס, ווו אַ געזעמל מיט מענטשן פלעגן אים אַרומרינגלען און מיטהעלפן אים אין זינגען.

פאַר אַ מקובל און שליח־צבור איז דאָס ניט איבריק שיין, און דאָס פלעגט אַרויסרופן פאַרדרוס ביי זיינע חברים, די מקובלים פון דמשק, און זיי פלעגן אים האַלטן אין איין מוסרן פאַר זיין דאָזיקע פירונג, זוכן אים אַרויסצושלעפן פון זומפּ, דערווייטערן אים פון זיינע שלעכטע חברים. רבי חיים וויטאַל האָט ניט איין מאָל זיך אָנגעביזערט אויף אים, און נאַג'אַראַ פאַר־שפּרעכט אים אָוועקצוואַרפן זיינע שלעכטע מנהגים. וויטאַל האָט די גרעסטע אַכטונג צו זיינע לידער און זיינע פּזמונים זיינען זייער חשוב ביי אים, אָבער נאַג'אַראַ איז אים צו דערווידר. ער שרייבט איבער אים: „זיינע פּזמונים זיינען זייער גוטע, אָבער אים אַליין איז ניט כדאי צו דערמאָנען. זיין מויל איז שטענדיק פול מיט נבול פה און איז שטענדיק שכור". און אין אַ צווייטן פלאַץ, ווערט דערמאָנט וועגן אַ גלגול וואָס איז אַריין אין דער טאָכטער פון איינעם פון די מקובלים אין דמשק, ר' רפאל ענו, ווו וויטאַל האָט דעם גלגול געוואָלט אַרויסטרייבן און דער רוח האָט געהייסן ברענגען אייניקע מקובלים, זיי זאָלן אַנוועזענד זיין בשעת ער וועט אַרויס פון דער מיידלס קערפּער. מען האָט אים אָנגעפרעגט, אויב מען זאָל אויך רופן דעם „חכם" ישראל נאַג'אַראַ, איז דער רוח אַ פאַרציטערטער געוואָרן און אָנגעהויבן שרייען:

„ניין, ניין! למען השם! ניט רופן אים, ער איז אַ רשע"! זעלבסט־פאַרשטענדליך, דאָס וויטאַל האָט פיל איבערטריבן. פון אַנדערע קוועלן ווייס מען, דאָס נאַג'אַראַ האָט זיך ערלויבט צו געניסן פון לעבן נאָר ביז אַ גרעניץ און דאָס ער איז זייער פרום געווען.

אַ שטאַרקער געגנער צו נאַג'אַראַ איז אויך געווען דער מקובל רבי מנחם די־לאָנזאַנאַ, וועלכער האָט זיך אויך גערעכנט פאַר אַ פּאָעט און פלעגט שרייבן שירים. לאָנזאַנאַ האָט קריטיקירט ניט נאָר דעם דיכטער, אויך זיינע שירים זיינען אים ניט געווען לרצון. דער מוזיקאַלישער נאַג'אַראַ פלעגט די מעלאָדיען צו זיינע שירים און פזמונים צופּאַסן נאָך די אַראַבישע, טערקישע און שפּאַנישע מעלאָדיען. נאַג'אַראַ האָט ערקלערט דאָס ער טוט דאָס, כדי אָפּצוגעוויינען די אידישע יוגענט צו לייענען לידער אין פרעמדע שפּראַכן און וועלן נאָר אָפּגעבן זיך מיט העברעאיש. די־לאָנזאַנאַ אָבער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ חלול־הקודש, און אפילו די יעניקע לידער וואָס זיינען געשריבן לויט דעם גייסט פון קבלה און זיינען ביי דעם האר"י חשוב געווען, האָבן ניט נושא חן געווען אין די אויגן פון לאָנזאַנאַ. עס איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען, דאָס נאַג'אַראַ האָט זיינע קריטיקער געגעבן גערעכט און האָט אויף זיי קיין שום בייזן געפיל ניט געטראָגן. אין עטליכע יאָר שפּעטער איז אים אויסגעקומען צו טאָן וויטאַלן אַ טובה, האָט ער זיך דאָס ניט ענטזאָגט צו טאָן.

אין דמשק ווערט אים דער פלאַץ איינג, און דער דיכטער הויבט אָן אַרומצוּוואַנדערן. איז אַ היבשע צייט נע־ונד, גייט פון שטאָט צו שטאָט, ניט געפינענדיק אַ מקום מנוחה.

ענדליך שטעלט ער זיך אָפּ אין ברוסאָ, די נאָענטע שטאָט צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָ געפינט ער אַ אידן אַ נדיב און אַ ליבּ־האָבער פון פּאָעזיע, חיים בן חיים, וועלכער נעמט אים אונטער זיין שוץ. דורך זיין השתדלות, ווערט נאַג'אַראַ אויפגענומען אַלס חזן. ער באַקומט דאָ זיין אַנערקענונג אַלס דיכטער, און די

חשובסטע פון שטאָט, זײַנען צװישן זײַנע פרײַנט און פאַרערער.

פונקט װי עמנואל הרומי, האָט אונטער דעם שוץ פון דעם „שר ונדיב" געקראָגן אַמביציע צונויפנעמען זײַנע געזאַמלטע שירים, אַזוי אויך נאַג'אַראַ. דער נדיב חיים בן חיים, האָט אים געגעבן די מעגליכקײט אַרויסצוגעבן זײַנע שירים אין בוכפאָרם. ער גיט אַרויס נאָר אַ קלײן טײל, זײַנע שירים האָבן זיך שוין דאַמאָלס געצײלט אין די הונדערטער.

זײַן נאָמען דערגרײכט אויך אין אַנדערע שטעט. זײַנע לידער, װאָס פון אײן זײט זײַנען געשריבן מיט אַ רעליגיעזן פּאַטאָס און דורכגעדרונגען מיט די שטאַרקסטע נאַציאָנאַלע געפילן, און פון דער צװײטער זײט—פול מיט לעבן, פול מיט שײנהײט, פול מיט גײסט און מיט אַ זין פאַר עסטעטישעס, דערצו דער שײנער פאָרם און גראַציעזער ריטם און איבערהויפּט—די שײנע, זיסע מעלאָדיעס װאָס זײַנען צו זײ צוגעפּאַסט, האָבן אים געמאַכט באַליבט בײַ דער יוגענד און עס איז ניט געװען קײן אידישע הויז אין טערקײַ, ארץ ישראל, סיריען, פּערזיען און איטאַליע, װאָס מען זאָל ניט זינגען נאַג'אַראַס לידער, סײַ די „שירי קודש" און סײַ די „שירי חול".

יהודה אריה די־מאָדינאַ שרײַבט איבער אים מיט לויב און באַגײַסטערונג: „לא קם עוד בישראל כישראל".

מיט זײַן פּאָפּולאַריטעט אַלס דיכטער, רעכנט מען זיך אויך אין דער „פּאָעטישער אַקאַדעמיע" אין סאַלאָניק. דאָס איז געװען אַ מין ישיבה װאָס דער דיכטער און מעצענאַט גדליה אבן־יחיא, האָט געגרינדעט װוּ די מערסטע העברעאישע משוררים פלעגן זיך אויפהאַלטן, פלעגן זיך פלײַסן אײנער דעם אַנדערן אַריבער־צושטײַגן אין דעם קונסט צו שרײַבן פּאָעזיע. נאַג'אַראַ װערט אָנ־גענומען אַלס מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע, און שיקט זײ רעגל־מעסיק זײַנע שירים, װעלכע װערן געלײענט מיט באַגײַסטערונג,

און דער גרינדער און שטיצער פון דער אַקאַדעמיע, פלעגט זײ לאָזן דרוקן.

און צווישן די אַלע משוררים וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין סאַלאָניק, איז נאַג׳אַראַ געווען דער איינציקער וואָס איז געווען באַרעכטיקט צו דעם נאָמען משורר. די אַלע זיינען מערסטענס געווען רעליגיעזע דיכטער, אָדער קינסטלער צו פלעכטן גראַמען, שרייבן קליינע אַפּאָריזמען און מכתמים בלשון נופל על לשון. נאַג׳אַראַ איז געווען דער דיכטער, וואָס זייט יהודה הלוי און משה אבן עזרא, איז ניט געווען ווי ער. האָט פאַרמאָגט דעם נאַציאָנאַלן גייסט פון דעם ערשטן, דעם רעליגיעזן פאַטאָס פון צווייטן, די שאַרפקייט פון אברהם אבן עזרא און פליסענדן סטיל פון עמנואל הרומי. איז פיל קלענער געווען פון די אַלע אויבנדערמאָנטע דיכטער, אָבער אַ ניצוץ פון זיי אַלעמן האָט זיך אין אים פאַראייניקט און זיין פּאָעזיע איז דאַריבער אַזוי האַרמאָניש, זיינע געפילן אַזוי צאַרט, און זיינע תפלות דאַריבער אַזוי האַרץ־באַרע־כענד און אָנגענומען ביים פאָלק. דעם גאַנצן צער פון דער אומה האָט אַן אָפּקלאַנג געפונען אין זיינע פּזמונים, אָבער זיין מוזע איז פול מיט טרייסט און האָפנונג אויף דער גאולה. און מיט די צאַרסטע טענער האָט ער דאָס אויסגעדריקט אין זיינע פאַרבייַנקטע לידער. זיי זיינען אין אַ געוויסן זין אמתע פאָלקס־לידער. זיין שיר „יונה הומיה", איז ביז היינטיקן טאָג איינע פון די שענסטע פאָלקס לידער. די טויב—די כנסת ישראל—האָט שטענדיק געדינט אַלס טעמע צו אַלע העברעאישע דיכטער, אָנהויבנדיק פון בדגיאת און רבי יהודה הלוי ביז צו לעטעריס. אַלע האָבן די אידישע שטרעבונג צו אויסלייזונג, אַריינגעלייגט אין דעם ברום פון דער פאַרוואָגלטער טויב. אָבער ווי פאַרבייַנקט, ווי צאַרט קלינגען די ווערטער ביי ישראל נאַג׳אַראַ:

„יונה נדה מקנה
על גולה תרחף

תפרוש כנף במגנה
באין אונים תעופף.

שור גולה אהלה
אהלה כוסף
בזבולה כבתחלה
בחרה הסתופף.״

און ווי ערמוטיקט איז דער לעצטער פערז:

„לעיר מהוללה נאוה
תעלה אסיר תקוה
אז ישיר ברוב חדוה
ובידו תוף יתופף.״

דער וואַנדערן און נע־ונד לעבן איז אים דערעסן געוואָרן, און כאָטש נאַג׳אַראַ האָט אין ברוסא געלעבט בשלוה, געהאַט כבוד און פרנסה, געפינענדיק זיך אונטער דעם שוץ פון זיין פאַר־ערער, האָט זיך אים פאַרביינקט נאָך דמשק, און דריי יאָר נאָך זיין אָפּוועזענד, קערט ער זיך צוריק קיין דמשק ווו ער פאַר־בלייבט אַ לענגערע צייט, הייראַט צום צווייטן מאָל און האָט מיט דער צווייטער פרוי דריי זין.

זיין לעבן נעמט איצט אָן אַן אַנדער אינהאַלט. נאַג׳אַראַ איז שוין מער ערנסט, גיט זיך שוין ניט אָפּ מיט טרייבן לצנות און אַרומדרייען זיך איבער די שיינקען. זיין ליבלינג, די קבלה, גיט ער ניט אויף, אָבער מערסטענס גיט ער זיך אָפּ אין שאַפן נייע לידער, צוגרייטן די אַלטע צום דרוק און אויף דער איניציאַטיווע פון חיים בן חיים גייט אַרויס אַ צווייטע, פאַרגרעסערטע און פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון דעם „זמירות ישראל״. דער ספר איז איינגעטיילט אין דריי חלקים: „עולת תמיד״—צוויי און צוואַנ־ציק שירים אויף יעדן טאָג פון דער וואָך; „עולת שבת״—צוויי און פופציק שירים, לויט דעם אינהאַלט פון דער סדרה; „עולת

החודש"—זיבן און זעכציק שירים לכבוד ראש חדש און יום־טובים.

אין דער איצטיקער אויסגאַבע האָט ער די אַלטע לידער אויסגעבעסערט און איבערגעאַנדערשט. עס איז וויכטיק צו באַמערקן, דאָס נאַג'אַראַ האָט באַזעסן אַ געזונטן חוש פאַר קריטיק, און מערסטענס איז ער געווען שטרענג צו זיך זעלבסט. זיינע יוגענד־לידער איז ער אינגאַנצן מבטל, און די שפּעטערדיקע—האָט ער פיל איבערגעשריבן, אויסגעמעקט דאָס וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר נבול פה, האָט שענערע און איידעלערע אויסדריקן צוגעגעבן.

ווי עס ווייזט אויס האָבן זיינע לידער אים אַריינגעבראַכט אַ ביסל פרנסה און זיין ספר איז פאַרקויפט געוואָרן, וואָרום אין עטליכע יאָר אַרום דרוקט ער אַ צווייטע זאַמלונג פון זיינע לידער און בריוו צו זיינע פריינט, מיטן נאָמען „מימי ישראל". דער „מימי ישראל" ענטהאַלט זעקס אָפּטיילונגען. וועלכע דער מחבר רופט זיי אָן „נהרות"—טייכן. אין דעם ספר געפינען זיך אַ סך געלעגנהייטס־געדיכטע וואָס דער מחבר האָט געשריבן צו זיינע חברים און פריינט. פון דעם ווייסן מיר מיט וועמען נאַג'אַראַ איז געקומען אין באַרירונג און ווער עס איז אים נאָענט געווען. אייניקע פון זיי—רבי בצלאל אשכנזי, דער מחבר פון „שיטה מקובצת", דער רבי פון האר"י; די משוררים אברהם לחמי און יוסף אַלטאַראַס.

אַחוץ זיינע ריין ליטעראַרישע שאַפונגען האָט נאַג'אַראַ מחבר געווען אַ פירוש אויף איוב, אונטערן טיטל: „פצעי אוהב"; „מערכות ישראל", אַ פירוש אויף דער תורה; „שוחטי הילדים"—דינים פון שחיטה געשריבן אין חרוזים, און „מקוה ישראל"—פערציק דרשות. עס איז כדאי צו דערמאָנען דאָס נאַג'אַראַ איז געווען אַן אויסגעצייכנטער דרשן, און דאָס האָט פיל געהאָלפן צו זיין פּאָפּולאַריטעט און באַרימטהייט.

דער גרעסטער טייל פון זיינע שירים געפינען זיך נאָך ביז היינט בכתב־יד. אַ היבשן טייל פון זיינע פזמונים איז אין 1858 ערשינען אין וויען דורך דר. מרדכי צבי פרידלענדער.

געשטאָרבן איז נאַג׳אַראַ אין עזה, אין יאָר 1628. אין עזה האָט נאַג׳אַראַ פאַרבראַכט די לעצטע יאָרן זיינע אַלס רב. די דאָזיקע שטעלע האָט נאָך זיין טויט איבערגענומען זיין זון רבי משה, וועלכער איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם, און ווערט דערמאָנט אין „קורא הדורות״.

אין 1660 האָט זיך נאָך אין עזה געפונען אַן אייניקל פון רבי ישראל נאַג׳אַראַ. דאָס איז דער רב הכולל רבי יעקב נאַג׳אַראַ, וועלכער ווערט דערמאָנט אין דעם ספר „באר מים חיים״ פון רבי חיים וויטאַלס זון, שמואל. ער איז דער לעצטער וואָס איז אונדז באַוווסט פון דער פאַמיליע נאַג׳אַראַ.

אַלס דיכטער איז נאַג׳אַראַ געווען דער לעצטער פונק וואָס האָט אַ בליץ געטאָן צווישן די ספרדישע אידן אין טערקיי. די קולטורעלע ירידה, וועלכע האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבן גלייך נאָך דעם טויט פון שמואל אושקי, האָט דורך נאַג׳אַראַ אַ פלאַם געטאָן. דער פלאַם האָט אָבער ניט געהאַט די הערצער וועמן אָנצוצינדן. ער איז דער לעצטער שטערן וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דעם הימל פון די ספרדישע פּאָעזיע. ער איז דער לעצטער שטערן, אָבער ניט אַ געפאַלענער. אַלס דיכטער האָט נאַג׳אַראַ דערגרייכט די העכסטע שלמות.

אַלס מענטש איז נאַג׳אַראַ געווען אַ מוסטער פון פרומקייט, גוטסקייט און ערליכקייט. טראָטץ דעם וואָס זיינע חברים פלעגן האָבן טענות וועגן זיין פירונג, איז נאַג׳אַראַ ווייט געווען פון אויסגעלאַסענקייט. ער איז טאַקע געווען וואָס מען רופט, אַ מענטש פון לעבן, אָבער די חברים האָבן פיל איבערטריבן און פיל מגזם געווען. ווען ער וואָלט ווירקליך אַזוינס געווען, גלויבט זיך ניט

דאָס ער זאָל יאָרן לאַנג פאַרנעמען אַן אַמט אַלס רב און דרשן אין אייניקע אידישע קהלות.

דערצו איז ער געווען איבערגעגעבן און געטריי צו יעדן איינעם, און פונקט ווי ער האָט געפילט די אַלגעמיינע צרות פון דער אידישער אומה, אַזוי האָט זיין צאַרט־פילענדע האַרץ גע־פילט דעם צער פון יעדן יחיד, און פון זיינע בריוו איז צו זען ווי וויט ער פלעגט ביי יעדער עת צרה וואָס איז געקומען אויף די אידן אין צפת, דמשק און ירושלים, זיך אינטערעסירן און זען צו העלפן זיי. זיינע בריוו ווו ער האָט זיך משתדל געווען אויף די גזרות און צרות וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ארץ ישראל און סיריען אין יענער צייט, האָבן דאַריבער אויך אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט.

דער האר"י הקדוש

א

זיין געבורט און יוגענד־יאָרן

דורות גאַנצע און הונדערטער יאָרן שוועבן אַרום נשמות, וואַרטן ביז זייער צייט וועט קומען אַרונטערגענידערט צו ווערן אויף דער וועלט און ווערן באַקליידט מיט דעם מענטשליכן קערפּער.

הויך, גרויס און הייליק זיינען די דאָזיקע נשמות און שווער איז דעם כביכול זיך צו שיידן מיט זיי. הויכע און הייליקע נשמות, וואָס דער דור איז ניט ראוי צו זיי.

און אויב דער דור איז ניט ראוי, איז אַ גרויסע סכנה אַרונטערצולאָזן זיי. סמאל און זיין כנופיא, האַלטען אָן אויג אויף זיי. די מלאכי חבלה זוכן זיי אַריינצוכאַפּן אין זייערע הענט און אַנשטאָט דאָס זיי זאָלן מתקן זיין די זינד פון דור, וועלן זיי נאָך מקלקל זיין.

און וואָס העכער און הייליקער אַ נשמה איז, אַלץ גרעסער איז די סכנה. די קליפה פאַרמעסט זיך מיט די כחות הקדושה און שטריינגט אַלע קרעפטן אָן די נשמה אין איר רשות צו באַ־קומען.

און וואָס הייליקער אַ נשמה איז, מוז זי וואָס מער יניקה באַ־קומען פון דער קדושה, מוז ווערן אויסגעלייטערט, אויסגעאיי־דעלט, און ביז זי באַהעפט זיך אין דעם זינדיקען גוף, מוז זי אין זיך איינזאַפּן די ניצוצות פון אַלע הייליקע נשמות, און אין זיך באַזיצן די קדושה פון יעדן צדיק הדור.

וואָרום אין דעם זכות פון די הויכע נשמות עקזיסטירט די וועלט און זייער אויפגאַבע איז צו מתקן זיין די זינד פון דור און די פגימות פון די פריערדיקע דורות, אויסצוראָטן די קליפה ביזן

וואָרצל, דערוועקן צו תשובה און דערנענטערן יעדן אידענס האַרץ צו זיין פאָטער אין הימל.

שוועבט די נשמה אַרום אין דעם היכל הנשמות, פלאַטערט אַרום דעם כסא הכבוד, שפּייזט זיך פון דעם זיו השכינה, ביז זי קומט צו דער העכסטער מדרגה און בשעת עס קומט איר צייט אַרונטערצוגיין אויף דער וועלט, איז זי שוין בתכלית השלימות. געבענטשט און געקושט פון דער שכינה און באַגלייט פון גוטע מלאכים, נידערט זי אַרונטער און באַהעפט זיך אין דעם חומר, אין דעם מענטש וואָס אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן איר אָפּצו־היטן, צו האַלטן איר ריין, דורך זיינע מעשים טובים דערהויבן איר נאָך העכער, ביז איר צייט קומט צוריק אין הימל אַרויפ־צוגיין.

און אַזאַ הייליקע נשמה איז מיט פיער הונדערט יאָר צוריק אַרונטער אויף דער ערד. עס איז געבאָרן געוואָרן אַ קינד, וואָס איז געוואָרן אַ ליכט צו אַלע אידן, דאָס ליכט וואָס אירע שטראַלן לייכטן ביז היינטיקן טאָג. דאָס איז דער האר"י הקדוש!

ניט אין אַ דור יתום איז דער האר"י געבאָרן געוואָרן. אין דער צייט וואָס ער איז נתגלה געוואָרן האָבן געלעבט גרויסע מקובלים און צדיקים, ער איז אָבער געווען די ליכטיקסטע ערשיינונג אין די וועלט פון די מקובלים, די שענסטע פּערזענליכקייט וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן. אין אים זיינען פאַרקערפּערט געוואָרן די אַלע שטרעבונגען פון די מקובלים פון יעדן דור. ער האָט דער־גרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון קדושה. האָט פון זיך אָפּ־געטרייסעלט יעדעס פּיצל חולין און בייגעקומען די אַלע פגימות פון דער קליפה, איז געקומען צו דער מדרגה פון דער העכסטער אצילות, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען ווי אַ מלאך וואָס איז געקומען דורכצופירן אַ הייליקע שליחות. „דמי לבר אלהין"— האָט מען אויף אים געזאָגט נאָך בשעת זיין לעבן, און דאָס

פאָלק האָט אים געזען אין דעם געשטאַלט פון אַ קדוש, פון אַ הייליקן.

אַ קדוש מבטן, געהייליקט נאָך אין דער מוטערס בויך. איידער ער איז געבאָרן געוואָרן האָט מען אין הימל אויסגערופן דאָס אַ גרויסע ליכט וועט זיך באַווייזן אויף דער וועלט. דער־ציילט די לעגענדע, דאָס איידער דער האר״י איז געבאָרן גע־וואָרן, האָט אליהו הנביא זיך באַוויזן צו זיין פאָטער און געזאָגט אים: „זיי וויסן דאָס איך בין געשיקט פון גאָט, דיר אָנזאָגן, דאָס דיין ווייב וועט טראָגדיק ווערן און דיר געבוירן אַ זון, וואָס וועט זיין אַ ליכט צו די אידן און באַשיינען די גאַנצע וועלט. ער וועט די אַלע סודות פון דער הייליקער תורה און פון זוהר פאַר־שטיין און צו אַלעמען זיי אַנטפּלעקן. ער וועט די אַלע נשמות וואָס זיינען מגולגל געוואָרן, מתקן זיין און וועט העלפן די אידן, וועט זיי ראַטעווען פון די קליפּות און דורך אים וועט די גאולה קומען״.

אליהו הנביא זאָגט אים אויך ווי ער זאָל דאָס קינד אַ נאָמען געבן. יצחק, אַזוי וועט ער הייסן. און אויך פאַרזאָגט ער אים שטריינג קיינעם די זאַך ניט צו דערציילן, און אויך דאָס צום ברית וועט ער זיך ווידער באַווייזן צו אים און וועט זיין סנדק פון קינד.

און צום ברית, בשעת מען האָט דאָס קינד געבראַכט אין שול, צוגעטראָגן אים צום כסא של אליהו צו מל זיין, שטייט דער פאָטער אַן אונרואיקער, וואַרפט אַלע מינוט בליקן צום טיר און צו יעדן ווינקל פון שול. מיט אַ פלאַטערענד האַרץ קוקט ער אויס אויף דעם אָנזאָגער פון דער גוטער בשורה, אויף אליהו הנביא, וועלכער האָט זיך פאַרשפּעטיקט צו קומען. דער עולם אין שול איז אומרואיק, שרייט דאָס מען זאָל דעם קינד שוין מל זיין. דער פאָטער הערט אָבער ניט. וויל דעם סוד ניט אויסזאָגן, האָט אָבער גרויס צער טאָמער האָבן זיינע זינד גורם געווען

דאָס די הבטחה פון אליהו זאָל ניט מקוים ווערן. פון האַרץ קלעמעניש פאַרגייט ער זיך אין אַ געוויין, און פּלוצלונג באַווייזט זיך אליהו, ווישט אָפּ די טרערן פון זיינע אויגן, טרייסט און באַרואיקט אים: „ניט וויין, קנעכט פון גאָט. איך האָב זיך פאַרזאַמט כדי אויסצופּרווון דיר צו דו וועסט היטן מיין פאַרזאָג. דערנענטער זיך צום מזבח און זיי מקריב דיין עולה, די עולה־תמימה אָן אַ שום פּגם, צו גאָט". אליהו הייסט אים זיך זעצן אויף זיין שטול. לייגט דאָס קינד אַרויף אויף זיין שויס און איז אים מל. זעלבסטפאַרשטענדליך דאָס אויסער דעם פאָטער, האָט קיינער דאָס ניט געזען. אָבער ברייַנגענדיק דאָס קינד אין שטוב, האָבן אַלע באַמערקט דעם גרויסן וווּנדער: די ווּנד האָט זיך גלייך פאַרהיילט, פּונקט ווי עס וואָלט געווען ניט דער ערשטער טאָג נאָר דער „שמיני למילה".

ער איז געבאָרן אין ירושלים, אין יאָר 1534. די שטוב אין וועלכע דער האר"י איז געבאָרן געוואָרן שטייט נאָך ביז היינטיקן טאָג. נאָענט פון דער חורבת רבי יהודה החסיד, דורכגייענדיק עטליכע קליינע, שמאָל־איינגע געסלאַך, אַרויף און אַרונטער אויף ברייטע און שמאָלע טרעפּ, קומט מען צו צו אַ האַלב איינגעפאַלענעם הויף. אַ „חאַקורע"—אין דעם ירושלימער זשאַרגאָן. אַריבערגייענדיק די חורבה, נידערט מען דורך טרעפּ אַרונטער אין אַ קליינעם פון שטיינער אויסגעפּלאַסטערטן חצר, ווו לעבן די טרעפּ שטייט אַ קליין נידעריק שטיבל, אַ שטיבל מיט איין פענצטער נאָר, וואָס גייט אין חצר אַרויס.

האַלב פינצטער איז די שטיבל, אָן ליכט און אָן זונשיין, אָבער געפינט איר זיך אינווייניק נעמט אייך אַ מאָדנער מיסטעריעזער געפיל אַרום.

עפּעס איז די גאַנצע לופט אָנגעזאַפּט מיט סודות, איז פול מיט נשמות, און אין בין השמשות צייט, בשעת צוזאַמען מיט די שאָטנס אויף די ווענט פאַלט אַריין די לעצטע שטראַלן פון דער

פאַרגייענדער זון דוכט זיך אויס דאָס נשמות פון דורות לאַנג שוועבן דאָ אַרום, קומען זוכן זייער תיקון. עס דוכט זיך אויס דאָס נאָר אין אַזאַ שטיבל האָט געקאָנט אַזאַ ליכט אַ בליץ טאָן, דאָס נאָר אין אַזאַ הויז האָט דער האר״י געקאָנט געבאָרן ווערן.

פונקט ווי די ביאָגראַפיע פון האר״י איז כמעט געגוי באַוווּסט. אונדז איז ניט פרעמד די ענטוויקלונג זיינע פון זיין יוגנד ביז זיין טויט, די מערסטע איינצעלהייטן ניט פאַרנעבעלט, און דאָס איבעריגע דר'ינגן מיר פון די גרויסע צאָלרייכע לעגענדען וועלכע גיבן אַ גוטן באַגריף איבער זיין כאַראַקטער־פּסיכאָלאָגיע, אַזוי איז לגמרי אונבאַקאַנט און ניט באַוווּסט דער לעבן פון זיינע עלטערן. פון זיין מוטער ווייס מען נאָר דאָס זי איז געווען די שוועסטער פון מרדכי פראַנסיס, אַ רעגירונגס־באַאַמטער אין מצרים, וועלכער האָט דעם האר״י ערצויגן און אים געגומען פאַר אַיין איידים. אין איין אָרט ווערט אָנגעגעבן איר נאָמן. רבקה האָט זי געהייסן און איז געווען אַ „צנועה וחסודה" ווי יעדע אידישע פרוי איז איר צייט.

פון זיין פאָטער ווייסט מען עפּעס מער. זיין נאָמן איז געווען שלמה לוריע, און איז געווען אַ דירעקטע אָפּשטאַמונג פון רש״י. דער יחוס זיינער האָט זיך דורכדעם געצויגן ביז דעם תנא רבי יוחנן הסנדלר—אַן אָפּשטאַם פון דוד המלך.

דער שרייבער פון „שבחי האר״י" רימט אים אַלס אַ „תם וישר ירא אלהים וסר מרע"—פרום, ערליך און אָפּגעהיט פון שלעכט.

געוויס איז ער אויך געווען אַ איד אַ תלמיד־חכם. יעדענ־פאַלס, די פריער דערמאָנטע שבחים, זיינען אַ זעלבע מעלות וועלכע ברייגגען זייער באַזיצער צו השראת השכינה. ער האָט דאָך טאַקע זוכה געווען צו גלוי אליהו.

און נאָך אַ שטריך געפינען מיר אין אים, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש צו דערמאָנען. ער איז געווען אַ פאַרטראַכ־

טער, פאַרטיפט אין מחשבות און ליב געהאַט התבודדות. בשעת אליהו הנביא האָט זיך צו אים באַוויזן, ווערט אין „שבחי האר"י" דערציילט, האָט ער זיך איינער אַליין געפונען אין בית מדרש און געזעסן און געלערנט. מן הסתם איז דאָס געווען זיין שטענדיקע געוואוינהייט. דער חצר ווו דער האר"י איז געבאָרן, איז אויך אַ גוטער פלאַץ פאַר התבודדות.

עס איז אַ שטילער הויף, אָן שום אַנדערע שכנים און ער האָט זיכער די דאָזיקע וווינונג מיט אַ כונה אויסגעקליבן, כדי ער זאָל אומגעשטערט קענען זיצן און לערנען און פאַרטיפן זיך אין די סודות פון זוהר, וואָס ווי עס ווייזט אויס איז צו אים ניט פרעמד געווען.

עטליכע טריט גאַנג פון חצר, געפינט זיך דער אַרמענישער „דער" (קלויסטער) ווו אַנטקעגן איז אַ קליינער גאָרטן, וואָס פאַר אַ פאַרטרוימט צאַרט־פילנדע נשמה איז דאָס אַ דערפרישונג. איבערן צוים הייגנען אַראָפּ באַבלעטערטע צווייגן פון הונדערטע יאָרן אַלט לינדענבוימער, וויגן זיך, וויברירן און סודן זיך אין דער שטיל. אונטער דעם שאָטן פון די בוימער פלעגט ער זיכער זייער אָפט זיצן פאַרזונקען אין מחשבות. דער האר"י פלעגט אין זיין קינדהייט דאָ פאַרברייגגען. דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל זיך פאַרמאָסטן געגען דער קליפּה, און ביי דעם גליך־גליך־גלאַן קלאַנג פון קלויסטער גלאָקן, מכוון זיין הייליקע כוונות און טרערן פאַרגאָסן וואָס די טומאה האָט אין דער הייליקער שטאָט אַ שליטה...

כאָטש אַ תלמיד חכם, איז שלמה לוריע ניט געווען קענטיג אין שטאָט. זיין נאָמען ווערט קיינמאָל ניט דערמאָנט. פיליכט ווייל ער איז געווען אַן אַשכנזי. די אשכנזים זיינען דעמאָלט געווען אַ קליינע מינדערהייט אין ירושלים, האָבן זיך געפונען אין אַ קליינער צאָל און זיינען אין אַלע אַנגעלעגנהייטן געווען אונ־טערוואָרפן אונטער די ספרדים, וועלכע האָבן צו די אשכנזים

ניט אַרויסגעוויזן קיין אַכטונג. קיין איין אשכנזי האָט קיין שום אָמט ניט באַטראַכטן אין דער געמיינדע. אין גאַנצע צוויי הונדערט יאָר געפינען מיר נאָר איין אשכנזי אַלס רב אין ירושלים, דאָס איז דער באַרימטער גאון ר' יצחק ראַפּאָפּאָרט, דער מחבר פון „בתי כהונה".

אין עלטער פון אַכט יאָר ווערט דער האר"י אַ יתום. דער פאָטער איז געשטאָרבן און די פאַמיליע איבערגעלאָזן אין אַן עלענדן צושטאַנד. די מוטער איז אפילו ניט געווען ביכולת צו קויפן די נויטיקע ספרים פאַרן קינד, וועלכער האָט שוין געשמט פאַר אַ וווּנדערקינד און צו אַכט יאָר האָט ער שוין איבערגעשטיגן זיינע מלמדים אין לערנען. ניט קהל און ניט קיין יחיד האָבן זיך אינטערעסירט אין דעם קינד און געזאָרגט פאַר אים. די אָרימע מוטער האָט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ געמוזט פאַרלאָזן ארץ ישראל און גיין קיין מצרים ווו אין קאַירא האָט געוווינט איר פאַר־מעגליכער ברודער מרדכי, אַ באַאַמטער אויף דעם שטייער־אָפּצאָל.

דער ברודער האָט זיי אויפגענומען פריינטליך און זיך אונ־טערגענומען צו זאָרגן פאַרן קינד, דאָס ער זאָל קאָנען רואיק לער־נען. ער קומט אָן אין דער ישיבה פון דעם באַרימטן גאון ר' בצלאל אשכנזי, דער מחבר פון „שיטה מקובצת".

ביי דעם „שיטה מקובצת" האָט ער געלערנט קרוב צו זיבן יאָר. אַ קורצע צייט איז ער געווען אַ תלמיד פון רדב"ז. אין קבלה האָט ער דאַמאָלס זיך ניט אינטערעסירט, און האָט אפילו קיין ריכטיקן באַגריף ניט געהאַט פון דעם. אין נגלה האָט ער אָבער אַרויסגעוויזן גאונות. אין „שבחי האר"י" ווערט אָנגעגעבן דאָס אין צוויי יאָר צייט האָט ער מיט דעם גלאַנץ פון זיין תורה פאַר־טונקלט אַלע רבנים פון מצרים, און קיינער האָט זיך ניט געקאָנט אַנטקעגן שטעלן געגן אים און זיין גרויסע חריפות. ער שטייגט אויך איבער זיין גרויסן רבין און אַנשטאָט אַ תלמיד, ווערט ער זיין חבר.

ער העלפט אים אין שרייבן דעם „שיטה מקובצת". זיינע אַ שיטה אויף זבחים, פול מיט חריפות און בקיאות, איז בשעת אַ שרפה אין סמירנע, פאַרברענט געוואָרן.

צו פופצן יאָר האָט ער חתונה מיט זיין פעטערס מיידל. ער איז שוין דאַמאָלס געווען אַ פאַרטרוימטער, אַרומגעטראָגן זיך מיט רייכע פאַנטאַזיעס, און געזוכט צו שטייגן אין לערנען וואָס העכער, אַריינדריגען טיפער און דעגרייכן די טיפע סודות פון דער תורה. עס איז איבריק צו באַטאָנען דאָס ער איז געווען שרעקלאַך פרום און אָפּגעהיט אין יעדע מצוה. כאָטש מיט אַ נטיה צו התבודדות, איז ער ניט געווען אַזוי אָפּגעזונדערט פון מענטשן. ער פלעגט אַמאָל זיך אינטערעסירן אין קולטורעלע ענינים פון שטאָט. אויף אַ הסכמה פון די רבנים אין מצרים פון שי"ח, געפינט זיך דער האר"י צווישן די ערשטע חתומים.

צו זיבעצן יאָר ווערט ער באַקאַנט מיט קבלה. ווערט גלייך פאַרכאַפּט פון איר און זי ווערט זיין הויפּט אינטערעס. מיט דער קבלה האָט ער זיך באַקענט דורך אַ צופאַל. די שול ווו דער האר"י האָט געדאַוונט און געלערנט, פלעגט זייער אָפט קומען אַן אונבאַקאַנטער מאַן, פלעגט זיך זעצן פונקט געגן האר"י מיט אַן אָפּענעם געשריבן ספר אין האַנט און זיך מאַכן אַז ער דאַוונט. דער האר"י האָט דאָט באַמערקט און זייענדיק נייגעריק האָט ער אַ בליק געטאָן אין דעם כתב־יד און ווי פאַרגאַפט איז ער געוואָרן געפינענדיק אין דעם ספר וואונדערליכע סודות, צו אים ביז איצט אינגאַנצן אונבאַקאַנט. ער האָט זיך פון ספר ניט געקענט אָפּרייסן, און איז אַריינגעגאַנגען אין אַ געשפּרעך מיט דעם מאַן, בעטענדיק אים דאָס ער זאָל אים דערקלערן גענוי דעם אינהאַלט פון כתב־יד. דער מאַן איז געוואָרן צוטומלט, האָט גענומען שטאַמלען און צום סוף זיך מודה געווען דאָס ער האָט קיין שום אַנונג ניט וואָס עס טוט זיך אין דעם ספר. ער פאַרשטייט אפילו ניט די ווערטער, ווייל אים איז פרעמד דער אלף־בית. ער איז

אַ מאַראַן וואָס האָט זיך קוים מיטן לעבן געראַטעוועט פון דער אינקוויזיציע אין שפּאַניען. דורך אַ צופאַל איז דער ספר אַריינ־געפאַלן אין זיינע הענט, און אַזוי ווי ער שעמט זיך וואָס ער קען ניט דאַוונען האַלט ער שטענדיק דעם ספר מיט זיך אין שול, כדי מען זאָל ניט מערקן זיין עם־הארצות, און מען זאָל דיינקען דאָס ער דאַוונט פון אַ סידור גלייך מיט אַלעמען.

דער האר"י האָט גענומען זיך בעטן ביי אים דאָס ער זאָל אים דעם ספר פאַרקויפן. סיי ווי סיי האָט ער קיין נוץ פון אים. ער האָט אים אויך אָנגעבאָטן אַ סידור און צו געזאָגט אים אויסלערנען דאַוונען, אויב ער וועט אים דעם כתב־יד אָפּגעבן.

דעם מאַן איז אָבער דער ספר זייער טייער געווען און האָט בשום אופן זיך ניט געוואָלט שיידן פון זיין אוצר. אויף אַלע בעטעס פון דעם האר"י, ענטפערט ער: „איך בין גענוג רייך ניט צו דאַרפן עס פאַרקויפן, וועל פאַר כל הון דעלמא ניט אָפּגעבן דעם ספר".

אָבער נאָך פילע בקשות, האָט דער מאַן איינגעוויליקט אַוועקצוגעבן אים דעם ספר מיט אַ תנאי, דאָס זיין שווער, דער שטייער־באַאַמטער, זאָל באַפרייען פון שטייער אַלע סחורות וואָס ער וועט אַריינפירן אין מצרים. דער האר"י האָט ביים שווער געפועלט, און צו זיין גרויס גליק איז דער ספר אָנ־געקומען אין זיין רשות.

דער כתב־יד וואָס איז געווען דער זוהר, האָט גלייך אים פאַרכשופט, האָט אים אַרויסגעריסן פון דער סביבה אין וועלכע ער האָט זיך געפונען און געבראַכט אים פון איצט אָן און ווייטער זיך אָפּצוגעבן נאָר מיט קבלה.

אָן אַ לערער, אָן אַ מדריך און אָן אַ וועג־ווייזער, ברעכט ער זיך דורך אַ וועג אין דער ביז איצט פאַר אים אומבאַקאַנטע וועלט. צום אָנהויב איז אים די נייע תורה שווער געווען, אָבער ער שטריינגט אָן זיין גאַנצע ענערגיע, זיין גאַנצן געניוס, פאַרטיפט

זיך און דערגרונטעוועט זיך און טאָמער איז עפּעס צו אים שווער, פאַרנעבלט און קען דעם סוד ניט אַזוי לייכט דערגיין, דאַן היי־ליקט ער זיך, פאַסט, וויינט, בעט גאָט ביז מען איז זיך אויף אים פון הימל מרחם, און אין שלאָף באַלייכט מען זיינע אויגן.

כדי צו דערגרייכן זיין העכסטע שטרעבונג, דערווייטערט ער זיך פון מענטשן. זונדערט זיך אָפּ אפילו פון זיין הויזגעזינט. אויף זיין ביטע, גיט אים דער שווער אָפּ אַ קליינעם שטילן דאָרף נאָענט צו קאַירא. דאָ אין דעם שויס פון דער שיינער נאַטור, פּראַוועט דער יונגער מקובל התבודדות. צוזאַמען מיט דעם גע־זאַנג פון די פויגל קלינגט אין הימל אָפּ דער געזאַנג פון האר"י לערנענדיק אין וואַלד די סודות פון רבי שמעון בן יוחאי. בײַ־נאַכט זיצט ער אין זיין איינזאַמען געצעלט אויפן ברעג פון נילוס, זיצט פאַרטיפט אין מחשבות, זוכט איבערצוגעבן זיינע געדאַנקען אויפן פּאַפּיר, וואָס עס גיט זיך אים זעלטן איין. אין זיין יוגנט זיינען שוין זיינע געדאַנקען אַזוי רייך געווען און ווי שטורמדיקע כוואַליעס געשלאָגן, דאָס אים איז אוממעגלאַך געווען זיי צו פאַר־שרייבן.

זעקס יאָר האָט ער זיך מתבודד געווען, און נאָר מערב שבת לערב שבת פלעגט ער באַזוכן די הויז. די גאַנצע וואָך פלעגט ער, ווי געזאָגט, פאַרברענגען אין לערנען און פאַסטן, אין תפילות און טבילות, ביז זיין נשמה איז אַזוי אויסגעאיידעלט געוואָרן דאָס ער האָט זוכה געווען צו רוח הקודש. אליהו הנביא ווערט אין זיין געצעלט אַן אָפטער באַזוכער. פאַרשטייט ער עפּעס ניט, דאַן איז מען אים מגלה פון הימל דעם ריכטיקן פּשט. יעדע נאַכט האָט ער אַן אַנדער עליה, און אַרויפגייענדיק אין הימל נעמט מען אים אויף מיט דעם גרעסטן כבוד. די אַלע נשמות באַהעפטן זיך גלייך אין זיין נשמה, און ווער עס ציט אים שטאַרקער מיט דעם גייט ער לערנען. אַ מאָל איז ער זיך מתבודד מיט רבי אליעזר הגדול, אַ מאָל פאַרטיפט ער זיך אין אַן ענין

מיט רבי עקיבא. אַממערסטן פלעגט ער אויסקלייבן די ישיבה פון רבי שמעון בן יוחאי, זיך פאַרטיפן מיט אים אין די הייליקסטע סודות.

ווי עס ווייזט אויס האָט ער דורך די זעקס יאָר פון זיין התבודדות, אייניקע מאָל זיך אָפּגעריסן און באַזוכט זיין רבין, דעם רדב"ז. אַנומעלט האָט ער זיך צו אים אָנגערופן: „אין אייער ישיבה געפינען זיך דריי מיטן נאָמן יצחק". אויף דעם רדבז"ס פראַגע וואָס ער מיינט מיט דעם, האָט דער האר"י אים געענט־פערט: „איך און מיינע חברים אַפּומאַדו און פּאַסיי הייסן דעמ־זעלבן נאָמן. אָבער פאַרשידענאַרטיק זיינען אונזערע וועגן און די נשמות אונזערע. מיין אויפגאַבע איז קבלה, רבי יצחק אַפּור־מאַדו וועט זיין באַרימט אַלס גרויסער בעל סברא און רבי יצחק פּאַסיי—אַלס מפולפל". מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך געזעגנט מיט דעם רבין און די חברים, און זיך גענומען אָפּגעבן נאָר מיט קבלה.

צום ענדע פון די זעקס יאָר פון זיין התבודדות, קומט אויך די צייט פון זיין התגלות.

מצרים, די לאַנד פון טומאה, איז ניט דער אָרט פון וואַנען דאָס ליכט האָט באַדאַרפט אָנהויבן צו שיינען, און דער האר"י קערט זיך צוריק קיין ארץ־ישראל, און באַזעצט זיך אין צפת. לויט די לעגענדע האָט מען אים מן השמים אָנגעזאָגט דאָס די צייט פון זיין פטירה איז נאָענט, דאָס נאָך צוויי יאָר האָט ער צו לעבן און ער זאָל זיך צואיילן צו פאָרן קיין צפת. דער דור האָט מער ניט געקאָנט וואַרטן, און זיין התגלות איז אַ נויטווענדיקייט געווען.

ב

אין דעם נשמות־אויר פון צפת

חיי נשמות אויר ארצך.
(יהודה הלוי)

שטיל באַשיידן, ניט מאַכנדיק אויף קיינעם אַ רושם און ניט אַרויסרופנדיק קיין אינטערעס, איז די ערשטע צייט אַריבער

אויף דעם האר"י אין צפת. ער איז אָנגעקומען אין ענדע פון יאָר ש"ל. צפת איז דאַמאָלס געשטאַנען אויף דעם גרעסטן הויך פון איר גלאַנץ. עס האָבן דאָך דאַמאָלס געלעבט אין צפת די גרעסטע, פון גאַנצן פאָלק, אַנערקענטע גאונים. בנוגע צו קבלה האָט דאָך געלעבט דער ריז רבי משה קאָרדאָווירא, אַרום וועמען אַלע מקובלים זיינען געווען קאָנצענטרירט. היינט וואָס פאַר אַן איינדרוק האָט געקאָנט מאַכן דער פרעמדער, אונבאַקאַנטער יונגערמאַן, וועמעס נאָמען זיי האָבן אפילו ניט געהערט. יעדער מקובל, אפילו דער קלענסטער פון דער חבורה, איז דאָך געגן אים געווען באַרימט. קיין איינעם פון זיי איז ניט איינגעפאַלן דאָס אין אַ קורצע צייט אַרום וועט דער יונגער מקובל ווערן די וויכ־טיקסטע פערזענליכקייט צווישן זיי. דאָס דעם רבינס—קאָרדאָוויראָס—פלאַץ וועט פאַרנעמען ער און זיי אַלע וועלן ביי דעם שיין פון זיין זון זיך טאָן וואַרימען...

די ערשטע צייט לעבט דער האר"י אַלס אַ „נסתר", איז זיך עוסק במסחר. אַ גרויסן טייל פון טאָג איז ער פאַרנומען מיט האַנ־דעל, און די איבעריקע לערנט ער. די ערשטע צייט האָט ער געלערנט אַליין, פאַר זיך, ביחידות, און נאָר געציילטע מענטשן האָבן געוווּסט דאָס ער איז זיך עוסק בתורה. אייניקע נאָר האָבן געוווּסט דאָס ער אינטערעסירט זיך אין קבלה, אָבער מען האָט אים קיין אַכטונג ניט אַרויסגעוויזן. די מקובלים האָבן אים אפילו ניט געוואָלט מצרף זיין צו זייער חברותא. זיי האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ שטיקל „ידען" אין קבלה ענינים, וואָס קען מעיין זיין אין אַ ספר, וואָס אַזעלכע ווי ער האָבן זיך דאַמאָלס געפונען אין צפת אין די צענדליקע, און מען האָט זיך מיט זיי ניט גע־רעכנט.

זייענדיק באַשיידן און באַזיצנדיק די מדה פון ענוות האָט דער האר"י זיך ניט געשטופּט, און ניט געוואָרפן זיך אין די אויגן. אדרבה, צוליב זיין נטיה, צו התבודדות און זעלבסטפאַרטיפונג איז ער

צופרידן געווען וואָס ער זעט זיך ניט אַרויס און איז ניט קענטיג אין שטאָט. דאָך, האָט ער אייניקע מאָל געפּרווווט דרשענען איבער קבלה ענינים אין דעם בית מדרש פון די אשכנזים, אָבער דער רדב"ז האָט ניט דערלאָזן צו דעם און געזוכט צו שטערן אים צו דרשענען ווייטער. וואָס דער רדב"ז, וואָס איז געווען דער רבי פון האר"י אין נגלה און אויך אין נסתר איז ער געווען דער ערשטער אים אַ שטויס צו טאָן, האָט געהאַט צום האר"י, איז ניט באַקאַנט. פילייכט האָט ער זיך געשראָקן דאָס זיין יונגער תלמיד זאָל אַריינפאַלן אין גאוה און נעמן האַלטן פון זיך. די סברא איז אָבער מחייב, דאָס דער רדב"ז האָט פון זיינע ידיעות אין קבלה פּשוט ניט געהאַלטן. עס איז צו מערקן פון דער לע־גענדע וואָס ווערט דערציילט, דאָס נאָכדעם ווי דער האר"י האָט אים פאַרשפּראָכן ניט צו דרשענען מער, האָט זיך אליהו הנביא באַוויזן צום רדב"ז און אים פאָרגעהאַלטן וואָרום ער שטערט דעם האר"י צו דרשענען, און דער רדב"ז האָט אויף מאָרגן געשיקט רופן דעם האר"י, האָט אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד און לא די וואָס ער האָט אים ניט געשטערט צו דרשענען, פלעגט דער רדב"ז אַליין קומען הערן די דרשות.

גלייך ווי ער איז אָנגעקומען אין צפת, האָט דער האר"י גענומען באַזוכן די ישיבה פון קאָרדאָווירא, און געוואָרן איינער פון זיינע נאָענטסטע תלמידים. ווי יעדער מקובל, האָט אויך דער האר"י די גרעסטע אַכטונג געהאַט פאַר קאָרדאָווירא, און פאַרגעטערט אים. די ספרים פון קאָרדאָווירא זיינען צו אים ניט פרעמד געווען נאָך בשעת ער האָט זיך געפונען אין מצרים. עס איז פאַראַן אַ סברא דאָס די פּערזענליכקייט פון קאָרדאָווירא האָט דעם האר"י געבראַכט צו פאַרלאָזן זיין התבודדות־פּלאַץ און קומען קיין צפת, כדי פערזענליך צו זיך באַקענען מיט דעם גרויסן מקובל, זיך צו געפינען אין זיין אַטמאָספערע, זיך טולן צו אים און פון זיין מויל תורה צו לערנען.

די קורצע צײַט וואָס ער האָט זיך געפונען נאָענט צו קאָרדאָ־ווירא האָט דעם האר״י אַ ביסל באַקאַנט געמאַכט צווישן די מקובלים. קיין גרויס אַכט האָבן זיי אויף אים ניט געלייגט, זיי באַציִען זיך צו אים סקעפּטיש, כאָטש קאָרדאָווירא אַליין רעכנט זיך מיט אים ניט נאָר אַלס תלמיד, אויך אַלס חבר. זיי האָבן זיך ניט געקאָנט צוגעוווינען צום געדאַנק דאָס אַ מענטש וואָס זאָל האָבן גרויסע ידיעות אין קבלה, זאָל קיין ספר ניט שרייבן. אייניגע פון זיי האָבן געוואָלט זיך גרינדלאַכער ערקונדיקן אין זיין וויסן אין קבלה, איז ער אָבער געווען צו פיל פאַרטיפט אין זיך, צו פיל שווייגענד, דאָס ער זאָל זיך מיט וועמען עס איז אַריינ־לאָזן אין אַ טיפערן געשפרעך. שפּעטער, בשעת דער האר״י איז שוין געווען אַ ביסל באַוווסט, פלעגט אָפט דרשענען, זיינען עט־ליכע מקובלים אומיסטנע געקומען אים הערן, זיי האָבן אים אָבער כמעט ניט פאַרשטאַנען. פרעמד זיינען זיינע ווערטער געווען צו זיי, און שווער איז פאַר זיי געווען זיינע סודות צו פאַרשטיין. דער מחבר פון „שלחן ערוך״, מיט וועמען דער האר״י איז געשטאַ־נען אין נאָענטע באַציאונגען, האָט בפירוש געזאָגט, דאָס ניט ער פאַרשטייט דעם האר״י און אין זיין תורה איז ניטאָ וואָס צו פאַר־שטיין. קאַרו פלעגט אָפט קומען זיך צוהערן צום האר״יס דרשות, ער פלעגט אָבער גאַנץ געשמאַק אונטערדרעמלען. שפּעטער, בשעת דער האר״י איז נתגלה געוואָרן און איז געוואָרן דער העכס־טער אויטאָריטעט ביי אַלע מקובלים, האָט קאַרו זיין מיינונג איבער דעם האר״י געביטן. ווי באַקאַנט האָט קאַרו זיך מיט דעם האר״י מתחתן געווען. זיין טאָכטער האָט גענומען דעם האריי״ס זון. נאָך די „תנאים״ סעודה, ווען קאַרו האָט זיך אומגעקערט אין דער היים, האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין ווייב: „מיר איז שווער און אומעגליך איבערצוגעבן דעם גרויסן פאַרגניגען וואָס איך האָב עהאָט זוכה צו זיין צו פאַרשטיין די טיפע סודות וואָס דער האר״י האָט בשעתן עסן אַנטדעקט. די מלאכים אין הימל האָבן

ניט די זכיה צו וויסן פון די שרעקליכע סודות וואָס מיר האָבן געהערט. זיין נשמה קומט פון היכל הנבואה". דער האר"י אָבער האָט פון קאַרו אַלס מקובל ניט געהאַלטן. און אין געגנזאַץ צו אַלע זיינע פריינד, פלעגט ער אים קיינמאָל ניט ערמוטיקן און קיינמאָל אים ניט אויפמערקזאַם געמאַכט דאָס ער זאָל זיך פאַר־טיפן אין דער קבלה. ער האָט זיך ניט איין מאָל אויסגעדריקט דאָס די נשמה פון קאַרו איז ניט מסוגל צו פאַרשטיין אים, זי איז נאָר געקומען צו דער מדרגה צו פאַרשטיין קאָרדאָווירא, אָבער העכער קאָן זי ניט גיין...

דאַגעגן האָט דער האר"י שטאַרק געהאַלטן פון די גרויסקייט פון בית יוסף אַלס פוסק. איידער ער איז נתגלה געוואָרן, פלעגט ער מיט אים אָפט פאַרברייננגען אין דברי תורה. איינמאָל האָט דער האר"י זיך געוווענדעט צו אים מיט אַ שאלה וועגן דיני ממונות. די שאלה איז געדרוקט אין קאַרוס שאלות ותשובות ספר „אבקת רוכל". פון די שאלה זעט מען, דאָס דער האר"י איזווירקליך געווען אַ גדול אין נגלה און איז זייער שטאַרק באַהאַוונט געווען אין די אַלע שאלות ותשובות ספרים. די דאָזיקע שאלה איז דער איינציקער דאָקומענט אויף דעם האריי"ס גרויסקייט אין הלכה, ווייל די חדושים זיינע זיינען דאָך פאַרברענט געוואָרן און מיר האָבן קיין באַגריף ניט פון זיי. די „לקוטי ש"ס" וואָס מען איז מיחס צום האר"י, זאָלן זיי אפילו זיין פון אים געשריבן, זיינען זיי דאָך על פי קבלה און האָבן קיין שום שייכות ניט מיט נגלה. פון די תשובה וואָס קאַרו האָט אים געענטפערט, איז אויך צו זען דאָס ער האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן אַלס למדן. ער איז מסכים צו די סברא פון האר"י, און שרייבט אויף אים דעם טיטל: „החכם השלם", וואָס אין יענער צייט, בשעת די רבנים זיינען קאַרג געווען אויף געבן טיטלען, האָט דאָס פיל מער באַדייט ווי היינט „הגאון והמאור הגדול".

די גרעסטע צייט פון זיין וווינען אין צפת, איז דער האר"י

געווען מער נאָענט צו די אשכנזים ווי צו ספרדים. אין צפת האָט זיך דאַמאָלס געפונען אַ באַזונדער אשכנזישע קהלה. קיין תלמידי חכמים, ווער רעט רבנים אָדער מקובלים, האָבן זיך צווישן זיי ניט געפונען. פילייכט וויל דער האר"י איז ביי די ספרדים ניט קענטיק געווען, האָט ער געזוכט די ערשטע צייט צו דערנענטערן זיך צו אשכנזים, פון וועמן ער אַליין האָט אָפּגעשטאַמט. ווי פריער דערמאָנט, האָט ער די ערשטע דרשות געהאַלטן אין דעם אשכנזישען בית מדרש. ביי זיי איז דער ענין קבלה געווען אַזוי פרעמד, דאָס זיי האָבן זיכער אים ניט פאַרשטאַנען. עס ווייזט אָבער אויס, דאָס זיין פרומקייט, ערליכקייט און לומדות, האָבן אים געמאַכט באַליבט ביי זיי, פלעגן מיט אים שטאָלצירן און אַ גרויסער קהל פלעגן אים קומען הערן. געדאַווענט האָט ער לויט זיין אייגענעם נוסח—דער היינט באַקאַנטער „נוסח האר"י". אין יענע צייט האָט אַזאַ זאַך ווי משנה זיין דעם נוסח קיין גרויסן רושם ניט געמאַכט, אַזוי ווי עס האָבן די ערשטע צייט קיין איינדרוק ניט געמאַכט די באַזונדערע מנהגים וועלכע ער פלעגט זיך נוהג זיין.

פאַר זיין ביאָגראַף וועט אפשר זיין אינטערעסאַנט צו באַמערקן, דאָס דער האר"י האָט זיין אשכנזישע אָפּשטאַמונג שטענדיק באַטאָנט, אַזוי דאָס עס ווייזט אויס, דאָס ער האָט ניט געזוכט צו אַסימילירן זיך מיט די ספרדים, כאָטש ער האָט שטענדיק געהאַט מיט זיי אַ משא ומתן און זיינע תלמידים זיינען געווען ספרדים. זיין חתימה איז שטענדיק געווען: „יצחק לוריא אשכנזי". ספרדים באַטאָנען אויך שטענדיק, דאָס ער איז אַן אַשכנזי, און יעדער מחבר וואָס דערמאָנט אים, שרייבט אויף אים: „החכם האשכנזי". שדוכים מיט זיינע קינדער פלעגט ער שטענדיק טאָן מיט אשכנזים, אפילו זיין שנור, די טאָכטער פון דעם ספרדישן קאַרו, איז פון מוטערס צד געווען אַן אשכנזישע.

עס וועט אפשר אויך זיין אינטערעסאַנט זיך אָפּצושטעלן

אויף די קליידער וואָס דער האר״י האָט געטראָגן. פון אייניקע קוועלן ווייסן מיר דאָס די בגדים זיינע זיינען געווען די זעלבע וואָס די אשכנזים אין צפת האָבן אין יענער צייט געטראָגן. אין „שבחי האר״י" ווערט געבראַכט דאָס לכבוד שבת פלעגט דער האר״י זיך אויספוצן מיט אַ זשופיצע. אַ זשופיצע אַלס שבתדיקן מלבוש טראָגן נאָר אשכנזים. דער שרייבער פון „שבחי האר״י" האָט אפילו ניט געהאַט דעם געהעריקן נאָמען פאַר דעם אין העברעאיש, און האָט דאָס פאַרשריבן פונקט ווי ער האָט געהערט דאָס אָנרופנדיג אין האר״יס הויז. האָט דאָס פאַרשריבן מיט די העברעאישע אויסלייגאַכץ: „שופיצא".

אין אַ צווייטן פלאַץ געפינען מיר דאָס דער האר״י האָט געטראָגן אַ קאַפּעליוש. „קאַפּילוז" ווי דער ספרדי וויטאַל רופט דאָס אָן. אַ קאַפּעליוש מיט אַ דאַשק, אַזוי ווי עס טראָגן די אידן אין פּוילן. אין „מנהגי האר״י" ווערט געבראַכט דאָס אין די ווינטערדיקע שבתים פלעגט דער האר״י ניט טראָגן דעם קאַפּעליוש, דאָס איז ווייל דער דאַשק זעט אויס ווי אַ געצעלט, און באַשיצט פון אַ רעגן.

אוןווירקליך אויף די בילד וואָס מען גיט אָן אַלס דעם האריי״ס, זעען מיר אים אין אַזאַ סאָרט קאַפּעליוש, ווי אויבן געשילדערט און אַ שוואַרצע קאַפּאָטע.

איך בין ניט זיכער דאָס די בילד איז ווירקליך דעם האריי״ס. דער פּנים איז אפילו איידל, די אויגן פאַרחלומט, אָבער עס איז ניט אויסגעגאָסן אָט די צאַרטקייט און הימלשעס, וועלכע דאָס פאָלק שטעלט דעם האר״י פאָר אין זיין פאַנטאַזיע, און די אויגן ניט אַזוי ווייט פאַרטרוימט, פאַרבײנקט און פאַרטראָגן אין ווייטע וועלטן אין וועלכע דער האר״י האָט זיך געפונען. די בילד פּאַסט גיכער פאַר רבי שמשון אויסטריפּאָליער. זי איז צופיל גלותדיק, צו שטאַרק פאַראומערט, צופיל פאַרכמורעט, און דער האר״י וועלכער האָט אין זיך געטראָגן די גרעסטע באַפרייאונגס־האָפ־

נוגנען, דער שטאַרקסטער משיח־טרוימער, וואָס האָט זיך אַליין געזוען אַלס משיח בן יוסף, איז זיכער ניט געווען אַזוי מוטלאָז ווי דאָס בילד שטעלט אים פאָר. בפרט דאָס מיר וויסן דאָס דער הארי איז ווייט געווען פון עצבות, און אויף זיינע ליפּן האָט שטענדיק געשוועבט אַ לייכטער זיסער שמייכל. דאָס בילד האָט אין זיך קיין שום אָריענטאַלישעס ניט, אויסער דעם זייער לאַנגען עכט כאַראַקטעריסטיש אידישן בערגלדיגער נאָז.

איך שטעל זיך גיכער פאָר דעם הארי אין דעם געשטאַלט פון אַ פאַרטרוימט פאַרביינקט פּנים, ווייכע גוטמוטיקע טויבן אויגן, בלויע ווינקלען אָדערן און איידעל־צאַרטע שטערן־קנייטשן. גייט אָנגעטאָן אין ווייסע אָריענטאַלישע קליידער, אַ לייכטער ווייס־אַטלאַסענער קאַפּטאַן, פאַרגאַרטעלט מיט אַ ברייטן קאָלירטן גאַרטעל, וואָס די ברעגעס זעען אויס ווי פליגל, גייט פּאַמעליך, אָבער מיט לייכטע טריט ווי ער וואָלט געשוועבט, אין דער לופטן, און מיטן ווינט זיך דערהויבן, דערהעכערט זיך פון ערדישעס...

יעדענפאַלס איז דאָס ניט פון גרויס וויכטיקקייט, און איך באַריר דאָס נאָר אגב אורחא. אונדז אינטערעסירט מער זיין לעבן, זיין שיטה און זיין איינפלוס.

און גלייך ווי מיר טרעטן צו צום הארי, רופט ער אַרויס וווּנדער מיט זיין צוגעבונדענקייט צום לאַנד, זיין צאַרטן מיטפילן דעם נשמות־אויר אירן, זיין באַהעפטן זיך אין די אַלע נשמות פון דורות לאַנג, אַזוי דאָס אין זיין אַטמאָספערע זיינען זיי אַלע פאַראייניקט געוואָרן און צו איין שלמות, איין גאַנצקייט און איינ־הייט געקומען.

דער הארי איז ניט געווען דער איינציקער וואָס האָט דעם גייסט פון לאַנד אין זיך איינגעזאַפּט, יעדער מקובל האָט אין זיך געהאַט שפּרינקלאַך פון פריערדיקע נשמות וועלכע האָבן ווי צאַרטע טויבן פליגלען אין זייערע הערצער אַן אָפּקלאַנג געהאַט,

דערהויבן זיי, די מוחות קלערער געמאַכט און די הערצער ברייטער—צו פאַרנעמען די סודות. ביי זיי איז דאָס אָבער געווען אַ נעבן־זאַך, זיי האָבן געלערנט קבלה צוליב קבלה. ביים האר״י איז די קבלה ניט געווען סתם אַ למוד, נאָר אַ נויטווענדיקייט צו מתקן זיין די נשמות פון די אַלע דורות, זייט אדם הראשון ביז איצט, מתקן זיין די פּגימות און זינד, און אַזוי צוריק ברייגגען דעם קרוין פון דער יצירה, דעם מענטש, צו די העכסטע מדרגה פון אצילות, דערהויבן אים צו דער מדרגה פון „אדם העליון״. דער לערנען קבלה איז דאַריבער לויט זיין מיינונג אַ חוב, און די וועלכע האָבן אין זייער לעבן דאָס פאַרנאַכלעסיקט אָדער זייער נשמה איז ניט מסוגל געווען צו דעם, מוזן זיי פון דאָס ניי באַשאַפן ווערן, מוזן מגולגל ווערן, ווידער קומען אויף דער וועלט אום דאָס צו מתקן זיין.

און דער האר״י וואָס זיין הויפּט שיטה איז געבויט אויף דעם ענין פון גלגול, אויף דעם שורש פון נשמות, האָט דעם נשמות אויר פון צפת געפילט מער פון אַלעמען.

צו ווייל ער איז געבאָרן אין ירושלים און האָט נאָך אין זיין פריסטן יוגענט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גאַנצן נשמות לופט, צו ווייל ער איז געווען אַ פּאָעטישע נאַטור און באַגאַבט מיט אַ רייכע פאַנטאַזיע,—גלייך ווי ער איז געקומען אין צפת, הויבט ער אָן אויפצולעבן די אַלע נשמות פון די מלכים, פון די נביאים, פון די תנאים און אמוראים, געפינט דעם שורש פון יעדע איינע לויט אירע מעשים נאָך, און די גלגולים וועלכע זי האָט געמאַכט און באַדאַרף נאָך דורכמאַכן.

צפת איז אַ שטאָט פון הוילע קברים וואָס האָט געשאַפן אַן אַטמאָספערע פאַר די מקובלים. נאָך אלקבץ און קאָרדאָווירא פלעגן זייער אָפט גיין לערנען און מתפלל זיין דאָרט. דער הויפּט איז געווען דער קבר פון רבי שמעון בן יוחאי אין מירון. פון די איבעריגע קברים, איבערהויפּט פון אונבאַקאַנטע, האָט מען קיין

באַגריף ניט געהאַט. דער האר"י אָבער האָט–ווי עס שרייבט זיין תלמיד וויטאַל–געזען און אײַנגעקוקט זיך אין די נשמות פון די צדיקים פון יעדער צייט און יעדער אָרט. איבערהויפּט בשעת ער האָט זיך געפונען אויף זייערע קברים, וואָס ווי באַוווּסט רוען דאָרט זייערע נשמות. פון ווייטנס האָט ער געפילט די נשמה פון צדיק וואָס שטייט ביי איר קבר, און אַזוי האָט ער גע־וווּסט דעם קבר פון יעדן צדיק, האָט גערעט מיט זיי און פון זיי פילע סתרי תורה געלערנט.

און אַזוי פלעגט דער האר"י זיך אַרומשפּאַצירן איבער די סביבות פון צפת, פלעגט אָפּריכטן התבודדות אין נאָענטע דער־פער, פלעגט זוכן זיך באַהעפטן אין די נשמות פון די פאַרגאַנגענע דורות. איז אים שווער עפּעס אַן ענין, האָט ער באַדאַרפט נאָר געפינען אַ רמז אין אַ פסוק פון הושע, ירמיה אָדער יחזקאל, אַ מימרא פון אַ תנא און אמורא, א מאמר פון זוהר אָדער פון תיקונים, און מיט זיין פאַנטאַזיע אַריבערטראָגן זיך אין די אַטמאָ־ספערע פון יענעם תנא אָדער אמורא, און מיט זיין הייליקן גייסט אַנטדעקן די קברים זייערע, די מערות אין וועלכע זייערע ביינער האָבן זייער רו געפונען, אויסמעסטן זייערע קברים און זיך אָנ־זאַפּן מיט זייער נשמה לופט...

די נשמות האָבן פאַר זיינע אויגן געשוועבט, ממש אָנצוטאַפּן זיי מיט די הענט. בשעת ער פלעגט זיך שטעלן דאַווענען, פלעגן הונדערטער נשמות ווי טויבן קומען צופליען, זיך שטעלן אַרום אים, באַהעפטן זיך מיט אים, פלעגן פאַרפירן געשפּרעכן מיט אים, מגלה זיין אים סודות אָדער בעטן אַ תיקון ביי אים.

און ניט נאָר אין די נשמות פון די פאַרגאַנגענע דורות, אויך די וואָס האָבן אין זיין צייט געלעבט, זיינע חברים און תלמידים, האָט ער אין זייערע נשמות ענטדעקט דעם שורש און ניצוץ פון די פריערדיקע נשמות, און זיי געשטעלט אין דער קאַטעגאָריע צו וועלכער זיי באַלאַנגען און אין דעם פּלאַץ פון וואַנען זיי

זיינען געגומען געוואָרן. אַלע דורות, סיי די פאַרגאַנגענע, סיי די וואָס לעבן איצט און סיי די וואָס באַדאַרפן געבאָרן ווערן ביז משיח וועט קומען, זיינען ביי אים געווען ווי איין גאַנצעס וועזן, און אַזוי האָט איין נשמה אַ שייכות צו דער צווייטער, איינע ציט איר יניקה פון די ערשטע, אַזוי ביז די ערשטע אָריגינעלע נשמה פון אדם הראשון. אדם הראשון איז דער גרויסער בוים וואָס פון יעדער אבר זיינעם האָבן זיך ווי צווייגן, אַנטוויקלט און אויסגע־וואָקסן נייע נשמות און איינע אָן די צווייטע קאָנען ניט קומען צו אַ גאַנצקייט. דאַריבער האָט ער אין יעדן איינעם געזוכט צו געפינען זיין פריערדיקן שורש, און מיר זעען אים אויסרעכנען יעדן איינעם פון זיינע תלמידים דעם ניצוץ פון זיין נשמה. זיין רייכע פאַנטאַזיע האָט אים גלייך געגעבן אַ פאַרגלייך. אָט למשל האָט ער אויף דעם אלשיך געזאָגט דאָס אין אים רוט די נשמה פון ר' שמואל בר נחמני; דער מקובל ר' אברהם הלוי ברוכים, אויף וועמען מען האָט געזאָגט דאָס די שכינה האָט זיך צו אים באַוויזן בשעת ער איז געשטאַנען און געוויינט ביים כותל־מערבי—אַ ניצוץ פון ירמיהו הנביא, און אַזוי וועגן די איבעריגע תלמידים, וואָס מיר וועלן באַרירן אין אַ קומענדן קאַפּיטל.

ניט נאָר מענטשן, נאָר אויך אין חיות, עופות און רמשים, האָט דער האר"י געזען דעם ניצוץ פון אַ נשמה. אויך פלאַנצונגען און שטיינער, האָט ער באַטראַכט אַלס אַ לעבעדיקן וועזן, אַ וועזן מיט אַ נשמה, אַ גלגול פון אַ צדיק אָדער אַ רשע, וואָס וואַרט אויף איר תיקון און אויסלייזונג. ער האָט געזען—ווערט אין „שבחי האר"י" דערציילט—די ווינטן און פלעגט הערן זייערע געשפרעכן, דעם וויבּרירן פון די בוימער און גראָזן, דעם געזאַנג און שעפּטשן פון די פויגלען. אפילו דעם זשומען פון פלאָם האָט אין זיין האַרץ אַן אָפּקלאַנג געהאַט און עס האָט זיך אויסגעדוכט דאָס אַן עלנדע נשמה קלאָגט און באַיאָמערט איר ביטערן מזל...

און אין דערדאָזיקער אַטמאָספערע פון נשמות האָט דער

האר"י געזוכט זיין אייגענע נשמה צו דערקענען, זיין אייגענעם תיקון צו באַקומען, דערגרייכן צו דער מדרגה צו וועלכע זי שטרעבט.

ג

ערב זיין התגלות

פון פריערדיקן קאַפּיטל ווייסן מיר דאָס ביז די התגלות פון האר"י, האָבן די מערסטע מקובלים זיך באַצויגן צו אים מיט גרינגער שעצונג, האָבן געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ, און אייניקע פון זיי האָבן געפּרוּווט אין גאַנצן מבטל זיין אים. דאָך אַ קורצע צייט איידער דער האר"י איז „אָפיציעל" נתגלה געוואָרן און פון אַלעמען אַנערקענט געוואָרן אַלס דער גרעסטער אויטאָריטעט איבער קבלה, האָט זיך זיין פּערזענליכקייט געמערקט אין שטאָט. די ערשטע פון וועמען דער האר"י האָט אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט, איז געווען דער המון. די מאַסע, וואָס ווי עס ווייזט אויס, פלעגט דער האר"י מיט זיי אָפט קומען אין פאַרבינדונג אי צוליב זיין געשעפט און אי דורכדעם וואָס ער פלעגט פאַר זיי אָפט דרשענען, האָבן אים רעספּעקטירט און ביסלאַכווייז אים גענומען פאַרגעטערן. דאָס איז זיכער צוליב זיינע גוטע מדות, זיין צדקות און פרומקייט. און זיינע מדות און מנהגים זיינען אויסערגעוויינליך מאָראַליש און עטיש געווען. איבערהויפּט די יעניקע וואָס זיינען נוגע בין אדם לחברו. ווענגן דעם איז דער האר"י געווען אַזוי שטרייַנג אָפּגעהיט, האָט דאָס דורכגעפירט אין לעבן מיט דער גרעסטער מסירת נפש, אַזוי דאָס ער איז פאַר פילע פשוטע מענטשן געווען אַ מוסטער און זיי פלעגן זיך משתדל זיין אין זיינע וועגן צו גיין.

שפּעטער, בשעת דער האר"י איז געווען באַרימט און אַרומגערינגלט פון זיינע תלמידים, האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן צו וויסן

יעדע קלייניקייט וואָס איז אים נוגע. יעדע באַנעמונג זיינע, יעדן ווונק און יעדן פּינטל פון אויג, איז פון זיי ניט פאַרהוילן געווען. אָבער איידער ער איז נתגלה געוואָרן, האָט מען אויף זיינע אויסערגעוויינליכע פּירונגען קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געלייגט. נאָר פון די שפּעטערדיקע באַשרייבונגען פון רבי חיים וויטאַל ווייסן מיר ווי שטאַרק דער האר״י איז פון זיין יוגענט אָן געווען אָפּגעהיט צו באַצאָלן זיינע אַרבעטער זייער לוין אין צייט. ער איז געווען אַזוי שטאַרק נזהר אין „לא ילין שכר שכיר אתך" דאָס פיל מאָל פלעגט ער זיך ניט שטעלן דאַווענען מנחה, אויב ער האָט ניט געהאַט צו באַצאָלן די אַרבעטער. ער פלעגט אַרומגיין לייען, ביז ער האָט די סומע באַקומען, און נאָכדעם פלעגט ער מיט אַ ריינעם געוויסן זיך שטעלן דאַווענען. „ווי אַזוי קאָן איך בעטן צו גאָט—פלעגט ער שטענדיק זאָגן—אַז איך האָב אַזאַ וויכטיקע מצוה ניט מקיים געווען". רואיק און געלאַסן פלעגט דער האר״י ווירקן פריער אויף דעם פּשוטן פּובליקום און שפּעטער, אויף זיינע תלמידים, דאָס זיי זאָלן אין דער דאָזיקער מצוה שטאַרק זהיר זיין.

עס ווערט דערציילט דאָס אַ מאָל איז צו דעם האר״י געקומען דער באַרימטער גאון רבי משה גאַלאַנטי, וועלכער איז דאַמאָלס געווען דיין אין צפת און געבעטן אים דאָס ער זאָל אים געבן אַ תיקון פאַר זיין נשמה. צום אָנפאַנג האָט דער האר״י געזוכט זיך אַרויסצודרייען פון דעם, און זיך פאַרענטפערט דאָס ער איז ניט ביכולת דאָס צו טאָן. אָבער דער אַלטער גאַלאַנטי האָט זיך גענומען כעסן און באַשוואָרן אים צו זאָגן אים דעם אמת. דער האר״י האָט רואיק געענטפערט: „איך זע אויף אייער שטערן אָנגעשריבן דאָס איר האָט עובר געווען אויף דעם לאו: „לא תעשק את רעך ולא תגזל" און ניט ווילנדיק זיינט איר פאַראַנטוואָרטליך פאַר ספק גזל". גאַלאַנטי איז גלייך אַ דערשלאָגענער אַוועק צו זיך אין דערהיים, האָט זיך געוואָרפן אין אַש, געקלאָגט

און געוויינט וואָס ער איז נכשל געוואָרן אין אַזאַ שווערער זינד. שפּעטער איז אים איינגעפאַלן נאָכצוזוכן זיינע חשבונות, און גערופן צו זיך די אַלע מיט וועמען ער האָט געהאַט אַ משא ומתן און געבעטן בײַ זיי צו דערמאָנען זיך טאָמער איז ער זיי עפּעס שולדיק געבליבן. ווי די מערסטע אידן אין צפת אין יענער צײַט, האָט אויך גאַלאַנטי זיך אָפּגעגעבן מיט דעם האַנדל פון פאַרטיקע קליידער, האָט געהאַט וועבערײַ פאַבריקן און באַשעפטיקט פילע אַרבעטער, און ער האָט געדיינקט טאָמער האָט ער ווען עס איז מקפּח געווען דעם שכר פון איינעם פון זיינע אַרבעטער. אָבער קיין איינער פון זיי, אַ חוץ איין פרוי, האָבן זיך ניט געקאָנט דערמאָנען דאָס דער רב זאָל זיי עפּעס בלייבן שולדיק און בפירוש געזאָגט דאָס זיי זיינען אים אַלעס מוחל במחילה גמורה. די פרוי אָבער האָט געזאָגט דאָס נאָך איר רעכנונג האָט מען איר פאַר אַ געוויסע אַרבייט, באַצאָלט מיט צוויי „פאַרעס" (פּרוטות) ווייניקער. אָט דאָס איז געווען דער ספק גזל, און גלײַך ווי זי האָט דאָס באַקומען, איז די זינד פון זיין שטערן אָפּגעמעקט געוואָרן און דער האר"י האָט אויף מאָרגן אים געזאָגט דאָס ער האָט גאָר ניט צו זאָרגן, זיין נשמה נויטיקט זיך ניט מער אין אַ תקון, ווייל זי איז לויטער און ריין פון זינד.

אַזוי איז ער אויך געווען שטאַרק אָפּגעהיט אין געבן צדקה. פלעגט טיילן מער ווי זיינע קרעפטן פלעגן אים ערלויבן. נאָך מער—פלעגט אַליין גיין זוכן די אָרימע לייט, פלעגט אין דער שטיל נאָכפאָרשן וועגן די נויטבאַדערפטיקע, און אין דער שטיל זיי צו שיקן זיינע נדבות. אין „שבחי האר"י" ווערט דערציילט דאָס איין מאָל האָט דער האר"י אין מיטן לערנען מיט די תלמידים זיך פאַרטראַכט, און נאָכדעם מיט אַ טרויעריקע שטימע געזאָגט „ברוך דין האמת". אויף דער פראַגע פון די תלמידים: וואָס ער מיינט מיט דעם, האָט דער האר"י געענטפערט: ווייסט דאָס איצט איז אין הימל אַ גרויסער קטרוג אויף אונדז און עס איז אויס-

גערופן געוואָרן דאָס היישעריקן זאָלן איבערפֿאַלן צפת און פֿאַרדאַרבן אַלע תבואות, בוימער און גראָז, דאָס איז צוליב אַ געווּיסן אָרעמאַן, וואָס ליידט הונגער און קיינער קוקט זיך אויף אים ניט אַרום, ווייס ניט פֿון זיין צער און זעט ניט צו שטילן זיין הונגער. לאָמיר שוין די מינוט צוזאַמענקלייבן עטליכע מטבעות, און דאָס אים איבערגעבן און בעטן מחילה ביי אים, און אפשר וועט די זינד אונדז פֿאַרגעבן ווערן און מיר וועלן ניצול ווערן פֿון דער סכנה. און כך הוה. דער האר״י און די תלמידים האָבן צו־נויפגעלייגט זיך און דעם אָרעמאַן צוגעשיקט אַ היבשע מטבע, און זיך געשטעלט מתפלל זיין, בעטן גאָט דאָס ער זאָל די שלעכ־טע גזירה אָפּטאָן פֿון זיי, און אין מיטן דער תפלה, איז דער וואָלקן פֿאַרשווונדן פֿון האר״ס פּנים, האָט גענומען לייכטן און האָט זיך אָנגערופֿן: דאַנקן גאָט! דער אָרעמאַן האָט אונז מוחל געווען און די גזירה איז צוריקגערופן געוואָרן. און פּלוצלונג איז דער הימל פֿאַרוואָלקנט געוואָרן, אַ שטאַרקע פֿינצטערניש, געדיכט אָנ־צוטאַפּן, האָט גענומען הערשן, מחנות היישעריקן זיינען געקומען צו פֿליען. אַ שרעק אַרויסצוּוואַרפֿן! אָבער עס איז באַלד געקומען אַ שטאַרקער ווינט, האָט די היישעריקן ווייט פֿאַריאָגט, די זון האָט ווידער גענומען שיינען און דער אויר איז אויסגעליי־טערט געוואָרן.

אָט די פּירונגען זיינע. איבערהויפּט זיין פֿרומקייט און צדקות, זיין פּשוטן באַשיידענעם לעבן, זיין העפֿליכקייט און ליבליכקייט צו יעדן איינעם, און דערצו–וואָס ער איז געווען באַקאַנט אַלס תלמיד חכם, האָט געבראַכט דאָס מען זאָל דעם האר״י מצרף זיין צו די געזעלשאַפֿטליכע ענינים פֿון צפת. ריכטיקער–אין קולטורעלע און רעליגיעזע אַנגעלעגנהייטן, דאָס ווייסן מיר פֿון דעם וואָס מען האָט דעם האר״י אויפגענומען אַלס איינעם פֿון די „ממוני העבירות״. דאָס האָט די שטאָט אויסגעקליבן צען גרויסע תלמידי חכמים און חסידים דאָס זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף דעם

מאַראַל פון שטאָט, זען דאָס עס זאָלן קיינע זינד ניט געשען. יעדן פרייטיק האָבן די ממונים אָדער משגיחים זיך געדאַרפט צונויפ־קומען און איבערגעבן וואָס זיי ווייסן עפּעס וועגן זינד וואָס זיינען דורך דער וואָך פאָרגעקומען און נאָכדעם פלעגט מען נעמען די מיטלען דעם זינדיקן צו באַשטראָפן. אָבער כאָטש דער האר"י איז געווען דער הייליקסטער און אָפּגעהיטער פון זיי, כאָטש ער האָט פאַר אַן עבירה געציטערט מער פון זיי, דאָך פלעגט ער ניט לאָזן שטעלן סתם אויף רכילות, און שטעמפלען אַן אונשולדיקן פאַר אַ חוטא. עס ווערט דערציילט דאָס איינער פון די ממונים, האָט קומנדיק גאַנץ פרי אין שול, באַמערקט פון אַ צווייטן חצר אַרויסגיין אַ שיינע פאַרפּוצטע פרוי. דעם ממונה איז דאָס אויפ־געפאַלן, און האָט איר גענומען נאָכגיין, זען ווו זי וועט גיין. זי איז ווירקליך אַריין אין אַ הויז ווו עס האָט געוווינט אַ מאַן מיט אַ שלעכטן נאָמן. דער ממונה איז ביי זיך זיכער געווען, דאָס ער האָט פאַר זיך אַ פרוי אַ מופקרת, און אויף מאָרגן געמאַכט אַ גוואַלד דאָס חטאים קומען פאָר אין שטאָט, און געפאָדערט דאָס מען זאָל דער פרוי גלייך מקיים פּסק זיין, אָבער דער האר"י האָט אים באַרואיקט און געזאָגט דאָס איידער מען איז איבער־צייגט דאָס די פרוי איז שולדיק, טאָר מען ניט מוציא שם רע זיין אויף אַ אידישע טאָכטער. מען האָט אין דער שטיל גענומען חוקר ודורש זיין און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָס דער האר"י איז גערעכט געווען. דאָס די פרוי איז אונשולדיק און ריין פון זינד. דער האר"י האָט זיך אויף דעם ממונה אָנגעבייזערט, און געפאָדערט ער זאָל גיין בעטן מחילה ביי דער פרוי.

דאָס האָט פּאַסירט אַ קורצע צייט איידער זיין התגלות. געוויס האָט דער פאַקט געמאַכט אַ רושם. פילע האָבן אים גע־נומען האַלטן פאַר אַ בעל רוח הקודש, אָבער פילע האָבן פון דעם קיין וועזן ניט געמאַכט. איינער האָט גענומען אויסלאַכן דעם האר"י און אָפּשפּאָטן פון אים, אויף וואָס דער האר"י האָט געזאָגט דאָס

דער מענש איז אַ ניצוץ פון קרח, דאַריבער קריגט ער זיך מיט אים. אַנדערע ווידער, זיינען געווען אין ספק. צוויי גרויסע תלמידי חכמים, וועלכע האָבן אויך ניט איבריק געהאַלטן פון אים. האָבן זיך אונטערגענומען אויסצופּרובירן אים, זיך איבער־צייגן צו איז ער ווירקליך גרויס. עס ווערט דערציילט דאָס קומנדיק צו אים, האָבן זיי אים געטראָפן שטייענדיק אין דרויסן. זיי האָבן זיך אָנגערופן: „דו ביזט דאָס דער נביא וואָס ווייס וואָס עס טוט זיך אין יעדן איינעמס האַרץ?" דער האר"י האָט זיי באַ־שיידן געענטפערט: „חס וחלילה, בין ניט קיין נביא און ניט קיין זון פון אַ נביא". אָבער תּוך כדי דבור, איז פאַרבייגעגאַנגען אַ מענטש און זיך אָנגערירט אין האר"י. דער האר"י האָט זיך אָנגע־רופן: „זאָל דיר גאָט פאַרגעבן אויף דעם וואָס דו האָסט געבראַכט דאָס צוליב דיר זאָל איך עטליכע מאָל זיך מוזן טובל זיין". די מענטשן זיינען אים נאָכגעגאַנגען און נאָך אַ חקירה ודרישה, האָט ער זיך פאַר זיי מודה געווען אַז ער איז באַגאַנגען אַ גרויסע עבירה.

און דאָך האָט דער האר"י זיך געפונען איינזאַם, כאָטש אים האָט זיך שטאַרק געביינקט נאָך עמיצן וואָס זאָל אים פאַרשטיין, וואָס זאָל אים מיטפילן, און וועמען ער זאָל די אַלע סודות פון זיין נשמה אַנטפּלעקן. דער איינער, וועלכער דער האר"י האָט געוווּסט דאָס ער איז דער מאַן וואָס איז ראוי פון אים צו לערנען, דער וואָס איז שפּעטער ווירקליך געוואָרן זיין תלמיד, דאָס איז רבי חיים וויטאַל, האָט פון האר"י זיך אויסגעלאַכט און געהאַלטן זיך פיל גרעסער פון אים. וויטאַל, וואָס לויט דער לעגענדע איז דער האר"י געקומען קיין ארץ ישראל נאָר צוליב אים, האָט דעם האר"י אויסגעוויכט, כאָטש דער האר"י האָט עטליכע מאָל גע־שיקט אים רופן.

איינזאַם, איינער אַליין פלעגט דער האר"י קלעטערן איבער די בערג פון גליל, פלעגט אין די שטילע ליכטיקע לבנה נעכט

זיך שיפן איבער דעם כנרת, און פון די שטערן זוכן צו דערגיין די סודות פון דער יצירה...

ד

אין דעם שיין פון זיין ליכט

כ"ג תמוז פון יאָר ש"ל איז צפת געווען אײַנגעהילט אין טרויער. דער טאָג איז דוקא געווען אַ זעלטן שיינער, דער הימל בלוי און לויטער, אַ וואָלקן ניט צו זען. די זון האָט מיט איר גאַנצן פּראַכט געשיינט און מיט אירע גאָלדענע שטראַלן די שטאָט פאַרפלייצט. אָבער די הערצער זיינען פאַרכמאַרעט און פאַר וואָלקנט, פול מיט אומעט און נאָגונג. איבער די הויכע בערג פון צפת האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע פּראָצעסיע. גאַנץ שטאָט איז אַרויס באַגלייטן צו זיין אייביקער רו דעם גרעסטן און הייליקסטן, דעם שטאָלץ און קרוין פון זייער קאָפּ, רבי משה קאָרדאָווירא.

אין אונאָרדנונג, דערשלאָגן און מיט געבויגענע קעפּ, זיינען געגאַנגען די חברים און תלמידים, און נאָך זיי—קהל. ר' יוסף קאַרו האָט אַ הספד געהאַלטן, האָט ביטער באַוויינט דעם גרויסן נפטר, האָט מיט ווייטאָק אויסגעשריען: „יתומים היינו ואין אב"!—

שטיל, אָפּגעזונדערט און אַ ביסל ווייט פון עולם, אין דער האר"י נאָכגעגאַנגען די מטה. האָט ניט גערעדט, ניט געוויינט. די אויגן זיינען ברייט אויפגעעפנט געווען און ווייט פאַרטראָגן. אין זעאונג איז צו אים אַנטפּלעקט געוואָרן דאָס וואָס קיינער האָט ניט באַמערקט. ער האָט געזען צוויי פייער־זיילן גייען פאָראויס די מטה, שטעלן זיך אָפּ אויף דעם פּלאַץ וווּ דער קבר באַדאַרף אויסגעגראָבן ווערן. און בשעת מען האָט דעם מת אַריינגעלייגט אין קבר, די לעצטע לאָפּעטע ערד איז אַרויפגעשאָטן געוואָרן, האָט דער האר"י זיך נאָך אַלץ ניט געקענט אָפּרייסן פון דער וווּנדערליכער זעאונג. אין דעם פלאַם פון די „עמודי אש" האָט ער זיך

זעלבסט דערהויבן, געפּלויגן העכער און העכער... איצט ערשט נאָך דעם פאַרשווינדן פון די פייער־זײַלן, האָט ער זיך ווידער געפונען צווישן דעם קהל, און פאַרלאָזנדיק מיט אַלעמען גלייך דעם פרישן קבר, האָט מען אים געהערט מורמלן: „משה אמת ותורתו אמת״.

און גייענדיק צוריק פון דער לויה, איז ניט ווילנדיק אַרויף די פראַגע: „ווער וועט זיין פלאַץ פאַרנעמען?״ די פראַגע איז געלעגן אויף אַלעמענס ליפּן, אָבער קיינער האָט ניט געהאַט דעם מוט דאָס אַרויסצוריידן. די איינהייט פון די מקובלים און די גאַנצקייט פון צענטער, האָט געפאָדערט דאָס אַ פערזענליכקייט וועמן אַלע זאָלן פאַרגעטערן און רעספּעקטירן, זאָל שטיין אָן דער שפּיץ. אַ מאַן ארום וועמן אַלע זאָלן זיך קאָנען גרופּירן און אין דעם שיין פון זיין ליכט זייערע נשמות צו וואַרימען...

צווישן די אַלע מקובלים האָט זיך ניט געפונען דער פּאַסיקער מאַן וואָס זאָל זיין ראוי קאָרדאָוויראָס פּלאַץ צו פאַרנעמען. אלקבץ איז שוין צו אַלט געווען. קאַרו איז ביי זיי קיינמאָל ניט פאַררעכנט געווען אַלס גרויסער מקובל. די אינגערע מקובלים — פּיליכט האָט זיך צווישן זיי יאָ געפונען איינער וואָס וואָלט דעם רבינס פלאַץ געקענט פאַרנעמען, און אפשר האָט טאַקע יעדער איינער ביי זיך אין האַרצן געטראַכט דאָס ער איז דער איינציקער וואָס איז ראוי צו ווערן דער מנהיג, אָבער קיינער פון זיי האָט ניט געוואַגט זיינע טרוימען אַרויסצוברייגען פון מויל. און אפשר טאַקע צוליב דעם עס זאָל ניט קומען צו מחלוקת און עס זאָל ניט פאָרקומען קיינע רייסערייען, האָט מען באַשלאָסן דוקא אויסצוקלייבן אַ פרעמדן, ניט פון זייער קרייז, כדי עס זאָל ניט קומען צו קנאה. און אַזוי האָט פּלוצלונג אַ בליץ געטאָן דער געדאַנק: פּיליכט איז ער דער אויסדערוויילטער, דער איינציקער וואָס איז ראוי קאָרדאָוויראָס פּלאַץ צו פאַרנעמען.

און ווי איינער וואָלט געפילט דעם צווייטנס מחשבות, האָט

מען זיך גענומען שושקען, סודן זיך, און אומקערנדיק זיך אין שטאָט האָט מען שוין באַשטימט געוווסט דאָס דער אשכנזי, חכם יצחק לוריע, ווערט זייער פירער און מדריך.

ניין! ניט אַ פירער האָט דער האר"י געזוכט צו ווערן. איז צופיל עניו געווען, דאָס ער זאָל זוכן צו שטיין אָן דער שפּיץ. ער האָט נאָר געוואָלט האָבן געציילטע וואָס זאָלן אים פאַר־שטיין, יחידי־סגולה וואָס זאָלן זיין ראוי צו זיין זיינע תלמידים. דאָס וואָס ער איז איבערנאַכט געוואָרן באַרימט און אין שטאָט האָט מען גענומען ריידן פון אים און קוקן אויף אים ווי אויף אַ הייליקן, האָט געבראַכט דאָס אייניקע מקובלים זאָלן זיך דער־נענטערן צו אים, און אַזוי האָבן זיך צונויפגענומען אַ היבשע צאָל תלמידים.

צו זיין פלוצלונגדיקע באַרימטהייט שרייבט מען צו אַ וואונדער. אַ מעשה פון אַ דיבוק וואָס דער האר"י האָט מיט דעם כח פון זיינע השבעות אַרויסגעטריבן. עס גלויבט זיך ניט אַז דאָס איז געווען די סבה צו זיין אָנערקענונג. עס איז מעגליך דאָס די פּאַ־סירונג האָט אים מער פּאָפּולער געמאַכט ביי דעם פשוטן המון, אָבער עס איז ניט גענוג געווען דאָס די מקובלים זאָלן זיך מיט דעם רעכענען. מעשיות מיט גלגולים איז אין צפת קיין נאָווינע ניט געווען. אַ קורצע צייט איידער דער האר"י איז אין צפת אָנ־געקומען, האָט פּאַסירט די „מעשה נורא" מיט דעם דיבוק, וואָס אלקבץ מיט זיינע חברים האָבן אַרויסגעטריבן. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען אליהו פּאַלקאַן, דער גרעסטער געגנער פון האר"י.

עס איז אויך ניט זיין גרויסקייט אין קבלה וואָס האָט גע־בראַכט זיין אָנערקענונג. ביז די תלמידים האָבן זיך צוגעוווינט צו זיין שיטה און אויפגעכאַפּט זיינע רמזים, איז זיי זייער שווער געווען צו פאַרשטיין אים. ניט באַגרייפנדיק זיין דרך, ניט האָבנ־דיק אַ באַגריף פון זיין טיפקייט, וואָלטן זיי דאָך ניט געקענט

אַזוי שטאַרק ווערן צוגעבונדן צו אים. וואָס זיי האָט צום האר״י צוגעבונדן און פון ערשטן טאָג האָט ער בײַ זיי אַרויסגערופן שטאַרקע באַגײַסטערונג, איז זײַנע אויסערגעוויינליכע מאָראַליש־עטישע מדות, זײַן ערליכקייט און פרומקייט. ריכטיקער, זײַן גײַסטיקער וועזן. בײַ קאָרדאָוויראָס תלמידים איז אפשר ניט אַזוי חשוב געווען זײַן גרויסקייט אין קבלה, אים צו ערווײַלן אַלס זײַער פירער און זײַער קרײַז אַרום אים צו שאַפן, ווי זײַן געטליכ־קייט. זיי האָבן קאָרדאָוויראָן פיל העכער געהאַלטן פון אים. אָבער אים האָבן זיי באַטראַכט ווי אַ געטליכעס וועזן, וואָס איז שווער צו באַגרײַפן מיטן שכל, און מען מוז נאָר באַוווּנדערן, מען מוז אים מיטן ווונק פאַרשטײַן...

די אַלע מעלות האָבן זיי געזען אין אים שפּעטער. נאָך זײַן טויט האָט מען אים איצט געקומען ריכטיק אָפּשאַצן. מען איז ניט מיד געוואָרן צו דערציילן וועגן אים ווונדער איבער ווונדער. איצט האָט מען געזען דאָס עס איז ניט געווען קיין גלײַכן צו אים, דאָס זײַן פּנים האָט געשײַנט ווי בײַ אַ מלאך, דאָס זײַן חכמה איז אָן אַן אָפּגרונט טיף געווען ווי דער ים. דאָס ער האָט אַלץ גע־וווּסט, אַלץ פאַרשטאַנען און קיין זאַך איז פון זײַנע אויגן ניט פאַר־הוילן געווען. דערווײַל, האָבן זיך צווישן קאָרדאָוויראָס תלמידים, כאָטש זיי זײַנען געווען די ערשטע פון זײַן גרויסקייט צו דערציילן, די ערשטע צו פּראָקלאַמירן אים אַלס פירער, געפונען פילע וואָס האָבן געקווײַנקעלט צו ער איז ווירקליך ראוי צו פאַרנעמען קאָרדאָוויראָס פּלאַץ, און צו מען זאָל טאַקע ניט איבערבײַטן דעם האר״י אויף אַ צווייטן.

דער הויפּט קריטיקער אויף דעם האר״י איז געווען אליהו פאַלקאָן. פאַלקאָן איז פיל עלטער געווען פון האר״י. איז געווען פון די חשובסטע תלמידים פון קאָרדאָוויראָ, איז געווען אַ מאַן פול מיט ענערגיע, און ער פלעגט שטענדיק זיך אַרויסשטעלן אַלס געגנער צום האר״י. פלעגט אין מיטן לערנען זיך נעמען קריגן

מיט אים, אַזוי ווייט דאָס דער האר"י איז געווען געצוווּנגען אַרויס־צופירן אים פון זיין בית מדרש און פאַרווערט צו קומען לערנען ביי אים, האָט אים פשוט ניט געוואָלט האָבן פאַר אַ תלמיד.

אַזוי אויך אַ צווייטער מקובל, וועלכער איז דוקא געווען נאָענט צום האר"י, אָבער האָט פון אים ניט שטאַרק געהאַלטן און פלעגט צו זיינע חברים ריידן געגן האר"י. דאָס איז געווען יעקב אבולאפיע. אבולאפיע איז געווען פון אַ רייכע פאַמיליע, איז געווען אַ חשוב און אַ גרויסן איינפלוס געהאַט אין שטאָט. און בשעת ער האָט אויפגעהערט צו לערנעןביים האר"י, האָט ער גענומען חוזקן פון אים. אויסלאַכן זיין גרויסקייט און לייקענען אין זיינע וווּנדער. ווי באַקאַנט האָט דער האר"י אויף אים געזאָגט דאָס ער איז אַ גלגול פון קורח און דאַריבער זוכט ער זיך מיט אים צו קריגן. די איבערגעגעבענע תלמידים פון האר"י האָבן פון דעם געוואָלט אויסטייטשן דאָס דער האר"י האָט זיך גע־האַלטן אַלס גלגול פון משה.

בכלל איז כדאי צו באַמערקן דאָס די מערסטע תלמידים פון קאָרדאָווירא האָבן זיך ביים האר"י ניט געהאַלטן. איינציקווייז האָבן זיי זיך גענומען אָפּרייסן פון אים, ביז זיי האָבן אים אין גאַנצן פאַרלאָזן. אמת, דאָס דערווייטערט אין גאַנצן פון אים האָבן זיי זיך ניט, און זייער אָפט טרעפן מיר זיי קומענדיק אין באַרירונג מיט דעם האר"י. אָבער באַהעפטן זיך אָן אים מיט די זעלבע דבקות ווי צו קאָרדאָוויראָן האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן. די איינ־ציקע תלמידים קאָרדאָוויראָס וועלכע זיינען געוואָרן שטאַרקע אָנהייננגער פון האר"י זיינען קאַרו און אַלשיך. אָבער דער האר"י האָט פון זיי ווייניק וואָס געהאַלטן אַלס מקובלים. זיי האָבן זיך אָבער גערעכנט אַלס זיינע תלמידים, און ווי די מערסטע אידן פון צפת געזוכט צו זיין נאָענט צו אים און צו געפינען זיך אין זיין סביבה.

דורך דעם וואָס די מערסטע תלמידים קאָרדאָוויראָס האָבן

זיך ניט געקענט צופּאַסן צום האר"י, און ניט האָבנדיג מער קיין געמיינזאַמע פאַרבינדונג צווישן זיך, ווערט דער קבלה צענטער אויפגעלייזט. אָבער די איינצעלנע תלמידים פון קאָרדאָווירא, וועלכע זיינען געווען באַגייסטערט פון האר"י, צוזאַמען מיט די פּאָר נייע מקובלים, בילדן איצט איין קערפּערשאַפט,–אַ קערפּערשאַפט וואָס איז מיט אַלע חושים צוגעבונדן מיט דעם האר"יס יעדע מחשבה, יעדע תנועה, יעדן רמז און יעדן אויסדרוק. דאָס זיינען די תלמידים פון האר"י וועלכע זיינען צו אונז באַוווּסט מיטן נאָמען „גורי האר"י".

פון די ערשטע תלמידים פון האר"י זיינען אונז באַקאַנט די נעמען: ר' ישראל סרוק, ר' יוסף טבול, ר' יהודה משען, ר' מסעוד אזולאי, ר' משה נאַג'אַראַ, ר' אברהם ברוכים, ר' שבתי משה, ר' אברהם גבריאל, ר' יצחק כהן, ר' יוסף אַרזון און ר' אליעזר אזכרי.

זיי אַלע זיינען געווען פון לאַנג באַרימט און באַקאַנט אין שטאָט. יעדער איינער האָט זיך אויסגעצייכנט אויף זיין געביט. אייניקע פון זיי זיינען געווען רייך און אויף דעם געזעלשאַפטליכן לעבן פון שטאָט אַ גרויסן איינפלוס געהאַט. ר' משה נאַג'אַראַ איז געווען דיין אין שטאָט און באַוווּסט אַלס מחבר פון אייניקע חשובע ספרים. ר' אברהם הלוי ברוכים, איז געווען באַוווּסט מיט זיין חסידות. ער איז געווען דער אָפּיציעלער וועקער צו „תקון־חצות" און מזהיר געווען דעם עולם אויף חלול־שבת. אַ מאַן וואָס איז געווען אָפּגעהיט פון יעדן עולם הזה פאַרגניגן און פלעגט שטענדיק שלאָפן נאַקעט אין אַ בעט אויסגעלייגט מיט דערנער. אזכרי איז באַקאַנט מיט זיין „ספר חרדים" און איז געווען איינער פון די מקובלים־חברה „סוכת שלם".

צו זיי זיינען צוגעקומען נייע יונגע, פרישע קרעפטן, וואָס דער מהות פון קבלה איז זיי פרעמד געווען. און זיי האָבן איצט באַדאַרפט ערצויגן ווערן, זיך מכין צו זיין קאָנען משיג זיין די

סודות פון זוהר און די אַנדערע קבלה ספרים. אויף די דאָזיקע די „יונגע לייבלאַך" האָט דער האר"י מער קרעפטן אָנגעשטריינגט זיי מדריך צו זיין, דערציען זיי און אַרויספירן זיי אויף דעם ריכ־טיקן וועג.

דאָס האָט דעם האר"י געבראַכט איינצוטיילן זיינע תלמידים אין צוויי באַזונדערע כּתות. די עלטערע, די מער־באַהאַווענטע אין קבלה און די אינגערע וועלכע הויבן איצט אָן זייערע ערשטע טריט. דאָס איז אָבער נאָר געווען בשעתן לערנען, ווו ער האָט געמוזט זיך רעכנען מיט יעדן איינעמס ידיעות. אָבער בדרך־כּלל—איז פאַר אים קיין אונטערשיד ניט געווען צווישן איין תלמיד און דעם צווייטן. אַלע גלייך, אַלע פאַראייניקט, פאַרבונדן און פאַרקניפּט ווי איין קערפּער, אַלע מיט איין שטרעבונג און מיט איין ציל.

צו די תלמידים האָט ער זיך ניט באַצויגן ווי אַ רבי, נאָר ווי אַ פאָטער אָדער אַן עלטערער חבר. ער רופט זיי קיינמאָל ניט תלמידים, נאָר ח ב ר י ם. אַזוי האַלט ער זיי און לעבט טאַקע מיט זיי צוזאַמען ווי חברים. בכלל האָט דער האר"י געזוכט צו שאַפן צווישן זיינע תלמידים אַ היימליכע אַטמאָספערע. האָט געזען זיי זאָלן לעבן אַלע צוזאַמען, זיין אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער וועלט. האָט צוליב דעם דאָזיקן צוועק אָפּגעדונגען אַ גרויסן הויף מיט פיל חדרים, חדרים מיט פיל פענצטער, כּדי עס זאָל ברייגגען צו רחבות, כּדי די אויגן זאָלן שטענדיק קאָנען זיין אָנגעווענדט צום הימל. אָט דער הויף האָט באַדאַרפט זיין דער וווינונג פון אַלע חברים, און זייענדיק פריי פון אַלע דאגות, ניט האָבנדיק קיין שום אינטערעס אין קיין שום זאַך וואָס קומט פאָר אין שטאָט, האָט מען זיך באַדאַרפט עוסק זיין אין תורה און עבודה, אָבער עס איז אים ניט געלונגען דאָס דורכצופירן. די ווייבער האָבן זיך גענומען קריגן צווישן זיך. זייערע קריוודעס איינע צו דער צווייטע איז איבערגעטראָגן געוואָרן אויף די מענער. זייער אָפּט

פלעגט אויסברעכן מחלוקת צווישן די חברים, פון וואָס דער האר"י האָט גרויס צער געהאַט און אַליין געמוזט אויפגעבן זיין פּלאַן צו האַלטן די חברים באַזונדער, וויסענדיק ווי גרויס עס איז די זינד פון מחלוקת...

די חברים האָבן אָבער אַ שטאַרקן רושם געמאַכט און זייער איינדרוק האָט זיך שטאַרק געפילט אין שטאָט. זיי האָבן געצויגן אויפן זיך מיט זייערע באַזונדערע מנהגים, מיט זייערע מלבושים, מיט זייער באַנעמען זיך מיט מענטשן, און דאָס האָט אַ גרויסע ווירקונג געהאַט אויף פילע אָנצושליסן זיך אָן זיי. זעלבסטפאַרשטענדליך דאָס ניט יעדער איינער איז ראוי געווען צו ווערן אַ תלמיד ביים האר"י. אָבער דער האר"י פלעגט פאַר קיינעם ניט צו שליסן די טיר. עפּעס האָט זיך דאָך אין יעדן איינעם צוגעקלעפּט. אַזוי געפינען מיר, אַ ביסל שפּעטער, צווישן זיינע תלמידים דעם גרויסן גאון גאַלאַנטי און די באַרימטע דרשנים די־ווידאַש און די־אוזידאַ. אַ גרויסן שטויס צו די אויסברייטונג פון האר"יס איינפלוס און צו שטעלן דעם פּרעסטיזש פון די תלמידים אויף דעם געהעריקן הויך, האָט געבראַכט די אָנשליסונג פון רבי חיים וויטאַל אָן זייער גרופּע—וואָס מיר וועלן באַרירן אין דעם קומענדן קאַפּיטל.

ה

אין די וועגן פון זיין גייסט

ניט מער איינזאַם איז דער האר"י געווען. אַרומגערינגלט פון תלמידים, פאַרגעטערט און פאַרהייליקט ביים פאָלק, וואָס האָט זיין איינפלוס געלאָזט פילן אויף אַלעמען, דאָך איז דער האר"י ניט צופרידן געווען. אים האָט געפעלט די פּערזענליכקייט וואָס זאָל זיין ראוי זיין תלמיד צו זיין, וואָס זאָל זיין ביכולת אים צו פאַרשטיין, וועמען ער זאָל קאָנען זיינע סודות איבערגעבן און

דאָס גאַנצע פֿאָלק צופֿירן אין די וועגן פֿון זיין גייסט. דער איינ־ציקער מאַן וואָס איז צו דעם ראוי געווען, איז געווען רבי חיים וויטאַל, אויף וועמן דער האר״י האָט אויסגעקוקט פֿון דעם ערשטן טאָג וואָס ער איז געקומען קיין צפֿת.

בשעת דער האר״י איז נתגלה געוואָרן, בשעת מען האָט אין אים געזען אַלס דער מנהיג פֿון די מקובלים, האָט וויטאַל זיך געפֿונען אין דמשק. ווי עס ווייזט אויס האָט וויטאַל זיך געפֿילט געקריוודעט פֿון די מקובלים אין צפֿת, און האָט זיך פֿון זיי אין גאַנצן דערווייטערט. אָפּגעזונדערט פֿון אַלעמען, האָט ער זיך באַשעפֿטיקט מיט שרייבן אַ פּירוש אויפֿן זוהר און צוזאַמען מיט דעם, געזוכט צו דערגיין דעם סוד וואָס האָט פֿילע חכמים אין פֿאַרשידענע צייטן געמאַטערט—צו פֿאַרוואַנדלען מעטאַל אין גאָלד. בשעת צו אים האָט דערגרייכט די ידיעה דאָס דער האר״י איז דערווײלט געוואָרן אַלס דער הויפּט פֿון די מקובלים, האָט דאָס אים שטאַרק געוווּנדערט. וואָס האָבן זיי אין אים אַזוינס געפֿונען?—האָט ער זיך זעלבסט געפֿרעגט. ער איז צוליב דעם געפֿאָרן קיין צפֿת, האָט געהאַט אַ געשפּרעך מיט דעם האר״י, און אַוועק מיט ליידיקן. ביי זיין צווייטן באַזוך, האָט וויטאַל איצט באַגריפֿן די גרויסקייט פֿון האר״י, און פֿאַרלאָזנדיק זיין הויז, האָט ער זיך אָנגערופֿן דאָס ביז איצט האָט ער געלעבט אין טעות. איצט ערשט איז אים די אויגן אויפֿגעעפֿנט געוואָרן און ער האָט די ליכט דערזען...

זיין גורל איז געשלאָסן געוואָרן. ער ווערט אַ תלמיד מובהק פֿון האר״י, אַ תלמיד אין דעם פֿולן זין פֿון וואָרט. אַ תלמיד וועמעס הויפּטאויפֿגאַבע איז צו פֿאַרשפּרייטן דעם רבינס תורה, זיינע געדאַנקען צו דערקלערן און זיין אײנפֿלוס אויסצובורייטן.

און דער האר״י האָט צו אים אַרויסגעוויזן אינטערעס מער ווי צו יעדן איינעם. דער האר״י וואָס איז ניט געווען אַ גרויסער בעלן אַלעס צו דערקלערן זיינע תלמידים, יעדן סוד וואָס ער

האָט פּאַר זיי אַנטפּלעקט, איז געקומען נאָך פילע בקשות ותחנונים, און פילע מאָל אויך אײנשטעלנדיק דערביי זיין לעבן און דעם לעבן פון זיינע קינדער–אָבער פון וויטאַל האָט ער קיין שום זאַך ניט פאַרהוילן. גלייך ביי דער ערשטער באַגעגניש מיט וויטאַל, איז דער האר״י מיט אים אַוועק קיין טבריה. דאָ, ביי דער ערשטער התבודדות זייערע, שיפנדיק זיך אין די שטילע אָוועגדן איבער דעם כנרת, האָט דער האר״י פון מרימס ברונען אָנגעשעפּט אַ גלאָז וואַסער און געגעבן וויטאַל טרינקען. אַ נייער גייסט האָט זיך אין אים אָנגעקליידט, האָט געפילט ווי ער וואָלט פון דאָס ניי געבאָרן, האָט אַ נייע נשמה באַקומען, איז אויסגעוואַקסן און גרעסער געוואָרן און איז איצט ראוי צו ווערן זיין תלמיד...

מיט וויטאַל, ווערט די גרופּע פון די „גורי־האר״י" שטאַרק באַפעסטיקט. זיין פערזענליכקייט האָט אויף די מקובלים אַ שטאַרקן רושם געמאַכט, און זיין מיינונג איז שטאַרק אָנגענומען געווען ביי זיי. דאָס האָט געבראַכט צו פאַרגרעסערן די צאָל פון דעם האר״יס תלמידים.

וואָס האָט דער האר״י מיט זיי געלערנט, וואָס איז זיין הויפּט־שיטה און וואָס האָט ער אין די קבלה מחדש געווען?

ווי יעדער מקובל, איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אויך ביים האר״י דער זוהר געווען דער הויפּט־יסוד. ביי אים איז די חשיבות פון זוהר נאָך פיל שטאַרקער געווען ווי די אַנדערע מקובלים, די וואָס זיינען געווען פאַר אים און די וואָס האָבן מיט אים אין איין צייט געלעבט. דער האר״י האָט זיך כמעט ניט גערעכנט מיט קיין שום ספר און קיין שום אויטאָריטעט אין קבלה ניט אַנערקענט. דער זוהר איז דעריבער דער איינציקער ספר געווען וואָס דער האר״י האָט מיט זיינע תלמידים געלערנט. יעדער זאַץ, יעדער אויסדרוק, יעדער וואָרט, יעדער רמז, יעדער אות און יעדעס פּינטעלע פון זוהר, האָט דעם האר״י געבראַכט אָנ־

צושטויסן זיך אין נייע וועגן, דערגרונטעווען זיך אין די כוונות און פאַרשטיין טיפער דעם פשט. אַנומעלט האָט ער די תלמידים געזאָגט דאָס מאָרגן וועט ער מיט זיי לערנען אַ שווערן מאמר אין זוהר, געהייסן זיי זיך גוט פאָרבאַרייטן. יעדער איינער פון זיי איז דעם מאמר גוט דורכגעגאַנגען און אין אים קיין שום אומפאַרשטענדליכעס ניט געזען, און ווי ערשטוינט זיינען זיי געוואָרן ווען דער האר״י האָט גענומען פאַר זיי שטעלן צענדליגע קשיות און פאַרענטפערן פאַרשידענע תירוצים. אַנטפּלעקנדיג זיי דערביי פילע סודות, סודות וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין יעדן וואָרט און אין יעדן אות.

דער זוהר איז פאַר אים דער איינציקער קוואַל געווען, אָבער וואָס פאַר אַ ריכטונג אין קבלה האָט דער האר״י פאַרטראָטן?

ווי באַוווסט, געפינט זיך אין דער קבלה צוויי הויפּט שטרעמונגען: קבלה ספרדית און קבלה אשכנזית, ריכטיקער: „קבלה־עיונית" און „קבלה מעשית"–טעאָרעטישע און פּראַקטישע. אויבן אויף האָט איינע צו די צווייטע קיין שום שייכות ניט, און אין די ערשטע צייט וואָס די קבלה האָט זיך גענומען ענטוויקלען, איז קיין שום פאַרבינדונג ניט געווען צווישן זיי. דאָך, האָט די ערשטע אויף די צווייטע אַ גרויסן איינפלוס געהאַט, און בשעת די קבלה האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט פון איר אַנטוויקלונג, פילט זיך שוין אַ האַרמאָנישע סיסטעמאַטיזירונג צווישן די ביידע שטרעמונגען און פאַראייניגונג אין איין שיטה. די „קבלה־עיונית", וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין שפּאַניען, איז געבויט אויף אַ מעטאַפיזישע שיטה, און איז פאַרטראָטן אפילו פון געגנער פון פילאָזאָפיע ווי ר׳ יצחק מן עכו און דער רמב״ן. צו איר העכסטן אויסדרוק איז זי געקומען דורך ר׳ יצחק אבן־לאַטיף און ר׳ עזריאל פון גרונא. ביי דעם לעצטן טרעפן מיר שוין די אויסדריקן

אצילות, בריאה, „אין סוף״ און „צמצום״. ביי אים געפינען זיך שוין רמזים אויף דעם געדאַנק פון „עשר ספירות״.

דאַגעגן איז די „קבלה־מעשית״ געבויט אויף דעם גלויבן אין גלגולים און עבורים, אין די וווּנדער וואָס מען קאָן מיט דעם כח פון דער קבלה אויפטאָן. די „קבלה־מעשית״ וועלכע אירע ערשטע טעאָרעטיקער, אַזוי צו זאָגן, זיינען געווען ר׳ יהודה החסיד און ר׳ אליעזר רוקח, איז אויפגעוואַקסן אויפן באָדן פון דייטשלאַנד, און אַריבער אין פראַנקרייך, איטאַליע און אַנדערע לענדער. עס איז נויטיק צו באַטאָנען דאָס די „קבלה אשכנזית״ איז פול מיט רעליגיעזן אינהאַלט, האָט דורך דער קבלה אַרויפ־געוואָרפן גרויס אחריות און גדרים געשאַפן צו פאַרהיטן פון זינד. אָבער סיי די טעאָרעטישע קבלה־ספרדית, און סיי די פּראַק־טישע–דער „זוהר״ איז דער יסוד פון זייער בנין.

אין זעכצנטן יאָרהונדערט, אין די בליאונגס־פּעריאָדע פון דער קבלה, שטויסן זיך די ביידע „קבלות״ אָן, און כאָטש זיי פירן ניט קיין קאַמף צווישן זיך, אָבער עס פילט זיך אַ מין „ויתרוצצו״ צווישן זיי, ווי יעדע איינע וואָלט געזוכט צו פאַרנעמען דעם הויפּט אָרט. קאָרדאָווירא, אַלס פאָרטזעצער פון דער ספרדישער קבלה, מאַכט אַ פאַרזוך צו סיסטעמאַטיזירן איר, שטעלן איר אויף אַ פילאָזאָפישן הויך, און אַ דאַנק זיין לאָגישן דיינקען און קלאָרן סטיל, איר מאַכן פּאָפּולער צווישן פאָלק. און צו דער זעלבער צייט, זוכט דער האר״י צו פאַרפלאַנצן די פּראַקטישע־קבלה אשכנזית. זוכט נייע וועגן צו שאַפן, באַזירט איר אויף אַ סיסטעמאַטישן יסוד.

וואָס איז דעם האר״ס שיטה געווען?

אין אַ געוויסן זין איז דאָס ניט לייכט איבערצוגעבן. ווי מיר ווייסן איז דעם האר״ס תורה געבויט אויף רמזים און גמטריאות, אָנמערקונגען און געדאַנקען ניט גאַנץ קלאָר אַרויסגעזאָגט. ווי מיר ווייסן איז פון האר״י קיין ספרים ניט געבליבן. די אַלע ספרים

וואָס מען איז מיחס צום האר״י, זיינען געשריבן פון זיין תלמיד וויטאַל. אַזוי דאָס מיר ווייסן ניט גענוי וואָס דער האר״י האָט מחדש געווען און וואָס וויטאַל האָט צוגעלייגט. געוויסע פראַגמענטן אָבער איז זיכער דאָס דער האר״י האָט זיי געשריבן, אָדער זיינען איבערגעגעבן ווערטליך ווי ער האָט זיי געזאָגט. פון זיי זעען מיר דאָס דער האר״י איז ניט ווייט געווען פון דער ספרדישער קבלה, און איז נאָענט אין זיין גערדאַנקען־גאַנג צו קאָרדאָווירא, כאָטש דער פאַרנעם איז אַנאַנדערער, די פּרעספּעקטיווע אַ ברייטערע.

דאָס ערשטע וואָס מיר מוזן באַטאָנען איז די קאָנצענטרירונג פון זיין שיטה אַרום „זוהר". דאָס ערשטע האָט דער האר״י געזען קלאָר צו מאַכן די פאַרנעבעלטע ווענגן פון זוהר, זיינע אַלע סודות צו אַנטפּלעקן, אים צו קאָנצענטרירן אַרום איין שיטה און איין אוניווערסאַלן געדאַנק. פון זוהר האָט ער געזוכט צו דערגיין דעם סוף פון דער וועלט יצירה דורך דעם ווילן פון דעם אין־סוף און ווי דורך די ספירות זיינען אַלע וועלטן באַשאַפן געוואָרן, אין דעם סוד פון די צמצומים און אצילות פון די העכערע און נידעריקע וועלטן. איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן האָט דער כביכול, דער אין סוף, אָנגעפילט אַלע וועלטן און עס איז ניט געווען קיין שום פּלאַץ פאַר זיין ליכט צו שיינען אין דער אצילות, בריאה, יצירה ועשיה. „אבי״ע" ווי די מקובלים רופן דאָס אָן אין ראשי תיבותן. שפּעטער האָט דער אין סוף כדי צו מאַכן אָרט פאַר די שאַפענדע וועזנס, זיך כביכול מצמצם געווען און זיין ליכט אויף זיי געמאַכט שיינען. און אַזוי ציען זיי זייער ליכט פון דעם אין סוף, פון העכערע ביז צו נידעריקערע מדרגות: די ליכט שטראַלן ציען זיך פון דער העכערער השפעה, ווערן געשטויסן פון כחות פון דער סטרא־אחרא, כחות וואָס ציען צו און כחות וואָס שטויסן אָפּ דורך די צנורות און פרצופים אָן אַ קץ און אָן אַן ענד.

דאָס איז דער הויפּט געדאַנק זיינער. דער פֿאַנטאַסטישער געדאַנק, וואָס מיר געפֿינען אויך ביי קאָרדאָוויראָן אויף אַנאַנדער אופן דערקלערט. ביי דעם האר"י איז דאָס אָבער אַזוי ניט קלאָר, און דערצו זיינען די ווייטערדיקע מושגים וואָס ער דערקלערט, אַזוי פֿאַרשטעלט און פֿול מיט סודותדיקע נעמען אָנגערופֿן, דאָס עס איז ווירקליך קיין וואונדער ניט וואָס די מקובלים האָבן צום אָנהויב ניט געקענט פֿאַרשטיין אים און זיינע ווערן זיינען אַזוי אונפֿאַרשטענדליך און פֿרעמד געווען צו זיי...

פֿילע ווילן האָבן דאָס דער האר"י האָט אין זיין שיטה גאָרנישט מחדש געווען. קיין נייעס ניט געזאָגט וויל ער האָט דאָס זיכער געהערט פֿון זיין רבין קאָרדאָווירא. עס איז אָבער ניט ריכטיק. דעם געדאַנק וועגן אוניווערז, דעם אין סוף און די עשר ספֿירות, געפֿינען מיר טאַקע פֿיל פֿריער ביי קאָרדאָווירא. אָבער דעם געדאַנק וועגן סוד הצמצום, האָט שוין אַזאַ באַדייטענדער פֿאַרשער ווי יצחק מיזעס, אויפֿגעוויזן דאָס מיר באַגעגענען צום ערשטן מאָל ביים האר"י. אַזוי האָט אויך גרעץ באַטאָנט אַ באַזונדער שטריך אין זיין שיטה, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין אַן אָריגינעלן אויסדרוק „שברי כלים", וואָס מיינט דער אָבפֿאַל פֿון דאָס העכערע ליכט וואָס איז צושפּרונקעלט געוואָרן און די פֿונקען (די נצוצות) שפּיגלען זיך אָפּ. די צובראָכענע שערבלאַך איז אַ ירידה פֿון אצילות צו בריאה אָדער די זיבן מלכים, וואָס מיינט די לעצטע זיבן ספֿירות, אין דער קבלה שפּראַך הייסט דאָס: „כלים תתאין".

דאָס איז אָבער נאָר אַ קליין טייל פֿון זיין שיטה. דער עיקר וואָס דער האר"י איז מיט דער קבלה אויסן געווען, איז צו שאַפֿן אַ נייע וועלט. „עולם התקון" ווי ער רופֿט דאָס אָן. אַט דאָט האָט ער געוואָלט.

לויט די שיטה פֿון האר"י, די שיטה געבויט אויף גלגולים און עבורים, האָבן אַלע נשמות אַן אונענדליכע צוזאַמענקניפּונג מיטן

אין סוף, די אייביקייט מיט דער פאַרגאַנגענהייט, און כאָטש איין נשמה שיידעט זיך אָפּ פון דער צווייטער, איז דאָ אַ שייכות צווישן יעדע נשמה און נשמה. אַלע ציען זיך פון איין שורש, פון די נשמה פון אדם הראשון. יעדע נשמה איז נאָך איר חשיבות, געווען באַקליידעט אין דעם קערפּער און אין יעדן אבר פון אדם הראשון אַזוי דאָס עס גיט נשמות וואָס קומען פון מוח, פון די אויגן, פון די אויערן, פון נאָז, פון די הענט און פיס. יעדע איינע איז אַניצוץ פון אדם הראשון, און אַזוי ווי צוליב זיינע זינד האָט די קליפּה אַ שטאַרקען כח, אַזוי דאָס עס איז ניטאָ קיין איין נשמה, אפילו די ריינסטע און הייליקסטע, וואָס זאָל ניט זיין זינדיק, און אַזוי ווי ביז די זינד פון אדם הראשון וועט מתוקן ווערן, וועט ניט קאָנען קומען די דערלייזונג פון דער וועלט, די גאולה צו דער שכינה, איז דורך די קבלה, ריכטיגער די אחריות וואָס די קבלה לייגט אַרויף, די הנהגות און כוונות, וועלן די מענטשן ווערן דער־הויבן צו רוחניות, ברייננען צו דער מדרגה פון אצילות. דאָס וועט ברייננען אָפּצושיידן די קדושה פון דער טומאה, אַרויסראַטעווען די ניצוצות הקדושה פון דער סטרא־אחרא. און אַזוי ווערנדיק ריין פון יעדע זינד, וועט די ערשטע נשמה, די נשמה פון אדם הראשון באַקומען איר תיקון, דאַמאָלס וועט דער קץ זיך דער־נענטערן און משיח וועט קומען. אָבער דאָס קאָן זיין נאָר דורך גלגול, דורכדעם וואָס יעדע אידישע נשמה וועלכע איז מגולגל אין אַ גוי, אין אַ בהמה, אַן עוף, אַ בוים, גראָז אָדער אַ שטיין וועט איר תיקון באַקומען.

דאָס איז די הויפּט־שיטה פון האר"י. דער גלויבן אין גלגולים איז קיין נייעס ניט געווען. אייגענטליך איז דאָך דאָס וואָס מען רופט אָן „קבלה מעשית". דער גלויבן אין גלגולים און דיבוקים איז פאַרברייט געווען אין צפת, נאָך איידער דער האר"י איז געקומען. דער האר"י האָט דאָס אָבער דערהויבן צו אַ שיטה, האָט דאָס געמאַכט פאַר דעם עיקר פון דער קבלה.

רודערמאַן, איינער פון די באַגאַבסטע שרייבער אין דער „השחר" עפּאָכע, האָט, באַרירנדיק דעם ענין, זיך געהאַט אויס־געדריקט דאָס ניט קאָרדאָווירא און ניט דער האר"י האָבן געהאַט עפּעס נייעס און אַ שיטה געשאַפן. רודערמאַן דער משכיל און ראַציאָנאַליסט האָט אַנדערש ניט געקענט אויסטייטשן ווי דאָס, און בכלל צווייפלען אין דער קבלה אַלס פילאָזאָפישע אַנשויאונג. אָבער די פראַגע צי האָט די קבלה אַ שיטה, איז ניט איינמאָל פאַרהאַנדעלט געוואָרן פון פאָרשער און דענקער ווי פראַנק, יעלעניק, מיזעס און פילע אַנדערע, און איז פאַרענטפערט גע־וואָרן דאָס די קבלה האָט יאָ אַן אַבסטראַקטן פילאָזאָפישן גע־דאַנק. מיר ווייסן דאָך ווי ווייט דער איינפלוס פון קאָרדאָווירא האָט דערגרייכט ביז שפּינאָזא.

דעם האר"יס שיטה איז אפשר ניט אַזוי קלאָר און אַזוי פאַר־שטענדליך ווי קאָרדאָוויראָס, אָבער זי האָט אין זיך ענטהאַלטן דעם באַפרייאונגס געדאַנק, די האָפנונג אויף משיחן וואָס האָט דאַמאָלס אָנגעפילט אַלעמענס הערצער און האָט ממש געשוועבט אין דער לופטן, אַזוי אַז עס האָט זיך נאָר געפאָדערט דאָס מען זאָל אים באַקליידן אין אַ ממשותדיגען קערפּער. דער האר"י האָט פון יעדן איינעם געפאָדערט צו העלפן אין דער דערנענ־טערונג פון דער גאולה, יעדער איד זאָל זיך באַטייליקן אין דער שאַפונג פון דעם „עולם התקון".

אָבער דער „עולם התקון" קאָן געשאַפן ווערן נאָר דורך הייליקן זיך. דאָס האָט דעם האר"י געבראַכט אָנצונעמען די יסודות פון דער „קבלה אשכנזית". די קבלה אשכנזית פאָדערט זייער פיל פון מענטשן, פאַסטן, וויינען, סגופים און פייניגונקען, אָפּזאָגן זיך פון אַלע לעבענס־פאַרגניגענס, ניט עסן פלייש און טרינקען וויין, זיך וואַרפן אין אַש און תשובה טאָן מיט אַ צובראָכן האַרץ. „תענית, שק ואפר, בכיה, הספד"—דער ראשי תבות סמן וואָס די מקובלים האָבן אויף דעם געגעבן. ער פאָדערט אויך התבודדות,

זיין אָפּגעזונדערט פון מענטשן וואָס מעגליכער. דאָס איז טאַקע אויך די אורזאַכע וואָס דער האר"י פלעגט מיט זיינע תלמידים אַוועקגיין אין די מדבריות און פעלדער וואָס אַרום צפת, אָדער אויף די קברים פון רבי שמעון בן יוחאי און אַנדערע תנאים און אמוראים, און דאָרט מיט זיי לערנען. דאָס איז ניט געקומען ווייל דער האר"י האָט ניט געוואָלט שטיין נאָענט צום פאָלק, ווי האָ־ראָדעצקי וויל האָבן. אדרבה, דער האר"י איז שטענדיק געווען אין נאָענטע באַציאונגען מיט די מאַסע, און געזוכט צו ווירקן אויף זיי, אויב ניט מיט זיין תורה, וואָס זי איז שווער געווען צו פאַרשטיין, איז מיט זיינע הנהגות. אָבער די התבודדות איז פאַר אים געווען אַ נויטווענדיגקייט און ער באַטאָנט טאַקע דאָס „זיבן מאָל מער ווי דער לערנען ווירקט די אָפּגעזונדערקייט, און יע־דער מענטש באַדאַרף לויט זיינע כחות און לויט זיינע מעגליכקייטן זיך אָפּזונדערן און האָבן התבודדות איין מאָל אין וואָך, איין מאָל אין צוויי וואָכן אָדער לכל הפחות איין מאָל אין חודש."

אויסער די התבודדות־טעג מיט די תלמידים אין דער וואָכן, פלעגט דער האר"י מיט זיי פיל פאַרברענגען דעם שבת. שבת איז געווען דער אויסדערוויילטער טאָג, וואָס ניט נאָר זיינע תלמידים האָבן פון אים זייער שפע באַקומען אויף אַ גאַנצע וואָך, נאָר די אַלע בלאָנדזשענדע נשמות פון דורות לאַנג, די אַלע רוחות וואָס זיינען מגולגל געוואָרן, האָבן אָפּגעוואַרט אים צו באַקומען אַ תיקון פון אים, און די וואָס האָבן זוכה געווען, זיינען דורך אים אויסגע־לייטערט געוואָרן און זייער מנוחה באַקומען.

אין יענע מאָמענטן פלעגט דער האר"י אויך זען אַן עת רצון צו דערנענטערן די גאולה און ברענגען משיחן. די לעגענדע דערציילט דאָס איינמאָל, אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט, בשעת דער האר"י איז מיט די תלמידים אַרויס אויסן שטאָט מקבל שבת זיין, האָט ער זיך צו זיי אָנגערופן: ווילט איר חברים מיט מיר מיטגיין קיין ירושלים און דאָרט מקבל שבת זיין? עטליכע האָבן אים

גלייך געענטפערט: מיר זיינען גרייט צו גיין, אָבער אייניקע האָבן אים אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג און געפרעגט: ווי קענען מיר דעם וועג אין אַזאַ קורצע צייט מאַכן? אייניקע האָבן געזאָגט: מיר מוזן פריער אָנזאָגן אונזערע ווייבער, דאָס זיי זאָלן וויסן וווּ מיר זיינען אַהינגעקומען. דער האר"י איז גלייך אַ דערשראָקענער געוואָרן, און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט: ווי צו אונדז! אונדז איז ניט באַשערט אויסגעלייזט צו ווערן. וואָלט איר אַלע, אָן שום ספקפוקים און אָן שום צווייפל, איינגעשטימט מיט מיר מיטצוגיין, וואָלט די מינוט משיח געקומען, איצט איז געווען דער עת רצון, אָבער צוליב אונדזערע זינד האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען דאָס אויסנוצן.

פון אַ קורצע שילדערונג פון דעם האר"יס פירונגען אין שבת, וויסן מיר דאָס יעדע באַוועגונג זיינע איז געווען אויסגערעכנט, האָט געהאַט באַזונדערע כוונות, באַזונדערע יחודים, צו מתקן זיין פאַרשידענע פגימות און די הייליקקייט פון שבת צו פאַר־גרעסערן און פאַרשענערן. די הכנות צו שבת פלעגט דער האר"י אָנהויבן פרייטיק גאַנץ פרי. דאָס ערשטע פלעגט ער פון אַ ספר תורה מעביר זיין די סדרה פון דער וואָך. נאָכדעם פלעגט ער גיין אין מקוה, עטליכע מאָל זיך טובל געווען, אויסגעצוואָגן דעם קאָפּ און אָנגעטאָן נייע בגדים, פיר באַזונדערע קליידער פון וויסן געוואַנד, געגן די פיער אותיות פון דעם שם הוי"ה, און דעם אויבערשטען בגד צוזאַמענגעלייגט און פאַרוויקעלט אין פירן. און אַזוי פלעגט ער מיט די תלמידים אַרויסגיין אויסן שטאָט, און אויף אַן איינזאַמען פעלד באַגעגנט מיט פרייד און געזאַנג דעם קומען פון שבת, פלעגן מיט עקסטאַז זינגען דעם „לכה דודי", דער פזמון, וואָס איז ביים האר"י שטאַרק חשוב געווען.

אַהיים פלעגט דער האר"י זיך אומקערן אין די באַגלייטונג פון זיינע תלמידים. דער האר"י פלעגט דאַמאָלס זיין אין אַ גוט־מוטיקע שטימונג. זיין גייסט איז שוין באַזעלט געווען מיט דער

שבתדיקער קדושה, און ווי אַ קוואַל פלעגט ער פליסן. זיינע חדושים און סודות, פלעגן שטויסן איינע די צווייטע און ער האָט ניט געקענט אײנהאַלטן דאָס ניט אַרויסצוגעבן.

אַריינקומנדיק אין שטוב, פלעגט ער דאָס ערשטע צוגיין צו זיין מוטער, מיט ערפורכט און גרעסטן כבוד איר געקושט די הענט און אונטערגעבויגן זיין קאָפּ דאָס זי זאָל אים בענטשן. ביים טיש פלעגט ער פאַרברייננגען פריילאַך, פלעגט מיט גרויס חדוה זינגען „זמירות". די זמירות זיינען געווען די צו אים באַליבטע פּזמונים, וועלכע זיינען געשריבן על פּי סוד, איבערהויפּט די פּזמונים פון ישראל נאַג'אַראַ, וואָס דער האר"י האָט פון זיי זייער שטאַרק געהאַלטן, איבערהויפּט ווייל זיי זיינען געשריבן אין אַראַמעאיש. ווי באַקאַנט האָט דער האר"י אַליין מחבר געווען עטליכע „זמירות"־פּזמונים, צווישן זיי דער באַקאַנטער „אזמר בשבחין".

פרייטיק אָוונט און שבת, פלעגט ער, אין די התרוממות זיינע, האָבן זיינע מערסטע זעאונגען. אין שלאָף פלעגט ער אַרומ־שוועבן איבער די אַלע נשמה־היכלות און אין חלום פלעגט מען אים איבערגעבן די אַלע „גלגולים" און נשמה־באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש. דער האר"י האָט דאַריבער זייער שטאַרק מקפּיד געווען אויף דעם שבתדיקן שלאָף, וואָס אין מיטן וואָך האָט ער זיך שטאַרק אויסגעהיט פון דעם און פלעגט יוצא זיין מיט אַ לייכטן דרעמל. דער שבתדיקער נאָכמיטאָג שלאָף האָט דער האר"י געהאַלטן פאַר אַ חוב און אַ גרויסע מצוה. דאָס איז איינע פון די גרעסטע סגולות דאָס די נשמה זאָל דערגרייכן אַ העכערע מדרגה. די תלמידים פלעגן אומיסטנע קומען שבת אַכטונג צו געבן ווי ער שלאָפט און אָנזעטיקן זייערע אויגן מיט זיין הערליכן גע־שטאַלט, און פלעגן הערן אים מורמלען און ריידן פון שלאָף אונפאַרשטענדליכע ווערטער. אַנומעלט האָט דער האר"י זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף און געטראָפן זיין תלמיד ברוכים שטיין מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם איבערגעבויגן איבער אים.

דער תלמיד האָט אַ דערשראָקענער זיך גענומען ענטשולדיקן, האָט זיך פֿאַרענטפֿערט דאָס ער האָט ניט געקענט אונטערדריקן זיין נייגעריגקייט צו הערן וואָס דער רבי האָט אין שלאָף געמור־מעלט. דער האר״י האָט אים געענטפֿערט: דאָס אין שלאָף גייט זיין נשמה אַרויף דורך פֿאַרשידענע וועגן און שטעגן וואָס זיינען נאָר צו איר באַקאַנט, ביז זי קומט אין די באַגלייטונג פֿון מלאכי השרת, צו דעם פּאַלאַץ פֿון מטטרון און דאָרט גיט מען אים איבער אַזעלכע ענינים וואָס פֿאַר אים האָט קיינער ניט געהאַט די זכיה צו וויסן. דער תלמיד האָט זיך גענומען בעטן ביי אים דאָס ער זאָל אים עפּעס איבערגעבן פֿון וואָס ער האָט אין דעם איצטיקן שלאָף געלערנט, האָט דער האר״י מיט אַ שמייכל גע־זאָגט: „ווען איך זאָל אַכציק יאָר נאָכאַנאַנד לערנען מיט אייך, וועל איך ניט זיין ביכולת אייך איבערצוגעבן אפֿילו דעם קלענ־סטען טייל חדושים וואָס איז צו מיר היינט אַנטפּלעקט געוואָרן אויף דעם ענין פֿון בלעם מיט זיין אייזל״.

די זעלבע תשובה פֿלעגט ער זיי אויך ענטפֿערן בעת זיי פֿלעגן צו אים צושטיין דאָס ער זאָל זיינע חדושים פֿאַרשרייבן און כאָטש איין ספר מחבר זיין. „מיינע געדאַנקען — פֿלעגט ער זיי זאָגן — איז אַזוי צוזאַמענגעקניפּט איינע אין די צווייטע, דאָס בשעת איך עפֿן נאָר אויף דעם מויל און וויל אָנהויבן ריידן, הויבן די געדאַנקען אָן פֿליסן ווי פֿון אַ פֿלייצענדן קוואַל, און איך בין געצוווּנגען זיך אָפּצוהאַלטן, כדי איר זאָלט ניט צוטומעלט ווערן און מיר קענען נאָכגיין. איך מאַטער זיך דאַן צו געפֿינען אַ וועג, אַ קליין, דין רער וואָס דורך אים זאָלט איר קאָנען פֿאַרנעמען וואָס איר הערט פֿון מיר. מיין צופֿיל שפֿע זאָל אייך ניט מזיק זיין פּונקט ווי דאָס זויג־קינד ווערט דערשטיקט פֿון צופֿיל מילך״. ער האָט זיי דאַן געגעבן אָנצוהערן דאָס אים וואָלט ניחא געווען אויב זיי וואָלטן זיינע חדושים פֿאַרשרייבן. די תלמידים האָבן זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט. יעדער פֿון זיי האָט גאַנצע

קונטרסים, צענדליקע בויגן פּאַפּיר פאַרשריבן, אָבער בשעת דער האר"י האָט דאָס דורכגעזען, האָט ער זיי פאַרווערט דאָס ווייטער צו טאָן און געזאָגט דאָס דער איינציקער וואָס איז ראוי און איז ביכולת זיין תורה צו פאַרשרייבן, איז רבי חיים וויטאַל, און וועגן וויטאַל זעלבסט האָט ער זיך געהאַט אויסגעדריקט דאָס אפשר האָט ער אין קבלה אַ גרעסערע ידיעה פון זיינע חברים, אָבער אים זעלבסט פאַרשטייט ער ניט ווי געהעריק...

און טראָץ דעם איז דער האר"י זיינע תלמידים געווען איי־בערגעגעבן און געטריי פיל מער ווי אַ פאָטער צו זיין איינציקן קינד. איינמאָל האָט ער מיט זיי געלערנט אַ שווערן „זוהר", האָט פאָרגעלייענט, זיי דערקלערט און באַלויכטן ביז ער האָט זיך ביי אַ פּונקט אָפּגעשטעלט און מער ניט געוואָלט דערקלערן, ווייל דאָ איז געלעגן אַ טיפער סוד וואָס די תלמידים זיינען ניט מסוגל געווען צו פאַרשטיין. זיי האָבן אים אָבער ניט געלאָזן צורו ביז ער האָט זיי דעם סוד אויסגעזאָגט. צו זיי האָבן אים פאַרשטאַנען צו ניט—איז ניט באַוווּסט, אָבער דעם האר"י איז גלייך נאָכדעם באַפאַלן אַן אומעט, ער האָט געמאַכט די ברכה: „ברוך דיין האמת" און פאַרטרויט זיי דאָס ער וועט פאַר דעם ווערן באַשטראָפט. אין הימל איז נגזר געוואָרן דאָס זיין אינגסטע קינד זאָל אין עטליכע טעג אַרום אַוועק פון דער וועלט...

און גלייך נאָך דעם קינדס טויט, בשעת די תלמידים זיינען פאַרשעמט און ביי זיך געפאַלן געקומען צו אים האָט ער זיי גע־טרייסט, דערמוטיקט און געזאָגט דאָס אפילו זיין אייגענעם לע־בען איז ער גרייט צו שטעלן אין סכנה פאַר זיי, און זאָלן זיך קיינמאָל ניט שרעקן אים צו פרעגן און פאָדערן זיי צו דערקלערן אפילו די ענינים וואָס איז אים פון הימל פאַרבאָטן צו אַנטדעקן פאַר דער צייט...

און באַלד זיינען טאַקע די תלמידים געשטעלט געוואָרן צו אַ שווערן נסיון. ווידער איז אים אויסגעקומען צו לערנען מיט זיי

אַ שווערן מאמר אין „זוהר", און אויף זייער דרינגענדע ביטע זיי מגלה געווען דעם סוד, כאָטש ער האָט זיי עטליכע מאָל באַטאָנט דאָס עס שטעלט אים אין סכנה, און אין אַ קורצע צייט נאָכדעם, האָט ער זיי גענומען מרמז זיין דאָס אין גיכן וועט ער זיי מוזן פאַרלאָזן, דאָס זיינע טעג זיינען געציילטע. אומקערנדיק זיך איינמאָל פון די קברים פון שמעיה ואבטליון, האָט ער זיך צו זיי אָנגערופן: שמעיה ואבטליון בעטן דאָס איר זאָלט מתפלל זיין אויף משיח בן יוסף און בעטן גאָט דאָס ער זאָל אין אַייער צייט ניט שטאַרבן. די תלמידים האָבן דעם ווונק ניט פאַרשטאַנען, און אים אפילו ניט געפרעגט וואָס ער מיינט מיט דעם. נאָך זיין טויט האָבן זיי זיך איצט געכאַפּט דאָס משיח בן יוסף האָט ער זיך געמיינט, און געוואָלט דאָס זיי זאָלן מתפלל זיין דאָס דער גזר דין זאָל פון אים אַראָפּגענומען ווערן און ער זאָל ניט שטאַרבן פאַר דער צייט.

אַ קורצע צייט נאָך דעם געשפּרעך האָט אין צפת געבושעוועט אַ מגפה, אין וועלכע הונדערטער מענטשן זיינען געפאַלן. אין דער מגפה איז אויך, אין ט"ו אב של"ג, די גרויסע ליכט אויסגעלאָשן געוואָרן. דער האר"י איז אין עלטער פון אַכט און דרייסיק יאָר געשטאָרבן. אויף זיין מצבה, וועלכע איז נאָך ביז היינטיקן טאָג צו זען אין צפת, איז אויפגעשריבן:

„המקובל האלקי הקדוש
רבינו יצחק לוריא אשכנזי ז"ל".

דער האר"י איז געשטאָרבן אין דעם אָנהויב פון זיין ווירקן. אָבער די קורצע צייט פון זיין אַנוועזנהייט אין צפת, האָט דעם שטאַרקסטן רושם געלאָזן אויף דאָס גאַנצע אידישע פאָלק. זיין אָוועקגיין יונג פון דער וועלט, זיינע מנהגים און מדות, האָבן ביים פאָלק דאָס גרעסטע ליבע אַרויסגערופן. יאָרן לאַנג נאָך זיין טויט איז נאָך די עראינערונגען איבער אים געווען פריש און

רירענד, און זיין לעבן איז מיט די שענסטע לעגענדעס, פון פאָלקס מויל געשאַפן, פאַרבונדן.

דורך די תלמידים זיינע, איבערהויפּט וויטאַל, האָט דעם האר״יס איינפלוס דערגרייכט צום גאַנצן פאָלק, האָט אַלעמן אַרומגענומען, און בשעת די חסידות איז געשאַפן געוואָרן האָט זי אים גענומען אַלס מוסטער און אירע ערשטע טריט זיינען געווען אין די וועגן פון זיין גייסט...

רבי חיים וויטאַל

איידער דאָס קינד ווערט געבוירן—איז ערגעץ דאָ אַ מאמר אין תלמוד—ווערט אין הימל אָנגעצייכנט וואָס ער וועט זיין: אַ קלוגער אָדער אַ נאַר, רייך צי אָרים, אַ תלמיד חכם צי אַן עם־הארץ, אָבער ניט אַ צדיק אָדער אַ רשע. דאָס איז אַ בחירה פון מענטש זעלבסט און די ברירה ווערט אין זיינע הענט איבערגעגעבן.

און בשעת רבי חיים וויטאַל איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר האָט אַ גרויסער צדיק, לייענענדיק זיינע הענט־ליניעס, אויף אים געזאָגט דאָס אין עלטער פון פיר און צוואַנציק יאָר וועט ער באַקומען שלעכטע און זינדיקע געדאַנקען. ער וועט מבטל זיין פון לערנען און זיך אַריינלאָזן אין ווילטאַג און לעבענס־פאַרגניגענס. ער וועט דאַן קומען צו אַ שייד־פונקט, וועט זיך געפינען צווישן צוויי וועגן מיט באַזונדערע ריכטונגען. איין וועג פירט צום גיהנום און די צווייטע—אין גן־עדן אַריין. די בחירה וועט זיין ביי אים. וואָסער וועג ער וועט זיינע ערשטע טריט שטעלען, אין די וועט ער זיין גאַנצן לעבן גיין. וועט ער גיין אין די וועג פון גיהנום, וועט ער זיין דער גרעסטער רשע אויף דער וועלט; אויב ער וועט אויסקלייבן די וועג פון גן־עדן, וועט צו אים קיין גלייכן ניט זיין. ער וועט אַלעמען פון זיין דור איבערשטייגן מיט זיין חכמה און פרומקייט...

און דער נסיון איז זייער אַ שווערער געווען. פיר און צוואַנציק יאָר אַלט. אין אָנהויב פון זיין בליען. און ער איז אַ מענטש פול מיט לעבענס־לוסט, מיט אַ הייס בלוט, פול מיט טעמפּעראַמענט, שטורם און דראַנג; איז פול מיט קאַפּריזן און אַמביציעס צו רייכ־

טום, צו פירן, צו געוועלטיקן. און שווער איז אים צו קאָנטראָלירן זיך, צוימען און ברעכן זיך.

בלאָנדזשעט ער. בלאָנדזשעט, ווערט אָבער ניט פאַרפירט. ער וואַרפט טאַקע אַוועק דעם לערנען, נעמט זיך צו הבלי עולם הזה. עטליכע יאָר גיט ער זיך אָפּ מיט דברים בטלים, לערנט אַלכעמיע, דרייט זיך אַרום מיט אַראַבישע שייכעס און מיט זיי צוזאַמען מאַכט ער אַלערליי השבעות, זוכט צו ערווערבן רייכטום, צו באַקומען כבוד.

איז אָבער זיין נשמה זייער אַ הויכע, און מן השמים דערלאָזט מען ניט דאָס ער זאָל אַריינפאַלן צו דער קליפּה און פאַרזינקען אין די שערי־טומאה. און וויטאַל דערמאָנט זיך דאָס די בחירה איז אין זיינע הענט, דאָס ער איז פאַראַנטוואָרטליך ניט נאָר פאַר זיך נאָר פאַרן גאַנצן דור. פול מיט חרטה נעמט וויטאַל באַזייטיקן זיין לעבענס־גאַנג. מיט די גבורה פון אַ לייב רייסט ער אויס דעם כעס און גאוה און די אַנדערע שלעכטע מדות וועלכע האָבן אַ שליטה אויף אים. ער נעמט גיין אויפן ריכטיקן וועג — די וועג וואָס פירט צו די „טויערן פון קדושה". ער דערגרייכט די העכסטע מדרגה, אַזוי דאָס זיין נשמה ווערט ווירקליך די העכסטע און ריינסטע וואָס האָט זיך אין זיין דור געפונען. ער ווערט דער מעורר צו תשובה און דער אָנזאָגער פון דער אידישער גאולה.

ער איז געבאָרן אין יאָר ש"ג. זיין פאָטער ר' יוסף קאַלאַבריעס, האָט זיך גערעכנט צווישן די מקובלים פון צפת. ער איז געווען אַ סופר. פלעגט שרייבן ספרי־תורהס, מזוזות און תפילין מיט דער גרעסטער קדושה און טהרה, מיט כוונות און טבילות. זיינע תפילין האָבן געהאַט אַ שם אויף דער וועלט, און די מקובלים פלעגן מקפיד זיין צו לייגן נאָר די תפילין וואָס זיינען דורך אים געשריבן. אין פילע ספרים וואָס זיינען אין יענער צייט געשריבן, ווערן זייער אָפט דערמאָנט די „תפילין של רב קלבראש", און דער מקובל און פוסק ר' מנחם עזריה פאנו, ברייננגט אין זיינע

שאלות ותשובות אַן אָפּהאַנדלונג איבער זיינע תפילין. ר׳ יוסף איז זייער חשוב געווען ביים „בית יוסף״. ער האָט אויף אים גע־זאָגט דאָס אַ האַלבע וועלט עקזיסטירט נאָר אין דעם זכות פון זיינע תפילין; מען האָט אין אים אויך געזען אַ גלגול פון עזרא הסופר.

צוויי יאָר איידער ר׳ יוסף האָט פאַרלאָזן איטאַליע, האָט אין קאַלאַבריע זיך אויפגעהאַלטן אַן ארץ ישראל משולח מיטן נאָמען ר׳ חיים אשכנזי. דער משולח האָט אים צוגערעט דאָס ער זאָל פאָרן קיין ארץ ישראל און זיך באַזעצן דאָרט. ער האָט אים פאַרזיכערט דאָס ער וועט דאָרט געבוירן אַ זון וואָס וועט זיין איינער פון די גרעסטע חכמים פון זיין דור. ער האָט אים אויך געבעטן דאָס אויב זיין הבטחה וועט מקוים ווערן, דעם קינד נאָך אים אַ נאָמען געבן.

ער איז געבאָרן אין צפת. אין זיין קינדהייט האָט ער זיך שוין געפונען אין דער אַטמאָספערע פון די מקובלים, דאָך האָט קיין איינער פון זיי קיין איינפלוס ניט געהאַט אויף אים, פונקט ווי צפת מיט אירע בערג און מיסטעריעזער הימל, האָט אין זיין נשמה קיין אָפּשפּיגלונג ניט געפונען. וויטאַל איז אפילו אַ שטימונגס מענטש געווען, האָט אָבער ניט פאַרמאָגט די פאַנטאַזיע פון אַ דיכטער. ער איז מער מוח מענטש געווען, מער דיינקער ווי טרוי־מער. ער איז געווען קלוג, שאַרפזיניק, אַ חריף און אַ בעל מפולפל. וואָלט ער זיך ניט גענומען צו קבלה, וואָלט ער זיכער געווען איי־נער פון די גרעסטע תלמודישע גאונים פון זיין צייט, כאָטש איי־ניקע פאָרשער ווילן האָבן דאָס וויטאַלס ידיעות אין נגלה זיינען זייער שוואַך געווען.

פון זיין לעבן ביז ער איז געוואָרן דעם האר״יס תלמיד, איז ניט פיל באַוווסט. יעדענפאַלס קיין אויסערגעוויינליכס האָט מיט אים ניט פאַסירט. וויטאַל האָט אַליין אָנגעשריבן אַן אויטאָ־ביאָגראַפיע—אַ טאָג בוך ווו ער האָט פּינקטליך פאַרשריבן אַלץ

וואָס האָט זיך מיט אים געטראָפן, אויך זיינע זעאונגען און נאַכט־וויזיאָנען. דער טאָגבוך וואָס וויטאַל רופט אים אָן „ספר החזיונות" און איז ביים פאָלק באַקאַנט מיטן נאָמען „שבחי ר' חיים וויטאַל", הויבט זיך אָן מיטן יאָר שי"א–צווי יאָר איידער ער איז געבאָרן. די יאָרן צווישן שי"ד ביז של"א, זיינען די נאָטיצן זייער ווייניק, מאָגער און אָן אינטערעס. פון זיי איז צו מערקן, דאָס כאָטש וויטאַל האָט געשטרעבט צו העכערעס און גרעסערס, איז ער ביי זיך ניט זיכער געווען. ער איז שטענדיק געווען אין צווייפל, צו ער וועט באַגליקן. מאַנכע מאָל איז ער זייער מונטער, און צייטן–דערשלאָגן און ביי זיך געפאַלן.

אין צפת האָט דאַמאָלס געלעבט אַ גרויסער מקובל, ר' לפידות אשכנזי, וואָס פון זיינע אויגן אין קיין שום זאַך ניט פאַרהוילן געווען. דער ר' לפידות האָט געקאָנט יעדער איינעם זאָגן זיין פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. וויטאַל איז צו אים געגאַנגען זיך באַקענען מיט אים, אָבער ר' לפידות האָט אים ניט געוואָלט אויפנעמען און אפילו ניט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף אים. דאָס האָט אים זייער דערשלאָגן און אַריינגעבראַכט אין עצבות. אויפמאָרגן איז ער ווידער געקומען צו ר' לפידות, און איצט האָט ער אים אויפגענומען מיט דעם גרעסטן כבוד. האָט זיך ענטשולדיקט און געבעטן מחילה ביי אים וואָס נעכטן האָט ער ניט קיין אַכט געלייגט אויף אים. דאָס איז וויל ער האָט זיין נשמה ניט גוט געקענט, און ניט געוווסט די גרויסע חשיבות פון אים. ר' לפידות האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטן אים אויסצומוסרן פאַר די זינדיקע געדאַנקען זיינע און זיין שטרעבונג צו עולם הזה פאַרגניגען, און געבעטן אים צו דערווייטערן זיך פון דעם. זאָל נאָר שטרעבן צו הייליגקייט, צו דערהויבן זיין נשמה.

אויך אַנדערע מקובלים, און אפילו ווייבער וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט השבעות, צו לעזן געדאַנקען און טרעפן די צוקונפט, האָבן אים דאָס זעלבע פאַרזיכערט. איינע האָט אין

בוימל־טראָפּענס דערקענט זיין נשמה, און מיט אַ משל פון מדרש אים געזאָגט: דאָס זי זעט ווי ער גאַרט צו באַקענען זיך מיט דער חכמת־הקבלה, און זי האָט אים מבטיח געווען דאָס ניט נאָר וועט ער זי וויסן, נאָר וועט זיך אין איר דערגרונטעווען, וועט דער־גרייכן און וויסן מער פון יעדן מקובל פון יעדן דור און דור.

דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר ש"ל, דער יאָר וואָס דער האר"י האָט זיך צוריקגעקערט אין ארץ ישראל.

און אין יאָר של"א פאַרצייכנט וויטאַל:

„איך האָב אָנגעהויבן לערנען ביי מיין רבין".

איין קורצע באַשיידענע שורה. אָבער ווי וויכטיק זי איז פאַר וויטאַל! ער האָט געענדיקט אַ תקופה אין לעבן און טרעט אַריין אין אַ צווייטער. זיין זוכנדער־גייסט האָט זיין רו געפונען. ער איז געקומען צום ציל פון זיין שטרעבונג. ער ווערט דער תלמיד פון האר"י, ווערט צונויפגעבונדן און צוזאַמענגעקניפּט מיט אים. פאַרבייגט זיין אייגנעם איך, און איז צופרידן אונטער זיינע פליגלען זיין רום צו געפינען.

ער איז שוין דאַמאָלס געווען באַרימט. איך ווייס ניט צי אַלס מקובל, וואָס ווי עס ווייזט אויס האָט ער זיך גענומען צו קבלה אַ קורצע צייט איידער דער האר"י איז אָנגעקומען—אָבער ער איז זיכער געווען אַ קענטיגע פיגור. אַלס קינד האָט וויטאַל זיך אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינליך באַגאַבט. צו פערצן יאָר איז ער שוין געווען אַ תלמיד פון אלשיך, און ר' יוסף קאַרו האָט פון אים פיל געהאַלטן און אין אים געזען אַלס דער יעניקער וואָס וועט זיין פּלאַץ פאַרנעמען אַלס פּוסק. ער האָט באַזעסן גרויסע ידיעות אין אַסטראָנאָמיע. ער איז געווען אַ ספרא־רבה, האָט אין איין הרף־עין גאַנצע בויגנס פּאַפּיר מיט חדושי־תורה אָנגעשריבן, איז געווען רייך אין ווערטער און פאַרמאָגט אַ פליסענדן סטיל.

און דאָך איז אים ניחא געווען זיין גרויסקייט צו פאַרדונקלען, און ווערן אַ שאָטן פון זיין גרויסן רבין.

עס איז ניט באַוווסט ווו און ווען וויטאַל האָט זיך דעם ערש־טן מאָל געטראָפן מיט דעם האר"י. לויט די לעגענדע, און לויט וויטאַלס אייגענע ווערטער, איז דער האר"י געקומען אין ארץ ישראל נאָר צוליב אים. אין דעם אַרטיקל איבער דעם האר"י, האָב איך איבערגעגעבן די גרויסע בײנקשאַפט פון האר"י און ווי שטאַרק ער האָט געגאַרט צו האָבן וויטאַל פאַר זיין תלמיד. מיר ווייסן אויך דאָס וויטאַל האָט זיך פון אים דערוויטערט, האָט זיך געהאַלטן פיל גרעסער פון אים. מעגליך דאָס זיי האָבן זיך דעם ערשטן מאָל באַגעגנט אין די הויז פון קאָרדאָווירא. עס איז ניט באַקאַנט דאָס וויטאַל זאָל האָבן געלערענט ביי קאָרדאָווירא, אָבער עס איז קיין שום צווייפל ניט דאָס וויטאַל ווי יעדער מקובל, איז מער־וויניקער געווען נאָענט צו דעם קרייז פון קאָרדאָוויראָס תלמידים. ווי עס ווייזט אויס האָבן זיי אים דערווייטערט פון זיך, און וויטאַל האָט עטליכע מאָל פאַרלאָזן צפת. דורך דער צייט געפינען מיר אים אין ירושלים און אין דמשק.

עס איז זיכער דאָס דער האר"י איז צו וויטאַל צוגעצויגן געוואָרן, וויסנדיק זיינע געדאַנקען וועלכע האָבן געשטימט מיט זיינע—די גייסטיקע אויסלייזונג פון די אידן און די דערנענטערונג פון משיחס קומען. האָט אין אים געזען אַ הויכע נשמה, וואָס אונטער זיין איינפלוס וועט זי פאַרפאַרטיקן דאָס וואָס ער האָט אָנגעהויבן; דאָס מיט זיינע אויסערגעוויינליכע פייאיקקייטן וועט ער קענען באַאיינפלוסן דאָס גאַנצע פאָלק, און די שטרעבונגען זיינע וועלן דורך אים פאַרווירקליכט ווערן.

דעם אָנקומען פון וויטאַל אַלס תלמיד צום האר"י, ווערט ערגעץ דערציילט אויף אַ שיינעם פּאָעטישן אופן. וויטאַל האָט דאַמאָלס געוווינט אין דמשק, האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל תלמידים, און מיט זיין שאַרפע קריטיק פלעגט ער פאַר זיי מבטל זיין אַלע מקובלים. וויטאַל האָט זיך געהאַט אָפּגעגעבן אין שרייבן

אַ פּירוש אויפֿן זוהר, און געווען זיכער דאָס זיין פּירוש וועט אַלע מקובלים פֿאַרדונקלען און ער וועט ווערן פֿון אַלעמען אָנערקענט אַלס דער גרעסטער אויטאָריטעט אין קבלה. אָבער עטליכע נעכט נאָכאַנאַנד, האָט זיך אים געחלומט דאָס ער בלאָנדזשעט אַרום אַ גרויסן וווּנדערליך־שיינעם פּאַלאַץ, וועלכער איז פֿון אַלע זייטן פֿאַרהאַקט. ניטאָ קיין פֿענצטער און טירן אַריינצוגיין. פֿון פּאַלאַץ טראָגט זיך אַרויס אַ וווּנדערליך זיסער ניגון פֿון לערנען. ער הערט דאָס קול, ווערט צוגעאַנגען פֿון גרויס זיסקייט, פֿאַרשטייט אָבער ניט קיין וואָרט, כאָטש אין זיינע אויערן קלינגען אָפּ פֿאַרשידענע ווערטער. ער זוכט אַריינצוקומען אין פּאַלאַץ און געפֿינט ניט קיין וועג. אין מיטן זעט ער אַ וווּנדערליך לייכ־טענדע געשטאַלט, ווינקט צו אים, זוכט אים אַריינצופֿירן אינ־ווייניק.

אויף מאָרגן האָט ער מיט די תּלמידים געלערנט אַ מאמר אין זוהר, וואָס איז אים זייער שווער געווען צו דערקלערן. ער האָט זיך אָנגעשטריינגט צו פֿאַרטיפֿן זיך, איז אָבער נאָך מער צוטומלט געוואָרן. אַזוי איז אים עטליכע טעג שווער געווען צו פֿאַרשטיין די שטעלן, וואָס אים האָט זיך אויסגעדוכט דאָס זיי זיינען די גרינגסטע. צום פֿערטן מאָל האָט ער די תּלמידים גע־זאָגט איך וועל גיין אין צפֿת, און וועל ביי די מקובלים אויסגעפֿי־נען דעם פּשט. אגב וועל איך אַריינגיין צום האר״י, וועל אויסגע־פֿינען צו עס איז ריכטיק וואָס מען דערציילט וועגן אים. דער האר״י האָט וויטאַלן אויפֿגענומען מיט גרויס כבוד, און וויטאַל האָט אים גלייך געבעטן צו דערקלערן אים דעם מאמר. דער האר״י האָט אים באַלד געזאָגט דעם פּשט, דאָס ער האָט זיך פֿאַרוווּנדערט ווי ער האָט זיך אַליין ניט אָנגעשטויסן. אַזוי לייכט און גרינג איז דאָס געווען. באַקומענדיג אַ תּשובה אויף די צווייטע פֿראַגע. איז פֿאַר וויטאַל אויפֿגעעפֿענט געוואָרן אַלע טויערן פֿון ליכט. אָבער אויף דער דריטער פֿראַגע האָט דער האר״י זיך

אָנגערופן: עד כאן תחום שבת! מער איז מיר ניט ערלויבט צו ריידן וועגן דעם דאָזיקן ענין.

אַ דערשלאָגענער און מיט אַ געבויגען קאָפּ איז וויטאַל אַוועק פון האר"י. האָט צוריסן די קליידער אויף זיך, האָט אָנגעטאָן אַ זאַק אויף די לענדען און געוואָרפן זיך אין אַש. האָט גענומען פאַסטן און וויינען, האָט מיט אַ געבראָכן האַרץ מתפלל געווען צו גאָט, אים צו עפענען די אויגן צו קאָנען פאַרנעמען די שטאַרקע ליכט און געבן אים חן אין די אויגן פון האר"י, אים ניט צו דערווייטערן פון זיך.

אַז וויטאַל איז אין עטליכע טעג אַרום געקומען צום האר"י, האָט ער אים אויפגענומען נאָך מיט מער כבוד. האָט אים געזאָגט דאָט גאָט האָט זיין געבעט פאַרנומען. דאָס עס איז נאָר געווען אַ נסיון צו פרווען אים. דער האר"י האָט אים טאַקע דערקלערט דעם פשט, האָט גענומען אַנטפּלעקן די וואונדערליכסטע סודות.

וויטאַל איז געוואָרן דער תלמיד פון האר"י. דער ת ל מ י ד אין פולן זין פון וואָרט. וואָרום וואָס איז אייגענטליך דער מיין פון תלמיד אויב ניט זיין איבערגעבן צום רבין? וואָס איז די אויפגאַבע פון תלמיד אויב ניט דעם רבינס תורה צו פאַרשרייבן; זיינע, אין איינגע פיר ווינקלען געשאַפענע געדאַנקען, פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק, זיי ברייינגען צו ממשות און פאַרווירקליכונג אין לעבן, זיין איינפלוס זען אויסברייטן, שאַפנדיק אַרום אים אַן אַטמאָספערע און אַ באַוועגונג? זעלבסטפאַרשטענדליך דאָס ניט יעדער איינער איז ראוי צו אַזאַ אויפגאַבע, די אויפגאַבע פון אַ תלמיד. דער תלמיד איז בבחינת „יהושע משרת משה", איז אַליין גרויס אָבער באַזיצענדיק די נשמה פון אַ תלמיד, זיך צו פאַרקלענערן, אַבי צו זיין דער אויסדערווילטער וואָס האָט די זכיה אַריינצוגיין „לפני ולפנים", דער ערשטער צו וואַרימען זיך אין די שטראַלן פון רבינס זון, איז מער ביכולת צו פאַרשטיין זיינע טיפע מחשבות, זיי מאַכן פּאָפּולער, דערקלערן זיי אין אַ לייכטע

שפּראַך דאָס זיי זאָלן צו יעדן איינעם פאַרשטענדליך זיין, און אַזוי ווערן זיי אײַנגעזאַפּט אין יעדן איינעמס בלוט.

אַזאַ תּלמיד האָט דער בעל שם טוב געפונען אין מעזריטשער מגיד. דער ווילנער גאון אין ר׳ חיים וואָלאָזשינער, ר׳ ישראל סאַלאַנטער, אין ר׳ יצחק בלאַזער. דורך דעם ערשטן איז די חסידות אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסע פאָלקס־באַוועגונג. ר׳ חיים וואָלאָזשינער האָט מיט די גרינדונג פון דער ישיבה, דעם גאונס אײַנפלוס פאַרשטאַרקט.

ר׳ חיים וויטאַל איז דער ערשטער תּלמיד פון דעם טיפּ, וואָס מיר באַגעגנען אין די אידישע קולטורעלע שטרעמונגען אין די לעצטע פיר הונדערט יאָר. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געזוכט די קבלה אַרײַנצופירן אין די ברייטע פאָלקס־מאַסן. האָט איר אַרויסגעפירט פון אירע גרעניצן און געבראַכט איר צו אַ פאָלקס באַוועגונג, אַ באַוועגונג וואָס האָט אַ געוויסע צייט פאַרכאַפּט אַלע פאָלקס־שיכטן איבער דער גאַנצער וועלט.

און זיין איבערגעבנהייט צום האר״י—עס איז כּמעט ניט צו געפינען אַ גלייכן צו אים. פון דער ערשטער מינוט וואָס ער האָט איבערגעטראָטן דעם האר״יס שוועל, לעבט ער נאָר פאַר אים. אַלע זיינע חושים, אַלע זיינע געדאַנקען, זיינען קאָנצענטרירט נאָר אַרום אים. דער באַשיידענער עניוותדיגער האר״י אַנטלויפט פון דער עפנטליכקייט, זוכט צו זיין פאַר זיך, פאַר זיך מיט זיינע געדאַנקען. אָבער וויטאַל ווייס דאָס דער אײַנפלוס פון האר״י וועט זיך ניט פילן אויב ער וועט ניט ווערן די צענטראַלע קראַפט, דער פון אַלעמען פאַרגעטערט, דאָס אויב זיין תּורה וועט ניט, זאָל זיין אפילו דורך אַ דינעם שפּאַלט, דערגרייכן צום פאָלק, וועט זיין גרויסקייט ניט קענטיק זיין, וועט ניט מאַכן דעם געהעריקן אײַנדרוק. און וויטאַל זעט מיט אַלע מעגליכקייטן צו שאַפן אַן אַטמאָספערע אַרום דעם האר״י, צו וועבן לעגענדעס איבער זיין גרויסקייט, הייליקקייט און חכמה, מאַכן אים די פערזענליכ־

קייט וואָס יעדער איינער זאָל אין אים געפינען אַ טייל פון זיך זעלבסט.

און גלייך נאָכן טויט פון האר"י, שטריינגט וויטאַל אָן זיין גאַנצע ענערגיע דאָס זיין איינפלוס זאָל ניט אָפּגעשוואַכט ווערן. עס מוז דאָ באַטאָנט ווערן דאָס קאָרדאָוויראָס איינפלוס אויף אַ גרויסן טייל מקובלים אין צפת ווי אויך אין חוץ לארץ (אי־בערהויפּט אין איטאַליע), איז נאָך קאָנטיג געווען, וויטאַל זעט קאָרדאָוויראָס איינפלוס אין גאַנצן אָפּצושוואַכן. דעם האר"יס תורה האָט זיך נאָך ניט געפונען בכתב, איז נאָך ניט געווען פאַר־עפנטליכט, אָבער בעל־פּה פלעגט וויטאַל שטענדיק באַטאָנען דעם אונטערשייד צווישן דעם האר"י און קאָרדאָווירא, און דאָס דעם ערשטענס איז די אמתע, די ריכטיקע. זיין איפּערזוכט פאַר דעם האריס כבוד האָט אַזוי ווייט דערגרייכט דאָס ער האָט קאָרדאָוויראָן אין גאַנצן גענומען מבטל זיין. ווי ער דערציילט האָט ער דריי חדשים נאָך דעם האריס טויט, אין חלום געזען קאָרדאָוויראָן צוזאַמען מיט די מקובלים פון צפת. ער האָט אים באַשוואָרן צו זאָגן אים דעם אמת וואָס מען דיינקט אויף יענער וועלט וועמעס אַרט לערנען קבלה איז די ריכטיקע, זיינע צו דעם האר"יס. קאָרדאָווירא האָט אים געענטפערט דאָס ביידע זיינען אמת, נאָר זיינע איז על פּי פשט, פאַר אָנפאַנגער, אָבער דעם האר"יס קבלה איז אַ טיפע, איז דער עיקר. איצט, זייענדיק אויף דעם עולם האמת, לערן איך קבלה נאָר לויט דעם גאַנג פון האר"י.

ער גייט נאָך ווייטער, שטעלט זיך ניט אָפּ צו מבטל זיין קאָרדאָוויראָן און צוזאַמען מיט אים—אַלע מקובלים. אין זיין הקדמה צום „עץ חיים" שרייבט ער: „מייד אויס און דערווייטער זיך פון די אַלע מקובלים וועלכע האָבן געלעבט נאָכן רמב"ן. זייט אים איז די דאָזיקע חכמה פאַרדונקעלט און ניט גענוג קלאָר צו זיי. זייערע ידיעות זיינען כללים און הקדמות, צווייגן אָן

וואָרצלען, און אויף זיי האָבן די לעצטע מקובלים געבויט זייערע רייד, געבויט אויף דעם מענטשליכן שכל". ניט מיטן שכל און ניט מיט געדאַנקען און ניט מיט טערמינען וועגן עשר ספירות, דערגרייכט מען די וואונדערליכע חכמה, נאָר מיט רוח הקודש. דורך רוח הקודש און גלוי אליהו, דערגרייכט מען צו דער מדרגה צו פאַרנעמען די טיפע סודות. און אין יעדן דור געפינען זיך איינצעלנע געציילטע אויף וועמען עס האָט גערוט דער רוח הקודש און אליהו הנביא האָט מיט זיי געלערנט די סודות פון קבלה. און אַזוי באַטאָנט ער עטליכע מאָל דאָס דער האר"י איז געווען דער איינציקער פון זיין דור „וואָס אליהו הנביא פלעגט זיך שטענדיק צו אים אַנטפּלעקן, פלעגט מיט אים ריידן מויל צו מויל און לערנען מיט אים די דאָזיקע חכמה".

און באַשרייבנדיק די גרויסקייט פון האר"י, אויסרעכענענדיק די אַלע שבחים זיינע, פאַרגעסט ער אויך ניט אָפּצורעכנען זיך מיט די געגנער פון האר"י, פון די קריטיקער און אויסלאַכער. ער פאַרענדיקט זיינע רייד: „איך האָב דאָס אַלץ אויסגעשריבן כדי אָפּצושוואַכן די רייד פון די וואָס רעדן מיט חוצפּה און גאוה אויף דעם צדיק, און ווילן זיין גרויסקייט פאַרקלענערן."

אַזוי האָט וויטאַל און די איבעריקע תלמידים פון האר"י געווירקט זיין אַיינפלוס אויסצובררייטן אויפן פאָלק, און ביי פילע איז דערוועקט געוואָרן אַ חשק זיך צו באַקענען מיט דעם האר"יס קבלה, עס האָט זיך געמערקט אַ פאָדערונג צו זען זיינע ספרים געדרוקט.

וויטאַל האָט זיך אָבער ניט געאיילט דעם האר"יס תורה אַרויסצוברענגען אין רשות הרבים. עס איז נאָך ניט געקומען די צייט און ער האָט קיין רשות ניט צו אַנטפּלעקן די גרויסע ליכט— האָט ער געטענהט. „מיט דעם טויט פון האר"י זיינען די קוואַלן פאַרשטאָפּט געוואָרן", איז זיין תשובה געווען. די קונטרסים וואָס זיינע חברים האָבן פאַרשריבן, האָט ער ניט אַנערקענט. זיי האָבן

דעם האר"י ניט גוט פאַרשטאַנען און מען קען זיך אויף זיי ניט פאַרלאָזן–האָט ער זיי מבטל געווען. ער איז דער איינציקער וואָס איז ביכולת דעם רבינס געדאַנקען איבערצוגעבן, ווייל „פון דעם טאָג וואָס מיין רבי האָט אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן די דאָזיקע חכמה, האָט מיין האַנט זיך ניט אָפּגעטאָן פון זיין האַנט אפילו אויף איין מינוט ניט". און אַזוי נעמט וויטאַל דעם האר"יס תורה צו פאַרעפענטליכן, הויבט אָן שרייבן זיינע פילע ספרים, די ספרים אין וועלכע זיין פערזענליכקייט ווערט פאַרשטעלט, זיין אינדיווידואַליטעט פאַרדונקעלט, אַבי דעם האר"יס גרויס־קייט זאָל זיך אָנזען און זיין איינפלוס זאָל אויף אַלעמען אויסגע־גאָסן ווערן.

ער טוט דאָס אויך מיט אַ מאָס. איז „מגלה טפח ומכסה טפחיים", און דאָס איז אויך פאַרשטעלט, איז פול מיט רמזים, איז ניט פאַר די גרויסע מאַסע, אָבער דער הויפּט־געדאַנק–די גייסטיגע באַפרייאונג פון פאָלק איז שאַרף באַטאָנט. באַטאָנט איז אויך די וויכטיגקייט פון קבלה צו יעדן איד. „אין די דאָזיקע דורות–שרייבט ער–איז אַ מצוה און די גרעסטע פרייד פון דעם קדוש ברוך הוא, דאָס די דאָזיקע חכמה זאָל נתגלה ווערן. אין איר זכות וועט משיח קומען. דער יעניקער וואָס אים באַגליקט ניט אין לערנען גמרא זאָל אין גאַנצן אַוועקלייגן דעם תלמוד און זיך באַ־שעפטיקן נאָר מיט קבלה".

אָט דאָ זעען מיר צום ערשטן מאָל אַ ריס צווישן קבלה און נסתר, אַ קאַמף צווישן קבלה און תלמוד. פריער זיינען זיי געגאַנגען האַנט אין האַנט, און איינע אָן די צווייטע האָבן זיך ניט אָנגעשטויסן. קאָרדאָווירא איז געווען אַ גדול אין תלמוד. קאַרו, דער גרויסער פּוסק, האָט אין דער קבלה זיך אינטערעסירט ניט ווייניקער ווי אין הלכה, און געוואָלט פאַרנעמען אַ קענטיקן פּלאַץ אויף דעם דאָזיקן געביט. דער האר"י האָט אויך געשמט אַלס גדול אין תלמוד. וואָלט דער האר"י ניט באַוועסן גרויסע

ידיעות אין נגלה, וואָלטן די מקובלים זיכער ניט אָנערקענט זיין גרויסקייט און אים דערוווּילט אַלס פירער. נאָך מער—דער האר״י האָט אין דער קבלה אַריינגעלייגט דעם יסוד פון תלמודישן פלפול. דער האר״י פלעגט זיינע תלמידים פיל מזהיר זיין אויף דער וויכטיגקייט פון נגלה. וויטאַלן פלעגט ער הייסן לערנען „פשט" ביים אלשיך. וויטאַל איז טאַקי געווען אַ תלמיד מובהק אין נגלה (אָדער „פשט" ווי דער האר״י האָט דאָס אָנגערופן) ביים אלשיך, און פון אים באַקומען סמיכה. דער פאַקט אַליין וואָס וויטאַל איז נסמך געוואָרן (אין דער „סמיכה" רופט דער אלשיך אים אָן: „החכם השלם החסיד המקובל"), באַווייזט דאָס ער איז געווען גרויס אין תלמוד. דאָך האָט וויטאַל געזוכט צו פאַרקלענערן די וויכטיגקייט פון נגלה אויפן חשבון פון דער קבלה.

וויטאַל איז געשטאָרבן אין דמשק, כ״ח אייר ש״פ. זיין קומען קיין דמשק איז פאַרבונדן מיט די פאָלגענדע לעגענדע: בשעת וויטאַל האָט געוווינט אין ירושלים, האָט דער פּאַשאַ אים געשיקט רופן און געפאָדערט פון אים דאָס ער זאָל מיט אַ שם אויפעפענען די וואַסער־קוואַלן וואָס יחזקיהו המלך האָט פאַרשטאָפּט. וויטאַל האָט אים ניט געוואָלט פאָלגן און איז דורך קפיצת הדרך דעם זעלבן טאָג אָנגעקומען אין דמשק.

אין דמשק, פּונקט ווי אין ירושלים און מצרים, ווו וויטאַל האָט איינע יאָר פאַרבראַכט, האָט וויטאַל ניט באַקומען די פאַרדינטע אָנערקענונג. אין ירושלים איז ער געווען גערודפט און אין דמשק האָט ר׳ יעקב אַבולאַפיע אים ניט ערלויבט צו דרשנען, האָט אים איינמאָל אפילו אַריינגעלייגט אין חרם, פאַר עובר זיין פאַרזאָג. וויטאַל האָט געענטפערט מיט אַ געגנסטראַשן: „דמשק וועט איבערגעקערט ווערן ווי סדום, ירושלים וועט חרוב ווערן נאָר צפת וועט ניצול ווערן". אָבער אויך אין צפת האָט ער זיך ניט געקאָנט אויפהאַלטן און פיל געגנער דאָרט געהאַט.

נאָך זיין טויט האָט זיין זון שמואל גענומען מסדר זיין זיינע

איבערגעבליבענע ספרים, וועלכע די מערסטע פון זיי זיינען פילע מאָל געדרוקט. זיי זיינען אָבער אַן ענין נאָר פאַר יחידי סגולה. צו די ברייטע מאַסן איז אָבער שטאַרק פּאָפּולער זיין קליין ספרל „שערי קדושה", וואָס ביז היינטיקן טאָג קען מען אים געפינען אין דעם טלית זעקל פון פילע אידן אין ליטע און אַנדערע לענדער.

רשימה

פון פּערזאָנען, ביכער, אַרטיקלען און ענינים
וואָס ווערן דערמאָנט אין בוך

אַבוהב יצחק, 15, 16
אַבוכנאַר שלמה, 16
אַבולאַפיע יעקב, 152, 183
אבי״גע, 160
אבן־ בירול שלמה, 80, 84
אבן העזר, 42
אבן־יחיא גדליה, 115
אבן־לאַטיף יצחק, 158
אבן־עזרא אַברהם, 116
אבן־עזרא משה, 80, 116
אַבקת רוכל, 13, 25, 42, 135
אַברבנאַל דאָן יצחק, 49
אַברהם גבריאל, 153
אָדם העליון, 139
אָדם הראשון, 141, 162
אַדריאַנאָפּאָל, 23, 36, 41, 74, 77
אוזידאַ שמואל, 17, 155
אוניווערז, 161
אורה (נאַג׳אַראַס טאָכטער), 110
אור נערב, 27
אושקי שמואל, 119
אַזולאַי אַברהם, 11, 12
אַזולאַי חיים יוסף דוד, 27
אַזולאַי מסעוד, 153
אַזכרי אליעזר, 77, 153
אַזמר בשבחין, 166
אידרות, 27
איוב, 57, 118
איטאַליע, 9, 19, 49, 57, 58, 63, 68, 88,
115, 159, 173, 180
אַילת אַהבים, 72, 74, 79, 80
אין סוף, 31, 159, 160, 161, 162
איריראָ אַברהם, 30
אכתריאל, 93, 94, 95, 97
אַלטאַראַס יוסף, 118
אליהו הנביא, 91, 92, 123, 124, 130, 181
אליעזר (דער קנעכט פון אברהם), 30
אליעזר הגדול, 130
אלישע בן אַבויה, 88
אליעזר (זון פון ר׳ שמעון בן יוחאי), 26,
90
אַלקבץ משה, 74
אלשיך משה, 17, 18, 70, 74, 80, 141, 152,
175, 183
אנקונאַ, 58
אַפּומאַדו יצחק, 131
אַפּריון שלמה, 80
אַפריקע, 48
אַצילות, 139, 159, 160, 161, 162
אַקאָסטאָ אוריאל, 47
אַראַביען, 48
אַרזון יוסף, 153
אַרמענישער „דער״, 126
אַשכנזי בצלאל, 118, 127
אַשכנזי חיים, 173
אַשכנזי לפּידות, 174

באָלאניע, 63, 68
באַסילאַ משה, 29
באר מים חיים, 119
בדק הבית, 42
בולגאַריע, 36
בחיי, 39
בי־רב יעקב, 16, 25, 41, 54, 55
ביריאָ (דאָרף לעבן צפת), 41
בית יוסף, 13, 32, 37, 41, 69, 83, 135, 173
בלאַזער יצחק, 179
בנימין פון טאָלידאָ, 13
בן־גיאת, 116
בן ישראל מנשה, 82
בן־לב יוסף, 37
בן פורת, 76
בני גד ובני ראובן, 48
בעל שם טוב, 179

ברוכים אברהם הלוי, 18, 141, 153, 166
ברוסאַ (שטאָט אין טערקיי), 114, 117
בריאָה, 159, 160, 161
ברית הלוי, 79
בתי כהונה, 127

גאַלאַנטי אַברהם, 16
גאַלאַנטי משה, 143, 144, 155
גאָרדאָן יהודה ליב, 83
גורי־האר״י, 18, 108, 153, 157
גלגול פון משה, 152
גלגול פון קורח, 152
געטע, 88
גרעץ צ.ה., 31, 161
גרושין, 26

דבורה (מולכוס כלה), 55, 69
דוד המלך, 125
דוד הראובני, 47, 48, 49, 50, 51, 53, 54, 57, 60, 63, 65
דיוראַעלי, 44
דייטשלאַנד, 9, 19, 57, 58, 63, 67, 159
דמשק, 59, 112, 113, 120, 156, 176, 183

האָראָדעצקי ש.א. 164
הגדה של פסח, 79
הורוויץ חיים, 16
הושע, 140
היינע היינריך, 74, 83
העדושאַס, 48
הערדער, 83
השחר. 163

וואַטיקאַן, 58
ווידאַש אליהו, 17, 80, 155
וויטאַל שמואל, 119, 183
ווילנע יעקב, 20
ווילנער גאון, 179
ווענעציע, 49, 61, 76
ווענעציער רעפּובליק, 61

זוהר, 10, 12, 23, 25, 27, 28, 156, 158, 159, 160, 169, 177
זיבן מלכים, 161
זיבן ספירות, 161
זכריה בן יהוידע, 30
זמירות ישראל, 110, 117
זרחיה (דילאַ־ריינהס ברודער), 101

חברת בעלי תשובה, 78
חבת ירושלים, 16
חובת הלבבות, 39
חורבת ר׳ יהודה החסיד, 108, 124
חיון גדליה, 20
חיים בן חיים, 114, 115, 117
חיים וואַלאָזשינער, 179
חית קנה, 56
חמדת הימים, 109

טאָלידאָ (שטאָט אין שפּאַניען), 35
טבול יוסף, 153
טבריה, 20, 42, 91, 157
טוניס, 9
טייטצאַק יוסף, 37, 54, 61, 62, 75, 76
טערקיי, 48, 54, 55, 58, 66, 119

יה רבון עלם ועלמיא, 109
יהודה בן אילעאי, 43
יהודה הלוי, 83, 116
יהודה החסיד, 20
יהודה מאיר (דילאַ־ריינהס תלמיד), 102
יוחנן הסנדלר, 125
יונה הומיה, 116
יוסי (פון יוקרת), 27
יחזקאל, 140
יחזקיהו המלך, 183
יעלעניק אַדאָלף, 163
יעמען, 9
יצחק פון עכו, 13, 158
ירושלים, 14, 20, 54, 58, 59, 61, 66, 86, 108, 120, 124, 127, 139, 164, 183
ירמיה, 140, 141

ישעיה, 57
יצירה, 160
ישראל סאַלאַנטער, 179

כהן יוסף, 76
כהן יוסף, 110
כהן יצחק, 76, 153
כוורי, 77
כותל־מערבי, 141
כלים תתאין, 161
כללי התלמוד, 42
כנרת, 91, 148, 157
כסף משנה, 42
כתובה (פזמון פון נאַג'אַראַ), 109

לאַנזאַנאַ מנחם, 114
לוטער מאַרטין, 58
לוצאַטו משה חיים, 20
לוריע שלמה, 125, 126
לחם סתרים, 76
לחם שלמה, 80
לחמי אַברהם, 118
לילית, 96, 97, 100
ליסאַבאָן, 45, 47, 51, 61, 66, 67
לכה דודי, 23, 71, 72, 74, 80, 82, 83, 84, 165
לעטעריס מאיר, 88, 116
לקח טוב, 108
לקוטי ש"ס, 135

מאָדינאַ יהודה אריה, 115
מאָדענאַ (פירשט פון), 27
מאַטראַני יוסף, 17
מאָנאָטיאיזם, 31
מאַנטוואַ, 63, 68
מאַנטינאַ יעקב, 62
מאַראָקאָ, 9
מגיד משרים, 34, 39, 70, 77
מורה נבוכים, 22, 108
מחמד, 48
מטטרון, 93, 167
מטתו של שלמה, 80

מיזעס יצחק, 161, 163
מיכאל, 57
מימי ישראל, 112, 118
מירון, 15, 79, 90, 94, 139
ממוני עברות, 145
מנהגי האר"י, 137
מנות הלוי, 76, 80
מעזריטשער מגיד, 179
מעקאָ, 48
מערכות ישראל, 118
מערן, 19
מצרים, זע עגיפּטען
מקוה ישראל, 118
מרימס ברונים, 157
משיח בן יוסף, 57, 138, 169
משנה תורה, 22
משען יהודה, 153

נאַג'אַראַ לוי, 107
נאַג'אַראַ יעקב, 119
נאַג'אַראַ משה (פאָטער), 101, 108, 111, 153
נאַג'אַראַ משה (זון), 119
נאַדושאַראַ (שטאָט אין שפּאַניען), 107
נאַוואַראַ שלמה, 102, 103
נאַקסוס, 42
נוסח האר"י, 136
נילוס, 130
ניקאָפּאָל (שטאָט אין בולגאַריע), 36, 39
נעאַפּאָל, 50
נשיא דאָן יוסף, 42
נשמת חיים, 82
נתן העזתי, 19

סאַוואַ יצחק, 36
סאַלאָניק, 23, 39, 40, 56, 57, 58, 74, 75, 77, 115, 116
סאַראַגאָסאַ יוסף, 54
סדר עבודה, 27
סוד הצמצום, 161
סוכת שלום, 77, 153

סיריע, 115
סמאַל, 57, 85, 91, 93, 94, 95, 96, 97, 98, 99, 121
סנדלפון, 93
ספירות, 160
ספר המפואר, 56
ספרא דצניעותא, 27
ספר הגלגולים, 30, 33
ספר החזיונות, זע שבחי ר׳ חיים וויטאַל
ספר חרדים, 77, 153
סקאָט וואָלטער, 44
סרוק ישראל, 153

עבותות אהבה, 80
עגיפּטען, 19, 40, 48, 49, 127, 128, 129, 131
עולם התקון, 161, 163
עזה, 119
עזרא הסופר, 173
עזריאל פון גרונאָ, 31, 158
עמנואל הרומי, 115, 116
עמק המלך, 19
ענגלאַנד, 9
ענו רפאל, 113
עסיס רמונים, 30
עץ חיים, 180
עקיבא, 70, 131
עקדה, 77
עשיה, 160
עשר ספירות, 181
עשרת השבטים, 48, 49

פּאַלקאָן אליהו, 82, 150
פּאַנו מנחם עוריה, 27, 30, 172
פּאַסיי יצחק, 131
פּאָעטישע אַקאַדעמיע, 115, 116
פּאַפּירש מאיר, 106
פּאָרטוגאַל, 35, 45, 49, 53, 57, 61, 68
פּוילען, 19
פּיערעס דיעגאָ (מולכוס קריסטליכער נאָמען), 46, 68, 69
פּעטיט שלמה, 13
פּעראַראַ (שטאָט אין איטאַליע), 63

פּערוזיע, 115
פּצעי אוהב, 118
פּרדס רמונים, 22, 24, 28, 30, 31, 34, 101
פּרוביצאַל יהודה נתן, 77
פּרקי אבות, 42

פֿאָוסט, 88
פֿראַנסיס מרדכי, 125, 127
פֿראַנק אַדאָלף, 163
פֿראַנקרייך, 159
פֿרידלענדער מרדכי צבי, 119

צאהלון יום־טוב, 30
צדון, 100, 102
צונץ לעאָפּאָלד, 83
צמצום, 31, 159
צפת, 14, 18, 19, 23, 27, 29, 37, 39, 41, 42, 54, 55, 59, 69, 71, 74, 77, 80, 85, 89, 90, 101, 102, 106, 107, 108, 110, 111, 120, 131, 132, 133, 136, 139, 140, 148, 150, 156, 162, 164, 169, 170, 173, 174, 177, 180, 183
צפת אין זעכצנטן יאָרהונדערט, 44

קאַירא, 127, 130
קאַלבּיריע (שטאָט אין איטאַליע), 173
קאַלבּעריעס יוסף, 172
קאָסטאַניטיני אַברהם, 13
קאָנסטאַנטינאָפּאָל, 17, 41, 114
קאָרדאָוואַ (שטאָט אין שפּאַניען), 23
קאָרדאָווירא גדליה, 30
קאָרו אפרים, 35
קאָרו יצחק, 35
קאָרו שלמה, 33
קאַרל (דער פינפטער), 63, 68
קב הישר, 84
קבלה אשכנזית, 158, 159, 163
קבלה מעשית, 21, 158, 159, 162
קבלה עיונית, 21, 158
קבלה ספרדית, 158, 159
קהל חברים, 25, 78, 79
קהל חסידים, 20

קואינקא אַברהם, 19
קורא הדורות, 101, 119
קישון (טייך), 94
קלעמאַנס (דער זיבעטער), 49, 68

ראַסהיים יאָזועלמאַן, 64, 65, 66
ראַפּאָפּאָרט יצחק, 127
ראשית חכמה, 18, 80
רבקה (דעם אר"יס מוטער), 125
רדב"ז (ר' דוד אבי זמרה), 127, 131, 133
רודערמאַן פסח, 163
רוים, 48, 57, 58, 59, 60, 61, 62, 69
רוקח אליעזר, 159
רות, 79
ריעד טשאַרלס, 44
רלב"ג, 77
רלב"ח (ר' לוי ן' חביב), 16, 54
רמב"ם, 22, 36
רמב"ן, 13, 14, 42, 158, 180
רעגענסבורג, 63, 64
רעיא מהימנא, 27,
רש"י, 35, 42, 125

שבחי האר"י, 125, 126, 127, 137, 141, 144
שבחי ר' חיים וויטאַל, 174
שבחי ירושלים, 101
שברי כלים, 161
שבתי משה, 153
שבתי צבי, 19, 102, 103
שוחטי הילדים, 118
שולאל יצחק הכהן, 54
שומר אמונים, 80
שורש ישי, 79, 80
שיח חדש, 56
שיטה מקובצת, 118, 127, 128
שיר השירים, 72
של"ה (דער), 14, 81, 82
שלחן ערוך, 21, 32, 34, 36, 41, 42, 77
שמואל בר נחמני, 141
שמואל צרפתי, 77
שמעון בן יוחאי, 12, 15, 19, 26, 28, 29, 90, 130, 131, 139, 164
שמעיה ואַבטליון, 169
שמשון אויסטריפּאָליער, 137
שעור קומה, 27
שעכטער שלמה, 25, 44, 88
שער השמים, 30, 31
שערי קדושה, 184
שפּאַניען, 9, 23, 35, 106, 107, 129
שפּינאָזאַ, 30, 31, 163
שרעבי שלום, 20

תולדות יצחק, 35
תומר דבורה, 27
תורת ח"ן, 14
תיקונים, 10, 27
תפילין של רב קלבראַש, 172